ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# עירובין

בלשון הקודש
ואידיש

**203**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת עירובין

## כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת עירובין

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה,**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

(דף ג) **א אשכחן** מקדש דאיקרי משכן ומשכן דאיקרי מקדש בשלמא מקדש דאיקרי משכן דכתיב (ויקרא כו) ונתתי משכני בתוככם אלא משכן דאיקרי מקדש מנ"ל אילימא מהא דכתיב (במדבר י) ונסעו הקהתים נושאי המקדש והקימו את המשכן עד בואם (ע"ב) ההוא בארון כתיב אלא מהכא (שמות כה) ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם:

(דף ג) **ב אמרי** אינשי קדרה דשותפי לא קרירא ולא חמימא:

(דף יג) **ג אמר** רב יהודה אמר שמואל משום רבי מאיר כשהייתי לומד תורה אצל רבי עקיבא הייתי מטיל קנקנתום לתוך הדיו ולא אמר לי דבר וכשבאתי אצל רבי ישמעאל אמר לי בני מה מלאכתך אמרתי לו לבלר אני אמר לי בני הוה זהיר במלאכתך שמלאכתך מלאכת שמים היא שמא אתה מחסר אות אחת או מיתר אות אחת נמצא אתה מחריב

כמו בארון כ"ו י"ב . שהוא משא בני קהת ועל שם שהוא מקודש משאר המשאות קרוי מקדש : אתה מחסר אות אחת . וה' אלהים אמת אם אתה מחסר אלף הרי אתה מחריב וידבר ה' אם הוסיף אות אחת והכתוב וידברו נמצא מחריב :

---

# פרק ראשון

**א** אַשְׁכְּחָן . מִיר גֶעפִינֶען אַז דֶער מִקְדָשׁ וֶוערְט גִירוּפֶען מִשְׁכָּן . אוּנ דֶער מִשְׁכָּן וֶוערְט גִירוּפֶען מִקְדָשׁ . זָאגְט דִי גְמָרָא אַז דֶער מִקְדָשׁ וֶוערְט גִירוּפֶען מִשְׁכָּן אִיז רִיכְטִיג וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נָאט הָאט גְזָאגְט אִיךְ וֶועל גֶעבִּין מַיין מִשְׁכָּן (מַיין רוּהוּנְג) צְווִישֶׁען אַייךְ . אִין מִקְדָשׁ וֶועל אִיךְ גֶעבִּין מַיין מִשְׁכָּן (מַיין רוּהוּנְג) . נָאר אַז דֶער מִשְׁכָּן וֶוערְט גִירוּפֶען מִקְדָשׁ פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר . זָאלְין מִיר זָאגִין וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא קְהָתִים וָואס הָאבֶּען גִיטְרָאגֶען דֶעם מִקְדָשׁ הָאבֶּען גִיצוֹיגֶען . אוּנ זֵייא (גֵרְשׁוֹן אוּנ מְרָרִי) הָאבֶּען אוֹיף גִישְׁטֶעלְט דֶעם מִשְׁכָּן אֵייֶדער דִי קְהָתִים זֶענֶען גִיקוּמֶען . פְרֶיעֶר זָאגְט דֶער פָּסוּק מִקְדָשׁ דֶער נָאךְ זָאגְט עֶר מִשְׁכָּן . זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז דֶער מִקְדָשׁ וֶוערְט גִירוּפֶען מִשְׁכָּן . וָוארוּם דָא שְׁמוּעֶסְט מֶען דָאךְ פוּן מִשְׁכָּן . זָאגְט דִי גְמָרָא נֵיין . דֶעם וָוארְט מִקְדָשׁ מֵיינְט מֶען נִיט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ . נָאר מֶען מֵיינְט מִקְדָשׁ דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ . דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אָרוֹן וָוס דִי קְהָתִים הָאבְּען גִיטְרָאגֶן . נָאר זָאגְט דִי גְמָרָא פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דֶער מִשְׁכָּן וֶוערְט גִירוּפֶען מִקְדָשׁ . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נָאט הָאט גְזָאגְט דִי יוּדֶן זֵיי זָאלֶען מַאכֶען צוּ מִיר אַמִקְדָשׁ וֶועל אִיךְ רוּהֶען צְווִישֶׁען זֵיי . דֶער פָּסוּק אִיז גְזָאגְט גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן , אוּנ דֶער פָּסוּק רוּפְט אִיהם מִקְדָשׁ . זֶעהְן מִיר אַז דֶער מִשְׁכָּן וֶוערְט גִירוּפֶען מִקְדָשׁ :

**ב** אַמְרֵי . מֶענְטְשִׁין זָאגִין אַז צְווֵיי שׁוּתְּפִים הָאבֶּען גִישְׁטֶעלְט אַטָאפּ צוּם פַייאֶר עֶר זָאל קָאכִין . וֶועט דֶער טָאפּ זַיין נִיט קַאלְט אוּנ נִיט וַוארֶעם :

**ג** אָמַר . רַב יְהוּדָה זָאגְט שְׁמוּאֵל הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי מֵאִירס וֶועגִין וֶוען אִיךְ הָאבּ גִילֶערְנְט תּוֹרָה בַּיי רַבִּי עֲקִיבָא פְלֶעג אִיךְ אַרַיין גִיסֶען קַנְקַנְתּוֹם אִין דֶעם טִינְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבֶּן סִפְרֵי תּוֹרוֹת . אוּנ רַבִּי עֲקִיבָא הָט מִיר גָאר נִיט גְזָאגְט אַז כֶען טָאר נִיט גִיסֶען קַנְקַנְתּוֹם אִין דֶעם טִינְט וָוס מֶען שְׁרַייבְּט סִפְרֵי תּוֹרוֹת . נָאר אַז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל . הָט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל צוּ מִיר גְזָאגְט מַיין זוּהן וָוס אִיז דַיין אַרְבֶּעט . הָאבּ אִיךְ גְזָאגְט צוּ אִיהם אִיךְ בִּין אַשְׁרַייבֶּער וָואס שְׁרַייבְּט סִפְרֵי תּוֹרוֹת הָט עֶר צוּ מִיר גְזָאגְט מַיין זוּהן זָאלְסְט דִיךְ הִיטֶען מִיט דַיין אַרְבֶּעט . וָוארוּם דַיין אַרְבֶּעט אִיז אַגֶאטְלִיכֶע אַרְבֶּעט . וָוארִים אוֹיבּ דוּא וֶועסְט שְׁרַייבֶּען אֵיין אוֹת וֶוינִיגֶער (דוּא וועסְט דַארְפִין שְׁרַייבֶּען וַה' אֱלֹהִים אֱמֶת . נָאט אִיז אֱמֶת . וֶועסְטוּ פַאר גֶעסִין צוּ שְׁרַייבֶּען דֶעם א פוּן אֱמֶת . נָאר דוּא וֶועסְט שְׁרַייבֶּען מֶת . וֶועט מֶען לֵייעֶנֶען וַה' אֱלֹהִים מֶת . נָאט אִיז גִישְׁטָארְבֶּען) אָדֶער אֵיין אוֹת מֶער (דְהַיְינוּ דוּא וֶועסְט דַארְפִין שְׁרַייבֶּען וַיְדַבֵּר ה' . נָאט הָאט גִירֶעט . וֶועסְטוּ שְׁרַייבֶּען וַיְדַבְּרוּ מִיט אַוָא"ו . זֵיי הָאבֶּען גִירֶעט . וֶועט מֶען מֵיינֶען עֶס זֶענֶען דָא פִיל גֶאטֶער) . וֶועסְטוּ דָאךְ חָ"ו מַאכֶען דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט

דבר אחד יש לי. לקמן מפרש מאי קא מהדר ליה: כתב שיכול למחות. וקנקנתום רישומו ניכר מאד: אלי קא"ל. רבי ישמעאל: ומאי קמהדר ליה. ר"מ הזהיר ליה על חסר ויתיר ומהדר ליה קנקנתום יש לי:

על סוף דעתו. לא יכלו להבין באיזו דבריו נכונים ובאיזו אין דבריו נכונים שהיה נותן טעם מיושב והגון לשאין הלכה כהלכה: דחזיתיה לר"מ מאחוריו. כשלמדתי לפניו ישבתי בשורה שלאחריו:

מחריב את כל העולם כולו אמרתי לו **דבר אחד** יש לי וקנקנתום שמו שאני מטיל לתוך הדיו אמר לי וכי מטילין קנקנתום לתוך הדיו והלא אמרה תורה (במדבר ה) וכתב ומחה כתב שיכול למחות מאי קאמר ליה ומאי קא מהדר ליה הכי קאמר ליה לא מיבעיא בחסירות ויתרות דלא טעינא (דבקי אנא) אלא אפילו מיחוש לזבוב נמי דילמא אתי ויתיב אתגיה דדלית ומחיק ליה ומשוי ליה רי"ש דבר אחד יש לי וקנקנתום שמו שאני מטיל לתוך הדיו:

(ע"ב) **אמר** רבי אחא ברבי חנינא גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שאין בדורו של רבי מאיר כמותו ומפני מה לא קבעו הלכה כמותו מפני שלא עמדו חבריו על סוף דעתו שהיה אומר על טמא טהור ומראה לו פנים ועל טהור טמא ומראה לו פנים תנא לא רבי מאיר שמו אלא רבי נהוראי שמו ולמה נקרא שמו רבי מאיר שהיה מאיר עיני חכמים בהלכה ולא נהוראי שמו אלא רבי נחמיה שמו ואמרי לה רבי אלעזר בן ערך שמו ולמה נקרא שמו רבי נהוראי שמנהיר עיני חכמים בהלכה. אמר רבי האי דמחדדנא

מחבראי

---

האב איך גזאגט צו רבי ישמעאל איך האב איין זאך דאס הייסט קנקנתום (וויטריאל) און איך גיס דאס אריין אין דעם טינט. האט רבי ישמעאל צו מיר גזאגט מעג מען דען אריין גיסען קנקנתום אין דעם טינט וואס מען שרייבט ספרי תורות. די תורה האט דאך גזאגט ביי א סוטה מען זאל שרייבען און אפמעקן. דארף דאך זיין אזוי אגעשריפט מען זאל קענען אפמעקן. און אז אין טינט איז דא קנקנתום קען מען דעם טינט ניט אפמעקן. פרעגט די גמרא וואס האט רבי ישמעאל געפרעגט ביי רבי מאיר. און וואס האט רבי מאיר געענטפערט. רבי ישמעאל האט איהם געפרעגט צו ער איז אפגעהיט ער זאל ניט שרייבען איין אות ווייניגער און ניט איין אות מער. און רבי מאיר האט איהם געענטפערט ער גיסט אריין קנקנתום אין טינט. זאגט די גמרא אזוי האט רבי מאיר איהם געענטפערט. צו שרייבען אאות ווייניגער אדער אאות מער וועל איך געוויס ניט האבען אטעות. ווארום דאס האב איך גוט געלערנט. און גיב גוט אכטונג. נאר אפילו איך זאל מורא האבען טאמער וועט קומען אפליג און וועט זיך זעצען אויף דעם ווינקול פון ד. און וועט איהם אפמעקן. וועט ווערין פון דעם ד א ר. האב איך אויך קיין מורא ניט. ווארום איך האב איין זאך דאס הייסט קנקנתום (וויטריאל): דאס גיס איך אריין אין טינט. קען מען ניט אפמעקן דעם טינט:

**ד** אמר. רבי אחא ברבי חנינא האט גזאגט. גאט האט געוואוסט אז אין דעם דור פון רבי מאיר איז קיין מענטש ניט גלייך געווען צו רבי מאיר. עס האט קיינער ניט געקענט אזוי פיל לערנען וויא רבי מאיר. נאר פאר וואס האט מען ניט גיפסקנט דעם דין אזוי וויא רבי מאיר. ווייל זיינע חברים האבען ניט געקענט וויסען זיין מיינונג. מען האט ניט געקענט וויסען וועלכע רייד זיינע זענען אמת און וועלכע ניט. ער פלעגט זאגען אויף טמא עס איז טהור. און האט געוויזען מיט ראיות אז עס איז טהור. און אויף טהור פלעגט ער זאגען עס איז טמא. און האט געוויזען מיט ראיות אז עס איז טמא:

תנא. מיר האבען געלערנט זיין נאמען איז ניט געווען רבי מאיר. נאר רבי נהוראי איז געווען זיין נאמען. פאר וואס האט מען איהם גירופען רבי מאיר. ווייל ער האט ליכטיג גימאכט די אויגען פון די חכמים אין דינים. מאיר איז טייטש ער מאכט ליכטיג. און זיין נאמען איז ניט געווען נהוראי. נאר רבי נחמיה איז געווען זיין נאמען. און אנדערע זאגען רבי אלעזר בן ערך איז געווען זיין נאמען פאר וואס האט מען איהם גערופען רבי נהוראי. ווייל ער האט ליכטיג געמאכט די אויגען פון די חכמים אין דינים. רבי זאגט דאס וואס איך בין מער [illegible] מיינע חברים.

ווייל

מחבראי דחזיתיה לרבי מאיר כאחוריה ואלמלא חזית ה מקמאי הואי מחדדנא טפי דכתיב (ישעיה ל) והיו עיניך רואות את מוריך . אמר רבי אבהו אמר רבי יוחנן תלמיד אחד היה לו לרבי מאיר וסומכוס שמו שהיה אומר על כל דבר ודבר של טומאה מ"ח טעמי טומאה ועל כל דבר ודבר של טהרה מ"ח טעמי טהרה . תנא תלמיד ותיק היה ביבנה שהיה מטהר את השרץ בק"ן טעמים אמר (רבא) [רבינא] [רב] אני אדון ואטהרנו ומה נחש שממית וכו'. אמר רבי אבא אמר שמואל ג' שנים נחלקו בית שמאי ובית הלל הללו אומרים הלכה כמותנו והללו אומרים הלכה כמותנו יצתה בת קול ואמרה להם אלו ואלו דברי אלהים חיים הן והלכה כדברי בית הלל וכי מאחר דאלו ואלו דברי אלהים חיים מפני מה זכו בית הלל לקבוע הלכה כמותן מפני שנוחין הן ועלובין הן ושונין דבריהם ודברי ב"ש ולא עוד אלא שמקדימין דברי בית שמאי לדבריהם כאותה ששנינו מי שהיה ראשו ורובו בסוכה ושלחנו בתוך הבית ב"ש פוסלין וב"ה מכשירין אמרו ב"ה לב"ש לא כך היה מעשה שהלכו זקני ב"ש וזקני ב"ה לבקר את ר' יוחנן

נחש שממית. את האדם ומביא טומאה לעולם: טהור. כשמת דהא שמונה שרצים הוא דכתיב: עלובין. סבלנין: ושונין דבריהם ודברי ב"ש. כשהיו ב"ש מביאין ראיה לדבריהם מן התורה וב"ה מביאין ראיה ממקרא אחר היו ב"ה דורשין מקרא של ב"ש למה בא ולא היה קל בעיניהם כאותה ששנינו בברכות ב"ש אומרים בערב כל אדם יטו ויקראו ובבקר יעמדו שנאמר בשכבך ובקומך וב"ה אומרים כל אדם קורא כדרכו שנאמר ובלכתך בדרך א"כ למה נאמר בשכבך ובקומך בשעה שבני אדם שוכבין ובשעה שבני אדם עומדין: שמקדימין דברי ב"ש לדבריהם. דקאמרי לגו מעשה שהלכו זקני

---

ווייל איך האב גיזעהן מיין רבי רבי מאיר פון אינטען. ווען איך האב גילערונט בין איך גיזעסען אין דיא באנק ווס אינטער רבי מאיר. ווען איך וואלט איהם גיזעהן פון פארונט ווען איך וואלט גיזעהן דעם פנים פון רבי מאיר ווען איך האב גילערונט. וואלט איך גיוועזן מער למדן. ווארום עס שטייט אין פסוק דיינע אויגען וועלען זעהן דיין רבי וואס וועט מיט דיר לערנען. רבי אבהו האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין איין תלמיד האט רבי מאיר גיהאט. זיין נאמען איז גיוועזן סומכוס. אויף יעדער זאך וואס איז טמא האט ער גיזאגט אכט אונ פערציג טעמים פאר וואס די זאך איז טמא. אונ אויף יעדער זאך וואס איז טהור האט ער גיזאגט אכט אונ פערציג טעמים פאר וואס די זאך איז טהור:

תנא מיר האבען גילערונט אין יבנה איז גיוועזן א תלמיד וואס ער האט גיזאגט הונדערט אונ פופציג טעמים אז א שרץ דארף זיין טהור. רבינא האט גיזאגט איך קען אויך זאגען א טעם אז א שרץ דארף זיין טהור. רבי אבא האט גיזאגט פון שמואלס וועגין דריי יאהר האבען געקריגט בית שמאי אונ בית הלל. בית שמאי האבען גיזאגט דער דין איז וויא מיר זאגען. אונ בית הלל האבען גיזאגט דער דין איז וויא מיר זאגען. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו זיי. דיא רייד פון בית שמאי אונ דיא רייד פון בית הלל זענען ביידע דיא רייד פון גאט אונ דער דין איז ווי בית הלל. פרעגט די גמרא אז דיא רייד פון בית שמאי אונ פון בית הלל זענען דיא רייד פון גאט. פאר וואס האבען זוכה גיוועזן בית הלל דער דין זאל זיין וויא זיי זאגען. ענטפערט דיא גמרא ווייל דיא תלמידים פון הלל זענען גיוועזן גוטע מענטשען. אונ אז מען האט זיי פאר שעמט. האבען זייא ניט צוריק פאר שעמט. אונ זייא האבען גילערונט זייערע רייד אונ דיא רייד פון בית שמאי. אז בית שמאי האבען גיבראכט א ראיה (א בעווייזונג) צוא זייערע רייד פון א פסוק פון דער תורה. אונ בית הלל האבען גיבראכט א ראיה (א בעווייזונג) צוא זייערע רייד פון איין אנדער פסוק פון דער תורה. פלעגין בית הלל זאגען ווס מען זאל דרשנן פון דעם פסוק וואס בית שמאי האבען גיבראכט. אונ נאך מער האבען זייא גיטאהן זייא האבען גילערונט די רייד פון בית שמאי פריער וויא זייערע רייד. אזוי וויא מיר האבען גילערונט ווען איינער איז גיזעסען זיין קאפ אונ דאס גרעסטע טייל פון זיין גוף אין סוכה. אונ זיין טיש איז ניוועזן אין שטוב. בית שמאי זאגען עס איז פסול. אונ בית הלל זאגין עס איז כשר. האבען בית הלל גיזאגט צו בית שמאי איז דען ניט גיוועזן אזוי די מעשה אז די אלטע לייט פון בית

יוחנן בן החורנית ומצאוהו שהיה יושב ראשו ורובו בסוכה ושלחנו בתוך הבית (ולא אמרו לו דבר) אמרו לחן ב"ש משם ראיה אף הן אמרו לו אם כך היית נוהג לא קיימת מצות סוכה מימיך ללמדך שכל המשפיל את עצמו הקב"ה מגביהו וכל המגביה עצמו הקב"ה משפילו וכל המחזר אחר הגדולה גדולה בורחת ממנו כל הבורח מן הגדולה גדולה מחזרת (עליו) [אחריו] וכל הדוחק את השעה שעה דוחקתו וכל הנדחה מפני השעה שעה עומדת לו:

ב"ש והלל וזקני ב"ה: הדוחק את השעה. שמתיגע לעשיר ולהתגדל ורואה שאינו מצליח ואעפ"כ חוזר והולך למרחקים ומכניס עצמו לגבהות ולגדולות: שעה עומדת לו. לאחר זמן עתידה לעמוד לו שעה מצלחת: יפשפש במעשיו. שעשה כבר ויבדוק עבירות שבידו ויתודה וישוב: ימשמש במעשיו. בשעה שעושה. כגון אם בא מצוה לידו יחשוב הפסד מצוה כנגד שכרה ולא יהיה נלעצותה בשביל ההפסד שכרי שכרה עתיד לבא ואם בא עבירה לידו יחשוב הנאה שבשכר בה עכשיו כנגד הפסדה העתיד לבא ליקרע ממנו ע"כ:

**תנו** רבנן שתי שנים ומחצה נחלקו בית שמאי ובית הלל הללו אומרים נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא והללו אומרים נוח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא נמנו וגמרו נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא ועכשיו שנברא יפשפש במעשיו ואמרי לה ימשמש במעשיו:

תני

---

שמאי און די אלטע לייט פון בית הלל זענען געגאנגען זעהן וואס רבי יוחנן בן החורני מאכט. אויב ער איז שוין געזונד. און זיי האבען איהם געטראפען ער איז געזעסען. דיא קאפ און דיא גרעסטע טייל פון זיין גוף איז געווען אין סוכה. און דער טיש איז געווען אין שטוב. און דיא זקנים האבען גאר ניט געזאגט צו איהם פאר וואס ער טוהט אזוי איז דאך געוויס אז מען מעג אזוי טאהן. אזוי וויא מיר זאגען: האבען בית שמאי געזאגט צו בית הלל. פון דארט ווילסטו ברייגען אראיה [אבעווייזונג] דיא זקנים האבען טאקי געזאגט צו איהם אויב דוא האסט דיך אייביג אזוי געפירט. דוא ביסט אייביג אזוי געזעסען אין סוכה. האסטו קיין מאהל ניט מקיים געווען די מצוה פון סוכה זיצען. די זאך פון בית שמאי מיט בית הלל לערנט אונז. דער וואס מאכט זיך נידעריג הייבט איהם גאט אויף און דער וואס מאכט זיך הויך. מאכט איהם גאט נידעריג. און דער וואס זוכט גרויס צו ווערין. אנטלויפט פון איהם די גרויסקייט. און דער וואס אנטלויפט פון די גרויסקייט. זוכט די גרויסקייט איהם ביז זיא קומט צו איהם. דער וואס שטויסט די שעה ער וואלט געריך געשווינד גרויס און רייך געווארין: און ארבעט טאג און נאכט נאר רייך צו ווערין. אפילו ער זעהט עס גליקט איהם ניט פון דעסטוועגין ארבעט ער אביער און זוכט מעגלאכקייט ער זאל רייך ווערין. דאס זעהט אוים אזוי וויא מען וואלט געקענט צוזיין נעמען די רייכקייט. אן דעם בעפעהל פון גאט. שטויסט די שעה איהם. וואס מער ער ארבעט. מער האט ער ניט. און דער וואס ווערט אוועק געשטויסען פון די שעה. ער ארבעט נאר ער זאל האבען צום לעבין. און מיט רייכקייט פאר לאזט ער זיך אויף גאט. וועט אויף שטיין צו איהם אגליקליכע שעה ווס ער ווער גליקלאך ווערין:

תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט צוויי מיט אהאלב יאהר האבען געקריגט בית שמאי מיט בית הלל. בית שמאי האבען געזאגט עס וואלט בעסער געווען דעם מענטש אז ער וואלט ניט בשאפען געווארען. וויא ער איז יא בשאפען געווארען. און בית הלל האבען געזאגט עס איז בעסער פאר דעם מענטש אז ער איז יא בשאפען געווארין. וויא ער וואלט ניט בשאפען געווארין. מען האט געציילט די תלמידים פון בית שמאי און פון בית הלל. וועלכע זענען מער. איז געבליבען ביי זיי. עס וואלט בעסער געווען דעם מענטש אז ער וואלט ניט בשאפען געווארין. וויא ער איז יא בשאפען געווארין. נאר איצט אז ער איז יא בשאפען געווארין זאל ער איבער זעהן אלץ וואס ער האט שוין געטאהן. אויב עס איז געווען אין זיי עבירות. זאל ער אויף זיי תשובה טאהן. און אנדערע זאגען ער זאל זעהן די זאכען וואס ער טוהט איצט אויב עס איז ניטא אין זיי קיין עבירה:

(דף יד) ה תני ר' חייא ים שעשה שלמה היה מחזיק ק"ן מקוה טהרה. ככדי מקוה כמה הוי בדתניא (ויקרא יד) ורחץ (את בשרו) במים במי מקוה כל בשרו מים שכל גופו עולה בהן וכמה הן אמה על אמה ברום ג' אמות ושיערו חכמים מי מקוה מ' סאה. תני רמי בר יחזקאל ים שעשה שלמה שלש אמות תחתונות מרובעות וב' אמות עליונות עגולות נהי דאיפכא לא מצית אמרת דשפתו עגל כתיב אימא חדא לא ס"ד דכתיב (מלכים א ז) אלפים בת יכיל בת כמה הויא ג' סאין דכתיב (יחזקאל מה) מעשר הבת מן הכור דהוו להו שיתא אלפי גריוי והכתיב (ד"ה ב ד) (מחזיק בתים) שלשת אלפים (בת) יכיל ההוא לגודשא אמר אביי שמע מינה תאי גודשא תלתא הוה:

(דף יז) ו ת"ר מחנה היוצאת למלחמת הרשות מותרים בגזל עצים יבשים ר"י בן תימא אומר אף

מקוה טהרה. ארבעים סאה: במים. במקום מים המחוברים יחד: אימא חדא. אמה רבועה עגולה והוי לה ופשי מק"ן מקוואות מפי מהזיק: לא ס"ד. שיהא מחזיק יותר מק"ן: מעשר הבת מן הכור. כור ל' סאין הוין: דהוו להו. הכי אלפים בת: שיתא אלפי גריוי. שהן ק"נ מקוואות ד' אלפים כאין הם ק' מקוואות בל מ' כאה ותנאים סאין ל' מקוואות: שלשת אלפים. ביס שעשה שלמה כתיב בדברי הימים: לגודשא. כשמודדין בו יבש: למלחמת הרשות. שהם מלחמת הרשות ממלחמת יהושע והלך שכיה היתה מלחמת מצוה: עצים יבשים. וכל שכן לחים:

---

ה תני: רבי חייא האט גילערנט דער מעסיר וואס שלמה המלך האט געמאכט אין בית המקדש. איז אין איהם אריין געגאנגען הונדערט מיט פופציג מקואות וואסער. פרעגט די גמרא לאמיר זעהן וויא פיל וואסער געהט אריין אין א מקוה. אזוי וויא מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק ער זאל וואשען זיין לייב אין וואסער. מיינט מען אין די וואסער וואס איז אין א מקוה. אונ עס שטייט אין פסוק ער זאל וואשען זיין גאנצע לייב. דארף אין מקוה זיין אזוי פיל וואסער אז דער גאנצער גוף פון מענטשין זאל קענען אריין גיין אין די וואסער. וויא גרוים זאל זיין די מקוה. אאייל די ברייט אונ אאייל די לייגג. אונ די הייך וויא מיט דריי איילין. האט ווי גר האבען די חכמים גירעכענט אז אין די מקוה גייט אריין פערציג סאה וואסער: האט רמי בר יחזקאל גילערנט דער קעסיל וואס שלמה המלך האט געמאכט די אונטערשטע דריי איילין זענען געוועזען פיר קאנטיג. אונ די אויבערשטע צוויי איילען זענען געוועזען קיילעכדיג. פרעגט די גמרא אמת פאר קערט קען מען נים זאגען. מען קען נים זאגען אז הויבען איז געווען פיר קאנטיג אונ אונטען איז געווען קיילעכדיג. וואריום עס שטייט אין פסוק דער ברעג פון קעסיל איז געווען קיילעכדיג. נאר טאמער איז געוועזען איין אייל פון הויבען קיילעכדיג. אונ פיר איילין זענען געוועזען פיר קאנטיג. ענטפערט די גמרא מען קען אזוי נים זאגען. וואריום עס שטייט אין פסוק דער קעסיל פון שלמה האט געהאלטען צוויי טויזענד בת. א בת איז א מאס וואס אין איר גייט אריין דריי סאה. וואריום עס שטייט אין פסוק א בת איז א צעהנטיל פון א כור. אונ א כור איז דרייסיג סאה. אונ צוויי טויזענד בת איז זעקס טויזענד סאה. דאס איז הונדערט פופציג מקואות. הונדערט מקואות צו פערציג סאה. איז פיר טויזענד סאה. אונ פופציג מקואות צו פערציג סאה. איז צוויי טויזענד סאה. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דער קעסיל פון שלמה האט געהאלטען דריי טויזענד בת. ענטפערט די גמרא אויב מען האט אריין געשאטען אין קעסיל טרוקענע זאכען ומעהל. קאשען. איז אריין געגאנגען אין קעסיל צוויי טויזענד בת מעהל. אונ איין בת מעהל איז געווען פון הויבען אויף די מעהל פון אינווייניג. האט אביי געזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעסט טרוקענע זאכען. ליגט אין די מאס צוויי דריטעל. אונ פון הויבען איין דריטעל:

ו תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט א מחנה וואס גייט ארוים מלחמה האלטען ווארף אזוי א מלחמה וואס זייא טוהען דאס מיט זייער ווילען. אונ נים וואס הקב"ה האט גיבאטען. מעגען זיי נעמען האלץ טרוקענע אונ נאסע. וויא פיל זייא דארפען. רבי יהודה בן תימא זאגט זייא מעגען

אף חונים בכל מקום והמקום שנהרגין שם נקברים : (ע"ב) **ז** **הני** ר' חייא לוקין על ערובי תחומין דבר תורה מתקיף לה ר' יונתן וכי לוקין על לאו שבאל מתקיף לה רב אחא בר יעקב אלא מעתה דכתיב (ויקרא יט) אל תפנו אל האובות ה"נ דלא לקי ר' יונתן הכי קשיא ליה וכי לוקין על לאו של שביתה הא לאו שניתן לאזהרת (מיתת) ב"ד הוא וכל לאו שניתן לאזהרת (מיתת) ב"ד אין לוקין עליו . אמר רב אשי מי כתיב אל יוציא אל יצא כתיב :

פירוש

לוקין על ערובי תחומין . דכתיב אל יצא איש ממקומו ומהכא ילפינן תחומין בפ' מי שהוציאוהו: (שבאל) לאו שניתן לאזהרת (מיתת) ב"ד הוא. אל יוליד הוא ונפקא לן הוצאה מהשית לרשות מיניה והכיא אב מלאכה היא וממיתין עליה: וכל לאו שניתן לאזהרת מיתת בית דין . שאם עשה כן שיש חייב עליו מיתת ב"ד : אין לוקין עליו . אפילו לא התרו בו למיתה והתרו בו למלקות דהשתא לא מיקטיל אפילו הכי לא לקי דלאזהרת מיתה ניתן ולא למלקות: אל יצא כתיב . ואין כאן לשון הוצאת משאוי:

## עושין פסין פרק שני

(דף יח) **א** **א"ר** ירמיה בן אלעזר דו פרצוף פנים היה לו לאדם הראשון שנאמר (תהלים קלט) אחור

---

רוהען אויף וועלכן ארט זייא וויללען . אונ אויף דעם ארט וואס זייא ווערין גיהרגת . דארט בגראבט מען זייא :

**ז** **תני** . רבי חייא האט געלערענט אז איינער גייט אום שבת מער וויא אהתחום שבת ווייטער וויא צוויי טויזענד איילין פון שמאטן קומט איהם מלקות . ווייל אין דיא תורה שטייט אל יצא איש ממקומו . אמענטש זאל ניט ארויס גיין פון זיין ארט ווייטער וויא צווייא טויזענד איילין . האט רבי יונתן אקשיא גיפרעגט צוא שלאגט מען דען מלקות אויף אלאו וואס שטייט מיט דעם ווארט אל . האט רב אחא בר יעקב גיפרעגט וויא רבי יונתן זאגט דארף דאך אין פסוק שטייט אל תפנו אל האובות . איר זאלט אייך ניט קערין צו כישוף . אויב מען האט זיך יא גיקערט צו כישוף ווערסטו אויך זאגען אז עס קומט ניט קיין מלקות . ווייל דער לאו שטייט מיט דעם ווארט אל . זאגט די גמרא גיין . אויף אלאו וואס שטייט מיט דעם ווארט אל קומט אויך מלקות : נאר רבי יונתן האט אזוי גיפרעגט . צו קומט דען מלקות אויף דעם לאו פון רוהען . דער לאו איז דאך גזאגט גיווארען מען זאל איהם אן זאגען ער זאל רוהען אונ אויב ער האט ניט רוהען וועט בית דין איהם הרגנן ווארום מען האט איצט גימיינט אז דער ווארט אל יצא איז גלייך ווי עס וואלט גישטאנען אל יוציא ער זאל ניט ארויס טראגען אום שבת פון שטוב אין גאס : אונ אז מען טראגט ארויס אום שבת פון שטוב אין גאס קומט בית דין זאל איהם הרגנן . איז דאך דער לאו ניט גיגעבען גיווארען צו מלקות . אז ער וועט עובר זיין דעם לאו זאל מען איהם שלאגען מלקות נאר צו מיתה איז ער גיגעבען גיווארין . אז ער וועט עובר זיין דעם לאו זאל איהם בית דין הרגנן . אונ דער לאו וואס איז גיגעבין גיווארין מען זאל איהם אן זאגען ער זאל די זאך ניט טאהן אונ אויב ער וועט יא טאהן וועט איהם בית דין הרגנן . אויף דעם לאו שלאגט מען ניט מלקות . אפילו מען האט ניט גזאגט צו איהם אז איהם וועט קומען מיתה . נאר מען האט צו איהם גזאגט אז איהם וועט קומען מלקות . פון דעסטוועגען קומט איהם ניט קיין מלקות אונ ניט קיין מיתה . ווייל דער לאו איז נאר גיגעבען גיווארין צו מיתה אונ ניט צו מלקות . האט רב אשי גזאגט שטייט דען אין פסוק אל יוציא מען זאל ניט ארויס טראגין . אין פסוק שטייט דאך אל יצא מען זאל ניט ארויס גיין . אונ אז מען גייט ארויס ווייטער ווי אהתחום שבת קומט ניט קיין מיתה נאר מלקות :

## פרק שני

**א** אמר : רבי ירמיה בן אלעזר האט גזאגט אדם הראשון האט גיהאט צוויי פנימס . איין פנים פאראויס אונ איין פנים אינמיטן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אדם הראשון האט

גזאגט

אחור וקדם צרתני. כתיב (בראשית ב) ויבן ה' אלהים את הצלע רב ושמואל חד אמר פרצוף וחד אמר זנב בשלמא למ"ד פרצוף היינו דכתיב אחור וקדם צרתני אלא למ"ד זנב מאי אחור וקדם צרתני וכו' בשלמא למ"ד פרצוף היינו דכתיב וייצר תרי יודי"ן אלא למ"ד וכו' פי' כל המאמר כתוב בפרק הרואה. וא"ר ירמיה בן אלעזר כל אותן שנים שהיה אדם הראשון בנידוי הוליד רוחין ושדין ולילין שנאמר (בראשית ה) ויחי אדם שלשים ומאת שנה ויולד בדמותו כצלמו מכלל דעד האידנא לאו כצלמיה אוליד מיתיבי היה ר"מ אומר אדם הראשון חסיד גדול היה כיון שראה שנקנסה מיתה על ידו ישב בתענית ק"ל שנה ופירש מן האשה ק"ל שנה והעלה זרזי תאנים על בשרו ק"ל שנה כי קאמרינן [ההוא] בש"ז דהוא לאינסיה:

(ע"ב) ב וא"ר ירמיה בן אלעזר אומרים מקצת שבחו של אדם בפניו וכולו שלא בפניו מקצת שבחו

פירוש

נדוי. שישב ק"ל שנה כדיף מפני שנטרד בו המקום מן גן עדן וגו' וקללו: זרזי תאנה. הנוגות מתרגמינן זרזין: בש"ז דהוא לאונסיה. נעשין שדין רוחין ולילין מיני מזיקין הן:

אומרים מקצת שבחו וכו'. כלומר דרך ארץ הוא אע"פ שמשבח אדם את חבירו בפניו שלא

---

זאגט דו האסט מיך באשאפען מיט צוויי צורות. איין צורה אינטען אונ איין צורה פארונט. אין פסוק שטייט נאט האט גיבאהט דיא צלע פון אדם הראשון. אין דעם קריגט רב מיט שמואל. איינער זאגט צלע מיינט מען דעם אנדערין פנים וואס אדם הראשון האט גיהאט. פין דעם פנים האט מען גימאכט דיא אשה. אונ איינער זאגט צלע מיינט מען אוויידיל. אדם הראשון האט גיהאט אוויידיל. אונ פון דעם וויידיל האט מען גימאכט די אשה. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז אדם הראשון האט גיהאט נאך אפנים. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק. גאט האט מיך באשאפען אינטען אונ פארונט. ער האט מיך באשאפען מיט צוויי צורות. אבער דער וואס זאגט אז אדם האט גיהאט נאר איין פנים איינע פארונט אונ קיינע אינטען. וואס מיינט מען ער האט מיך באשאפען אינטען אונ פארונט. אונ דער וואס זאגט אדם האט גיהאט נאך אפנים. איז רעכט וואס עס שטייט דער ווארט וייצר מיט צוויי יודען. ווייל ער האט גיהאט צווייא צורות וויא איבעריגע שטייט אין מסכת ברכות אין פרק הרואה:

נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר גזאגט די אלע יאהרין וואס אדם הראשון איז גיוועז אין חרם אדער ווייטערט פון גאט האט ער גימאכט גיבארען רוחין אונ שדים אונ לילין. ווארום עס שטייט אין פסוק אדם האט גילעבט הונדערט מיט דרייסיג יאהר אונ דער נאך האט ער גימאכט גיבארען קינדער אין זיין גישטאלט. אזעלכע מענטשין וויא ער איז גיוועזן. אזוי האט ער גיבארען נאך הונדערט מיט דרייסיג יאהר. אבער ביז איצט. ביז די הונדערט מיט דרייסיג יאהר. האט ער גיבארען קינדער וואס זענען ניט גוועזן אין זיין גישטאלט. זייא זענען גים גלייך גיוועזן צו איהם. נאר זיי זענען גיוועזן שדים. זאגט דיא גמרא איך וועל דיך פרעגין א קשיא מיר האבען גילערנט רבי מאיר האט גזאגט אדם הראשון איז גיוועזן א גרויסער חסיד אז ער האט גיזעהן גאט האט גוזר גיוועזן אויף איהם ער זאל שטארבען. אונ אלע קינדער וואס ער וועט האבען זאלין שטארבען. האט ער גיפאסט הונדערט מיט דרייסיג יאהר. אונ ער האט זיך אפ גישיידט פון זיין ווייב הונדערט מיט דרייסיג יאהר. אונ הונדערט מיט דרייסיג יאהר איז ער גיוועזן ארום גיגארטלט אויף זיין לייב מיט בלעטער פון פייגען בוים. איז דאך דיא קשיא ווי אזוי זאגסטו אז אדם הראשון האט גיבארין שדים אין דיא הונדערט מיט דרייסיג יאהר. ער איז דאך גאר גיוועזן אפ גישיידט פון זיין ווייב די גאנצע הונדערט מיט דרייסיג יאהר. ענטפערט די גמרא די שדים זענען פון אדם אליין גיבארען גיווארין אן זיין ווייב. פון די שכבת זרע וואס עס פלעגט ארוים גיין פון אדם ווען ער איז גישלאפען. פלעגין גיבארען ווערין שדים רוחין לילין אונ אנדערע מזיקים:

ב ואמר. נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר גזאגט אז מען לויבט אמענטשין אונ ער שטייט

שבח בפניו דכתיב (בראשית ז) כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה וכולו שלא בפניו דכתיב (שם) איש צדיק תמים היה בדורותיו. וא"ר ירמיה בן אלעזר מ"ד (שם ח) והנה עלה זית טרף בפיה אמרה יונה לפני הקב"ה רבש"ע יהיו מזונותי מרורין כזית ויהיו מסורין בידך ואל יהיו מתוקין כדבש ויהיו מסורין ביד בו"ד (מאי משמע דהאי טרף לישנא דמזוני הוא) כתיב הכא טרף בפיה וכתיב התם (משלי ל) הטריפני לחם חקי:

נ ואמר רבי ירמיה בן אלעזר כל בית שנשמעין בו דברי תורה בלילה שוב אינו נחרב שנאמר (איוב לה) ולא אמר איה אלוה עושי נותן זמירות בלילה. ואמר רבי ירמיה בן אלעזר מיום שחרב בית המקדש דיו לעולם שישתמש בשתי אותיות שנאמר (תהלים קנ) כל הנשמה תהלל יה. ואמר רבי ירמיה בן אלעזר נתקללה בבל נתקללו שכניה וכו' (כמו שכתוב לעיל

בססכת

## פירוש

בפניו אין אומרים כל שבחו בפניו אלא מקצת. בפניו כתיב צדיק שלא בפניו איש צדיק תמים: טרף. במאמר פיה בקשה שיהא זה טרף שלה והיינו מזון: בשר ודם. נח:

ולא אמר איה אלוה עושי. לא הוצרך להחזיק ולומר איה עושי והרי חרב מי שנותן זמירות של תורה בלילה והכי נקט לילה שהקול נשמע מרחוק: מיום שחרב ב"ה. ופסקו כהנים מלברך את ישראל בשם המפורש: דיו לעולם שישתמש בשם בן ב' אותיות. בין לשבח בו לפניו בין לברך את רבותיו: שנאמר כל הנשמה תהלל יה. כלומר זה השם שכל הנשמה הוא שמשתמש בו מהלל בשם בן ב' אותיות

---

שטייט אויך דער ביי. זאל מען נאר זאגען אביסעל פון זיינע גוטע מעשים. אונ אויב ער איז ניטא דער ביי. מעג מען זאגען זיינע אלע גוטע מעשים. פון וואנען ווייסען מיר אז דער מענטש איז דא דער ביי זאל מען איהם נאר אביסעל לויבען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו נח דיך האב איך געזעהן אז דוא ביסט א צדיק פאר מיר אין דעם דור. אונ האט נאך גערעדט אין זיין אנוועזונג. אונ גאט האט ניט געזאגט צדיק תמים. אונ אז מען לויבט אמענטשען ווען ער איז נישטא דער ביי דארף מען דער ציילען זיינע אלע גוטע מעשים. ווארום עס שטייט אין פסוק נח איז געווען א צדיק תמים אין זיינע דורות:

נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר געזאגט וואס מיינט דער פסוק אבלאט פון אאיילבירט בוים האט ער געהאפט אין איר מויל. זאגט דער פסוק ער האט געהאפט. לשון זכר. אין איר מויל. לשון נקבה ודער פסוק שטייט ביי די טויב פון נח; נאר אזוי מיינט דער פסוק. די טויב האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם מיינע שפייז זאלען זיין ביטער אזוי ווי די בלאט פון איילבירטען נאר איך זאל דאס האבען פון דיין האנט. אונ איך וויל ניט קיין שפייז זיי זאלען אפילו זיין זיס ווי האניק נאר אויב זיי זענען פון אמענטשענס האנט. אזוי מיינט דער פסוק בפיה דיא טויב האט געזאגט מיט איר מויל. עלה זית טרף. מיין שפייז זאל זיין אבלאט פון איילבירטען אויב נאר פון דיין האנט. אונ ניט פון די האנט פון נח. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז טרף מיינט מען שפייז. ווארום דא שטייט טרף בפיה. אונ דארט שטייט הטריפני לחם חקי. אזוי ווי הטריפני לחם חקי איז טייטש שפייז מיך מיין אויס געזעצטע ברויט. אזוי טרף איז אויך דער טייטש שפייז:

נ ואמר. נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר געזאגט די שטוב וואס מען לערנט אין איר תורה ביינאכט. וועט די שטוב ניט פאר וויסט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט ניט זאגען וואו איז דער גאט וואס האט מיך באשאפען ווער זאל קומען מיר העלפען דער וואס לערנט תורה ביי נאכט. ווארום דער וואס לערנט תורה וועט איהם ניט שלעכט זיין. וועט ער ניט דארפען רופען גאט זאל אים העלפען:

נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר געזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארען. אונ די כהנים בענטשען שוין ניט די יודען מיט דעם שם המפורש. איז גענוג די וועלט זאל ניצען מיט צוויי אותיות. מיט דעם שם יה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלע נשמות זאלען לויבען גאט מיט דעם שם יה:

נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר געזאגט אז בבל איז נישאלטען געווארען זענען אירע שכנים

אויך

בססכת ברכות פרק הרואה) . (דף יט) ואמר רבי ירמיה בן אלעזר בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם אדם נתחייב הריגה למלכות מטילין לו חכה לתוך פיו כדי שלא יקלל את המלך ומדת הקב"ה אדם נתחייב הריגה למקום שותק שנאמר (תהלים סה) לך דומיה תהלה ולא עוד אלא שמשבח שנאמר תהלה ולא עוד אלא שדומה עליו כאילו הקריב קרבן שנאמר (שם) ולך ישולם נדר והיינו דאמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שם פד) עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו וגו' עוברי אלו בני אדם שעוברים על רצונו של מקום עמק שמעמיקים להם גיהנם הבכא שבוכים ומורידין דמעות כמעין של שיתין גם ברכות יעטה מורה שמצדיקים עליהם את הדין ואומרים לפניו רבש"ע יפה דנת יפה זכית יפה חייבת יפה תקנת גיהנם לרשעים וגן עדן לצדיקים. איני והאמר ר"ל רשעים אפילו על פתחה של גיהנם אינם חוזרין בתשובה שנאמר (ישעיה סו) ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי שפשעו בי לא נאמר אלא הפושעים שפושעין והולכין לעולם לא קשיא כאן בפושעי ישראל כאן בפושעי אומות העולם

הכי

ושם המפורש לא נכל הכתוב ניתן אלא לפסוקים בלבד דכתיב ולברך בשמו וכתיב ושמו את שמי המיוחד לי : חכה . על שפיתת פיו שלא יוכל לדבר : לך דומיה . הכל שותקין לנגדך : שדומה עליו וכו' . נותן לו יסורין הבאין עליו ומקבלן באהבה : ולך ישולם נדר . אותה דומיה שהוא דומה ביסורין דומה לו כשלום נדר : מעין ישיתוהו . כמעין של שיתין נקב שבבנין המזבח שנסוך היין של ספלים יורד לתוכו כל השנה כדאמרינן בלולב וערבה : הפושעים . עדיין אפילו בשעת תולעתם ואשם : דא"כ . הא דריש לקיש בפושעים דישראל מוקי להאי קרא דכתיב ואשם לא תכבה קשיא

---

אויך געשאלטען געווארען [אזוי ווי עס שטייט אין מסכת ברכות פרק הרואה] :

נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר געזאגט קום זעה אז גאט איז ניט אזוי ווי א מענטש. אז א מענטש ווערט פאר שולדיגט צו א מכה מען זאל איהם הרגנן. שטעקט מען אריין א האלץ אין מויל ער זאל האלטען האפען די מויל אונ זאל ניט קענען רידען אויף דעם מלך אונ ער זאל ניט קענען פלוכען דעם מלך. אבער ביי גאט איז ניט אזוי. א מענטש ווערט פאר שולדיגט צו גאט מען זאל איהם הרגנן. שווייגט דער מענטש: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע שווייגען צוא דיר. אונ ניט נאר זיי שווייגען נאר זיי לויבען נאך צו גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תהלה. זיי לויבען צו גאט; אונ ניט נאר ער לויבט צו גאט. נאר עס איז ביי איהם גלייך ווי ער וואלט מקריב געווען א קרבן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביי דיר גאט איז גלייך ווי ער וואלט בצאהלט זיינעם א נדר. וויל ער שווייגט אונ נעמט אן מיט ליבשאפט דיא יסורים וואס גאט שיקט אויף איהם. דאס איז אזוי וויא רבי יהושע בן לוי האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו. עוברי מיינט מען די מענטשין וואס טוהען ניט דעם ווילען פון גאט. עמק מיינט מען. מען זעצט זיי אריין טיף אין גיהנם. הבכא מיינט מען. זיי וויינען אונ מאכען נידערין טרערין אזוי ווי דער קוואל וואס אי בית המקדש אויף דעם מזבח. (אין מזבח איז געווען צוויא לעכער ביז צום אבגרונד. אין איין לאך האט מען גינאסען וויין אלע טאג. אונ אין איין לאך האט מען גינאסען וואסער אלע סוכות). אין פסוק שטייט גם ברכות יעטה מורה. מיט פיל ברכות וועלין זייא בענטשין גאט. דיא רשעים מאכען אויף זיך גירעכט דעם דין. אונ זיי זאגען פר גאט רבונו של עולם דוא האסט גוט געמשפט. די מענטשין וואס דו האסט גירעכט גימאכט. איז גוט אזוי. די מענטשין וואס דו האסט באשולדיגט: איז גוט אזוי. עס איז גוט וואס דו האסט גימאכט דעם גיהנם פר רשעים. אונ דעם גן עדן פר צדיקים. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ריש לקיש האט דאך געזאגט אז די רשעים טוהען ניט קיין תשובה אפילו זייא זענען שוין ביי די טיר פון גיהנם. ווארום עס שטייט אין פסוק זיי וועלען ארויס גיין אונ זיי וועלען זעהן די קערפערס פון די מענטשין וואס זינדיגען צו מיר. וואס זיי האבען געזינדיגט צו מיר שטייט ניט אין פסוק. נאר עס שטייט זיי זינדיגען. מיינט מען זיי זינדיגען אייביג אפילו אין גיהנם אויך. זאגט די גמרא דאס איז ניט קיין קשיא יודישע רשעים טוהען תשובה אין גיהנם. אונ דיא רשעים פון

אנדערע

הכי נמי מסתברא דאם כן קשיא דריש לקיש אדר"י דאר"ל פושעי ישראל אין אור של גיהנם שולטת בהן קל והומר ממזבח הזהב ומה מזבח הזהב שאין עליו אלא כעובי דינר זהב עומד כמה שנים ואין אור שולטת בו פושעי ישראל שהם מלאים מצות כרמון שנאמר (שה"ש ד) כפלח הרמון רקתך ואמר ריש לקיש אל תקרי רקתך אלא ריקתיך שאפילו ריקנין שבך מלאים מצות כרמון על אחת כמה וכמה (חגיגה פ"ג) ואלא הא דכתיב עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו ההוא דמחייבי דינא דגיהנם חדא שעתא ואתי אברהם ומקבל להו ומסיק להו לבר מישראל הבא על עובדת כוכבים ומזלות ומשוך בערלתו ולא מבשקר ליה. מתקיף לה רב כהנא השתא דאמרת הפושעים דפשעי ואזלי הוא אלא מעתה דכתיב המוציא והמעלה דכפיק ודמסיק הוא אלא דאפיק ודאסיק הכי נמי דפשעי הוא. ואמר רבי ירמיה בן אלעזר ג' פתחים יש לגיהנם א' במדבר וא' בים

וידיה אדידים : הפשכא ערלתים . והומה לו כאלו לא נימול : ולא מבשקר ליה אינו מכירו שהוא יהודי מרגוט ולבקר בהיכליה ונשקרא בהיכליה : כמוליא והמעלה . המוליא אתכם מארץ מצרים והמעלה אתכם מארץ מצרים : דפשעי . כבר

---

אנדערע פעלקער אפילו אין גיהנם טוהען זייא אויך ניט קיין תשובה. אונ מען מוז אזוי ענטפערין. ווארום אז ניט וועט זיין א קשיא פון ריש לקיש אויף ריש לקיש. ווארום ריש לקיש האט גזאגט דער פייאר פון גיהנם געוועלטיגט ניט אויף די יודישע רשעים. ער פאר ברענט זיי ניט. אונ דאס ווייסען מיר פון דעם גאלדענעם מזבח וואס איז געוועזען אין בית המקדש. מאדאך דער גאלדענער מזבח וואס די גרעב פון די גאלד איז געוועזען נאר ווי די גרעב פון א גילדין. אונ ער איז געשטאנען פיל יאהרין. אונ אלע טאג האט אויף איהם געברענט פייאר. אונ דער פייאר האט ניט צו שמאלצען אונ ניט פאר ברענט די גאלד. ווייל דער מזבח איז געוועזען הייליג אונ די פייער ברענען איז געוועזען א מצוה. די יודישע רשעים וואס זייא זענען פול מיט מצות אזוי ווי א מילגרוים איז פול מיט קערנער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כפלת הרמון רקתך: האט ריש לקיש געזאגט דו זאלסט ניט לייענען רקתך. נאר זאלסט לייענען ריקתיך: דיינע ליידיגע. אפילו די ליידיגע מענטשין חם צווישען די יודען (דאס מיינט מען דיא רשעים) זענען אויך פול מיט מצות אזוי ווי א מילגרוים איז פול מיט קערנער. וועלען זיי דאך געוויס ניט פר ברענט ווערין פון דעם פייאר פון גיהנם. איז דאך א קשיא ריש לקיש זאגט דאך אז רשעים טוהען ניט תשובה אפילו ביי דיא טיר פון גיהנם. נאר דאס מיינט ער רשעים פון אנדערע פעלקער. ניט פון יודען: די יודישע רשעים טוהען תשובה. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו. די וואס גייען אין גיהנם וויינען אזוי פיל טרערין ווי א קוואל. אז דער גיהנם ברענט זיי ניט פר וואס וויינען זייא. ענטפערט דיא גמרא איין שעה ווערין זיי פאר שולדיגט צו געמשפט ווערין אין גיהנם. דער נאך קומט אברהם אבינו אונ ער נעמט זיי אונ ברייגנט זיי אויף פון גיהנם. נאר דער יוד וואס האט מזנה געוועזען מיט א גויה. אדער ער האט ארויף געצויגען די הויט פון די מילה. מען זאל ניט וויסען אז ער איז געמלת. דעם מענטש דער קענט ניט אברהם אז ער איז א יוד. נעמט ער איהם ניט ארויס פון גיהנם: רב כהנא האט א קשיא געפרעגט אז דו זאגסט הפושעים איז טייטש זיי זינדיגען אייביג נאך איצט אויך. אונ אז עס שטייט אין פסוק המוציא. וועסטו אויך זאגען ער ציהט אייביג ארויס פון מצרים נאך איצט אויך. אונ אז עס שטייט המעלה. וועסטו אויך זאגען ער ברייגט ארויף פון מצרים אייביג נאך איצט אויך. עס איז דאך ניט אזוי. נאר מען מיינט המוציא ער האט ארויס געצויגען. המעלה ער האט ארויף געבראכט. אזוי אז עס שטייט הפושעים מיינט מען אויך זייא האבען געזינדיגט ווען זייא האבען געלעבט. אבער איצט זינדיגען זייא שוין ניט:

נאך האט רבי ירמיה בן אלעזר געזאגט דער גיהנם האט דריי טירען. איין טיר אין דער מדבר. איין טיר אין ים. איין טיר אין ירושלים. פון וואנען ווייסען מיר אז א טיר איז דא אין דער מדבר.

בים ואחד בירושלים במדבר דכתיב (במדבר ה) וירדו הם וכל אשר להם חיים שאולה בים דכתיב (יונה ב) מבטן שאול שועתי שמעת קולי בירושלים דכתיב (ישעיה לא) אשר אור לו בציון ותנור לו בירושלים ותנא דבי רבי ישמעאל אשר אור לו בציון זו גיהנם ותנור לו בירושלים זו פתחה של גיהנם ותו ליכא והא אמר רבי מריון אמר רבי יהושע בן לוי ואמרי לה תנא רבה בר מריון בדבי רבן יוחנן בן זכאי ב׳ תמרים יש בגי בן הנם ועולה עשן מביניהם וזו היא ששנינו ציני הר הברזל כשירות וזו היא פתחה של גיהנם דלמא היינו דירושלים:

כפסעו כחייכן: מבטן שאול. יוכה בן אמתי קלמר ליה: בדבי רבי יוחנן בן זכאי. ברייתא שנסדרס בבית מדרשו כעין תוספתא שסידר רבי אושעיא ורבי חייא: ציני. דקלים: כשרות. לגלב: טיט היון. שכוח רפב לטבוע בו ובלע״ז פנק ופתם טיט זה שראוי לבנין. שחת ובור שחת. פרש

ד אמר רבי יהושע בן לוי ז׳ שמות יש לו לגיהנם שאול ואבדון ובאר שחת ובור שאון וטיט היון וצלמות וארץ תחתית. שאול דכתיב (יונה ב) מבטן שאול שועתי שמעת קולי. אבדון דכתיב (תהלים פח) היסופר בקבר חסדך אמונתך באבדון. באר שחת דכתיב (שם טז) כי לא תעזוב נפשי לשאול לא תתן חסידך לראות שחת. ובור שאון וטיט היון דכתיב (שם מ) ויעלני מבור שאון מטיט היון וגו׳. צלמות דכתיב (שם קז) יושבי חשך וצלמות. וארץ

---

ווארום עס שטייט אין פסוק ביי ק״ח מיט זיינע מענטשן: ווס זיי זענען גיווען אין דער מדבר זייא האבען אריין גענידערט מיט לייער פאר מענין לעבעדיג אין שאול דער גיהנם הייסט שאול. אטיר איז דא אין ים. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי יונה ווען מען האט איהם צריין גיווארפען אין ים. פון בויך פון שאול פון גיהנם האב איך געשריגען און דו האסט גיהערט מיין קול. אטיר איז דא אין ירושלים: ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט אפייאר אין ציון און אהויבין אין ירושלים. און דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט גאט האט אפייאר אין ציון. דס מיינט מען דעם גיהנם. און ער האט אהויבין אין ירושלים. דאס מיינט מען די טיר פון גיהנם. פרעגט די גמרא מער איז ניטא קיין טיר אין גיהנם. רבי מריון האט דאך גיזאגט רבי יהושע בן לוי זאגט. אנדערע זאגען רבה בר מריון האט גילערנט אין די ברייתא וואס איז גילערנט גיווארען אין בית המדרש פון רבי יוחנן בן זכאי צווייא טייטל בוימער איז דא אין דעם טאהל בן הנם. און ארויך גייט ארויס צווישען די צוויי בוימער. דס איז וואס מיר האבען גילערנט די טייטל בוימער וואס וואקסען אויף דעם בארג וואס מען רופט איהם דער אייזערנער בארג. זענען כשר צו נעמען פון זיי אלולב צו סוכות. און דארט איז די טיר פון גיהנם. איז דאך דא צום גיהנם נאך אטיר. ענטפערט די גמרא טאמער דס וואס מיר זאגען אז אין ירושלים איז דא אטיר צום גיהנם. מיינט מען דס די טיר. ווארום דער טאהל בן הנם איז אין ירושלים:

ד אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דער גיהנם האט זיבע נעמען. שאול. אבדון. באר שחת. בור שאון. טיט היון. צלמות. ארץ תחתית. פון וואנען ווייסען מיר אז דער גיהנם הייסט שאול. ווארום עס שטייט אין פסוק יונה האט גזאגט פון בויך פון שאול האב איך געשריגען און דוא האסט גיהערט מיין קול. פון וואנען ווייסען מיר אז דער גיהנם הייסט אבדון. ווארום עס שטייט אין פסוק וועט דען דער צוילט ווערין אין קבר דיינע חסדים. און דיין אמונה וועט קומען דער צוילט ווערין אין אבדון. פון וואנען ווייסען מיר אז דער גיהנם הייסט באר שחת. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיבעטען ביי גאט דוא זאלסט ניט פאר לאזען מיין נפש צום שאול. דוא זאלסט ניט געבין דיין חסיד ער זאל זעהן דעם שחת. פון וואנען ווייסען מיר אז דער גיהנם הייסט בור שאון און טיט היון. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט ער האט מיך אויף גיבראכט פון בור שאון און פון טיט היון. פון וואנען ווייסען מיר אז דער גיהנם הייסט צלמות. ווארום עס שטייט אין פסוק די וואס זיצען אין חשך וצלמות. און דער גיהנם הייסט ארץ תחתית. דאס האבען מיר גילערנט אויסן־

ואריץ תחתית נמרא. ותו ליכא והא איכא גיהנם מ שעמוקה כגי הנם שהכל יורדים בה על עסקי חנם. והאיכא תפתה דכתיב (ישעיה ל) כי ערוך מאתמול תפתה. ההוא שכל המתפתה ביצרו נופל שם. גן עדן אמר ריש לקיש אם בארץ ישראל הוא בית שאן פתחה ואם בערביא הוא בית גרם פתחה אם בין הנהרות הוא דורמסקינית פתחה בבבל אביי משתבח בפירי דעבר ימינא רבא משתבח בפירי דהרפניא:

פילהא נ״ם: על עסקי חנם. פירוש: תפתה (ניכמו) דכתיב בבכות קרא מדורהה לא יעלים סרבה: בית שאן פתחה. שפירוהיה מתוקים מכל פירות ארץ ישראל: משתבח בפירי דעבר ימינא. משתבח בפירות שמעבר נהר פרת לדרומו: לכל תכלה ראיתי קץ. לסוף כל דבר יש קץ למלאת סופה אבל מצותך רחבה מאד ואין קץ להכליה שלא: לא פירשו. איזהו קץ שיעורה: ויפרש

(דף כא) **ה אמר** רב חסדא דרש מרי בר מר מאי דכתיב (תהלים קיט) לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאד דבר זה אמרו דוד ולא פירשו אמרו איוב ולא פירשו אמרו יחזקאל ולא פירשו עד שבא זכריה בן עדו ופירשו אמרו דוד ולא פירשו דכתיב לכל תכלה ראיתי קץ וגו׳ אמרו איוב ולא פירשו דכתיב (איוב יא) ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים אמרו יחזקאל ולא פירשו דכתיב (יחזקאל ב) ויפרש אותה לפני

---

אין אפסוק. פרעט די גמרא מער איז ניטא קיין נאמען. עס איז דאך דא דער נאמען גיהנם; ענטפערט די גמרא גיהנם איז ניט זיין נאמען. נאר דריבער רופט מען איהם גיהנם. וייל ער איז אזוי טיף וויא דער טאהל וואס הייסט גיהנם. אדער דריבער רופט מען איהם גיהנם וייל אלע וואס נידערין אין גיהנם איז פאר דער עבירה פון זנות. אונ די עבירה פון זנות הייסט חנם. אומזיסט. איז גיהנם דער טייטש. גי דער טאהל. חנם. אומזיסט. ווארום אזוי טיט אזוי טערען פאר טאהשט איינם אויף דעם אנדערע. פרעגט די גמרא עס איז דאך דא דער נאמען תפתה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז אן גיבריים פון נעכטין דער תפתה. ענטפערט די גמרא דער ווארט תפתה איז ניט קיין נאמען. נאר דס איז א טעם: פאר וואס פאלט מען אריין אין גיהנם. דער וואס ווערט איבער גירעט פון יצר הרע צו טאהן עבירות: דער פאלט אריין אין גיהנם. פרעגט די גמרא וואו איז די טיר פון גן עדן. האט ריש לקיש גזאגט אויב דער גן עדן איז אין ארץ ישראל. איז די טיר אין בית שאן. אונ אויב דער גן עדן איז אין ערביא; איז דיא טיר אין בית גרם. אונ אויב דער גן עדן איז צווישען דיא טייכען. איז דיא טיר אין דורמסקינית. אביי פלעגט זאגען אז די פירות וואס וואקסען אין דרום זייט פון טייך פרת זענען דיא בעסטע פירות פון גאנץ בבל. אונ רבא פלעגט זאגען אז דיא פירות וואס וואקסען אין דעם ארט הרפניא זענען די בעסטע פון גאנץ בבל:

**ה** אמר. רב חסדא האט גזאגט מרי בר מר האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק צו יעדער זאך האב איך גיזעהן אסוף. אבער דיינע מצות זענען זייער ברייט צו זיי איז ניטא קיין סוף; דיא זאך האט דוד המלך גזאגט. אונ ער האט ניט גזאגט ווי גרויס דיא תורה איז. איוב האט אויך גזאגט די תורה איז גרויס. אונ ער האט ניט גזאגט וויא גרויס זיא איז. יחזקאל האט אויך גזאגט דיא תורה איז גרויס. אונ ער האט ניט גזאגט וויא גרויס זיא איז. ביז זכריה בן עדו איז גיקומען אונ ער האט גזאגט ווי גרויס די תורה איז. זאגט דיא גמרא דוד האט גזאגט די תורה איז גרויס. אונ ער האט ניט גזאגט ווי גרויס זיא איז. ווארום עס שטייט אין פסוק צו יעדער זאך האב איך גיזעהן אסוף. אבער דיינע מצות זענען זייער ברייט צו זייא איז ניטא קיין סוף. איוב האט גזאגט די תורה איז גרויס. אונ ער האט ניט גזאגט וויא גרויס זיא איז. ווארום עס שטייט אין פסוק די מאס פון די תורה איז לייגער וויא די ערד. אונ זיא איז ברייטער וויא דער ים. יחזקאל האט גזאגט די תורה איז גרויס. אונ ער האט ניט גזאגט וויא גרויס זיא איז. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט פאר שפרייט די תורה פאר מיר אונ זיא איז גיוועז געשריבען פון פארינט אונ פון אינטען. אונ עס איז גיוועז געשריבען אויף איר קינים והגה והי. קינים

מיינט

לפני והיא כתובה פנים ואחור וכתוב אליה קינים והגה והי. קינים אלו פורענות של צדיקים בעה"ז וכן הוא אומר (שם לג) קינה היא וקוננוה וגו' והגה זו מתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא וכן הוא אומר (תהלים לג) (עלי עשור ועלי נבל) עלי הגיון בכנור והי זו פורענותם של רשעים לע"ל וכה"א (יחזקאל ז) הוה על הוה תבא וגו' עד שבא זכריה בן עדו ופירשו דכתיב (זכריה ה) ויאמר אלי מה אתה רואה ואומר אני רואה מגילה עפה ארכה עשרים באמה ורחבה עשר באמה וכי פשטת לה כמה הויא עשרים בעשרים וכתיב (יחזקאל ג) והיא כתובה פנים ואחור וכי קלפת לה כמה הויא ארבעין בעשרין וכתיב (ישעיה מ) מי מדד בשעלו מים ושמים בורת תכן נמצא כל העולם כולו אחד מג' אלפים ומאתים בתורה:

ואמר רב חסדא דרש מרי בר מר מ"ד (ירמיה כד) הראני ה' והנה שני דודאי תאנים מועדים לפני היכל ה' וגו' הדוד האחד תאנים טובות מאד כתאני (ע"כ) הבכורות אלו הצדיקים גמורים הדוד תאנים רעות אלו רשעים גמורים ושמא תאמר אבד סברן ובטל

סבויים

אותה לפני. מגלת תורה שבע"פ פרשתו: וכן הוא אומר דקינים. לשון פורענות וסגה לשון שמחה: עשרים באמה. באמתו של הקב"ה: ורחבה עשר. כבנית עשה דהיינו כפולה: כי פשטת. לכם לפשט היא מרובעת עשרי בעשרים: כי קלפה. גם והפיה קליפה זו לראש חברתה שיהא כל כתיבתה מגד אחד: הויין לה ארבעין. הו ך בעשרים דהא וכתיב: ושמים בזרת תכן. נמצא מדת העולם חצי אמה על חצי אמה לא והכוב כמה הלא אמה יש במגלה והתנא שלשת אלפים ומאתים כיצד עשם מעשרים אמות רחב רלועית של (ארבעים) רוחב הא אמה הרי כאן ארבעים רלועות וכל אחד ארבע ארבעים אמה לארכה של מגלה הרי אלף ושש מאות אמות אורך שהן שלשת אלפים ומאתים זרתות: דודאי תאנים. סיכות נתיבת מלאות תאנים: מועדים. מוכנים: הבכורות. תאנים השוכים

מיינט מען די פורענות פון די צדיקים אויף די וועלט. אונ אזוי שטייט אין פסוק קינה היא וקוננוה. דס איז אקלאג אונ איר זאלט קלאגען. אויף די פורענות פון דיא צדיקים. והגה איז טייטש אפרייד. דס מיינט מען דעם שכר וואס די צדיקים וועלען האבען ווען משיח וועט קומען. אונ אזוי שטייט אין פסוק עלי הגיון בכנור. אויף דיא פרייד וואס וועט זיין ווען מען וועט שפילען אויף דעם פידול. והי מיינט מען די פורענות פון די רשעים ווען משיח וועט קומען. אונ אזוי שטייט אין פסוק הוה על הוה תבוא. איין פורענות וועט קומען אויף דיא אנדערע פורענות. ביז זכריה בן עדו איז געקומען אונ ער האט געזאגט ווי גרוס די תורה איז. ווארום עס שטייט אין פסוק זכריה האט געזאגט דער מלאך האט געזאגט צו מיר וואס זעהסטו האב איך געזאגט איך זעה אמגילה איין געלייגט אין צווייען. דיא לייג איז צוואנציג איילען אונ דיא ברייט איז צעהן איילען. אונ אז מען האט אויס געשפרייט די מגלה איז זיא געווען צוואנציג איילען די לייג אונ צוואנציג איילען די ברייט. אונ עס שטייט אין פסוק דיא מגלה איז געווען געשריבען פון פארנט אונ פון אינטען. אונ אז דוא וועסט דיא מגילה צו שפאלטען אין דיא גרעב. אונ לייגען איין שטיק נעבין די אנדערע. וועט די מגלה זיין פערציג איילען די לייג אונ צוואנציג איילען די ברייט. אונ דאס איז געמאסטען געווארען מיט די איילען פון גאט. אונ עס שטייט אין פסוק ווער האט גימאסטען מיט זיין פויסט דיא וואסער. אונ די הימלען האט ער אנגיברייט מיט דעם האלב איל. איז דיא גאנצע וועלט גרויס אהאלב אייל. ווערט געפונען אז דיא גאנצע וועלט איז אדריי טויזענד צוויא הונדערט חלק פון די תורה. דיא תורה איז דרייא טויזענד צווייא הונדערט מאהל אזוי גרויס וויא די וועלט. ווארום אזוי וואס איז לאנג פערציג איילען אונ ברייט צוואנציג איילען. אז מען זאל איר צוא שניידען אויף שטיקלאך. יעדער שטיקול זאל זיין אהאלב אייל אויף אהאלב אייל. וועט זיין אזעלכע שטיקלאך דרייא טויזענד צווייא הונדערט:

ו ואמר. נאך האט רב חסדא געזאגט מרי בר מר האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק ירמיה הנביא האט געזאגט גאט האט מיר געוויזען צווייא קויפערנע קעסלען פול מיט פייגען וועלען גישטאנען אן גיברייט פאר דעם היכל פון גאט. אין איין קעסעל איז געווען זייער גוטע פייגען. אזוי וויא דיא פייגען וואס ווערען פריה צייטיג. דאס מיינט מען אמתה צדיקים. אונ אין דעם אנדערין

סבויים ת"ל הדודאים נתנו ריח אלו ואלו עתידים שיתנו ריח. דרש רבא מ"ד (שה"ש ז) הדודאים נתנו ריח אלו בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא ועל פתחינו כל מגדים אלו בנות ישראל שמגידות פתחיהן לבעליהן ל"א שאוגדות פתחיהן לבעליהן חדשים גם ישנים דודי צפנתי לך אמרה כנ"י לפני הקב"ה רבש"ע הרבה גזרות גזרתי על עצמי יותר ממה שגזרת עלי וקיימתים א"ל ר"ח להההוא מרבנן דהוה מסדר אגדתא קמיה מי שמיע לך חדשים גם ישנים דודי צפנתי לך מאי היא א"ל אלו מצות קלות ומצות חמורות א"ל וכי תורה פעמים פעמים נתנה אלא הללו דברי תורה והללו דברי סופרים. דרש רבא מ"ד (קהלת יב) ויותר מהמה בני הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ בני הזהר בדברי סופרים יותר מדברי תורה (שהללו) [שדברי תורה יש בהן] עשה ולא תעשה (והללו) [ודברי סופרים כל העובר על דברי סופרים] חייב

שמסריחות להתבשם: שאוגדות. קושרות פתחיהן לצורך בעליהן שאין מבעלות לאחרים: אוגדות. לשון אגודה. ל"א מגידות פתחיהן כשרואה דם אומרת לבעלה ופורש: חדשים. דברי סופרים: גם ישנים. דברי תורה: דודי צפנתי לך. וגמרתי כל אלה לשמך: פעמים פעמים נתנה. שתהא זו חדשה וזו ישנה: דברי סופרים. חדשים דברי סופרים שנתחדשו בכל דור ודור לגדור גדר וסייג: ויותר מהמה. לעיל מיניה כתיב דברי חכמים כדרבונות אלו דברי תורה שנמסרו למשה בעל פה שנתלקו בהן חכמי הדורות לאחר שנתמעט הלב וזהו דכתיב בסיפיה דקרא נתנו מרועה אחד זו משה וכתיב בתריה ויותר מהמה (בני הזהר) שהם שכתוב בסיני בכתב שהוא עיקר בני הזהר באלו שבעל פה שגם הם עיקר אלא לכך לא נכתבו שאין קץ לעשות ספרים הרבה בכל אלה: עשה ולא תעשה. יש בהן שאין בהן חיוב מיתה אבל בדברי סופרים חייבין מיתה על כלן כדכתיב ופורץ גדר

---

קעסעל איז געוועזן שלעכטע פייגן, דס מיינט מען אמתה דרשעים. טאמער וועסטו זאגן עס איז שוין פר לאנג זייער אפענונג אונ זיי האבן שוין ניט אויף וואס צו קוקן. שטייט אין פסוק הדודאים נתנו ריח. די פייגן האבן גיגעבן אגוטן גישמאק. ביידע ערלייא פייגן. דיא גוטע אונ דיא שלעכטע ודיא צדיקים אונ דיא רשעים וועגן אן גיברייט צו געבן אגוטן גישמאק:

דרש. רבא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק די פייגן האבן גיגעבן אגוטן גישמאק. דאס מיינט מען דיא יודישע יונגע מענטשין וואס האבן ניט פאר זוכט דעם טעם פון אעבירה. אין פסוק שטייט ועל פתחינו כל מגדים. דס מיינט מען דיא יודעשע טעכטער וואס זייא זאגן צו זייערע מאנען ווען דער קוואל פון נדה ווערט גיעפונט. דיא מאנען זאלען זיך אפ שיידען פון זייא ומגדים איז טייטש זאגן. אונ פתחינו מיינט מען דיא עפענונג פון דעם קוואל פון נדות. אנדערע זאגן אזוי מיינט דער פסוק זייא פאר בינדען זייערע טירען צו זייערע מאנען. די ווענן ניט מזנה מיט אנדערע. ומגדים איז טייטש פאר בינדען. אין פסוק שטייט נייע אונ אלטע האב איך בעהאלטען פון דיינעט וועגין מיין פריינד. דיא יודען זאגן פאר גאט רבונו של עולם פיל גזרות האב איך אויף מיר אליין גוזר גיוועזן מער וויא דוא האסט אויף מיר גוזר גיוועזן. אונ האב זיי מקיים גיוועזן. רב חסדא האט גזאגט צו איינעם פון די רבנן וואס ער האט גילערנט אגדתות פאר איהם. טאמער האסטו גיהערט זאגן וואס דער פסוק מיינט נייע אונ אלטע האב איך בעהאלטען פון דיינעט וועגין מיין פריינד. האט ער גזאגט צוא רב חסדא דאס מיינט מען גרינגע מצות אונ שווערע מצות. האט רב חסדא צוא איהם גזאגט איז דען דיא תורה גיגעבן גיווארען עטליכע מאהל. איינע ערליי מצות זאלען הייסען נייע. אונ איינע ערלייא מצות זאלען הייסען אלטע. נאר אזוי מיינט מען דיא מצות וואס שטייט אין דיא תורה הייסען אלטע. אונ די מצות וום די רבנן האבען גזאגט הייסען נייע:

דרש. רבא האט גידרשת וום מיינט דער פסוק ויותר מהמה בני הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ ונאך מער וויא עס שטייט אין דיא תורה זאלסטו דיך היטען מיין זוהן. צוא מאכען פיל ספרים וועט ניט האבען קיין סוף. אזוי האט שלמה המלך גזאגט מיין זוהן זאלסטו היטען דיא רייד פון דיא רבנן מער וויא דיא רייד פון דיא תורה. ווארום אין דיא תורה איז דא אזעלכע מצות עשה אונ מצות לא תעשה. אז מען טוהט ניט דיא מצות עשה. אדער מען איז עובר דיא לא תעשה קומט ניט קיין מיתה. אונ דער וואס טוהט ניט וויא די רבנן האבען גזאגט.

ווערט

חייב (עליהן) מיתה בידי שמים שמא תאמר אם יש בהן ממש כפני מה לא נכתבו אמר קרא (קהלת יב) עשות ספרים הרבה אין קץ ולהג הרבה יגיעת בשר אמר רב פפא בריה דרב אחא בר אדא משמיה (דרבא) [דרב אחא] בר עולא (כל) [כלמד שכל] הלועג על דברי חכמינו זכרונם לברכה נדון (דכתיב ולהג הרבה יגיעת בשר א"ל) [כתקיף לה] רבא מי כתיב לעג להג כתיב אלא כל ההוגה בהן טועם בהן טעם בשר:

ישבנו נחת: ולהג הרבה. המלעיג עליהן כגיפת בשר נדון ואיננו לוחה: כל ההוגה בהם. כל שעה דאדם מהרהר עליהם על דברי תורה מוצא בהם טעם: הגרסי. שם מקום. ל"א שהיה טוחן גריסין: וחיי תלויין בחייך. אין לי אלא מה שאתה

ז ת"ר מעשה בר"ע שהיה חבוש בבית האסורים והיה [רבי] יהושע הגרסי משרתו בכל יום ויום היו מכניסין לו מים במדה פעם אחת מצאו שומר בית האסורין אמר ליה מפני מה היום מימיך מרובין שמא לחתור בית האסורין אתה צריך שפך חציין והניח חציין כיון שהגיע אצל רבי עקיבא אמר ליה יהושע אי אתה יודע שזקן אני וחיי תלויין בחייך סח לו כל המאורע אמר ליה תן לי מים ליטול ידי אמר לשתות אין מגיעין ליטול ידים מגיעין אמר ליה ומה אעשה שחייבין עליהן מיתה מוטב שאמות מיתת עצמי ואל אעבור על דעת חברי אמרו לא טעם כלום עד שהביאו לו מים ונטל ידיו וכששמעו חכמים בדבר אמרו

---

ווערט ער גישטראפט פון גאט ער זאל שטארבען. אונ טאמער וועסטו זאגען אויב די רייד פון די חכמים זענען אזוי ליב ביי גאט. פאר וואס זענען זייא ניט געשריבען גיווארין: זאגט דער פסוק ווייל צו מאכען פיל ספרים וועט ניט האבען קיין סוף. אין פסוק שטייט ולהג הרבה יגיעת בשר. האט רב פפא דער זוהן פון רב אחא בר אדא גזאגט פון רב אחא בר עולאס וועגין. דער וואס לאכט פון די רייד פון די חכמים וועט ער גימשפט ווערין מיאוסע שטראף. איז דער טייטש ולהג הרבה. דער וואס לאכט פיל פון די רבנן. האט רבא גיפרעגט שטייט דען אין פסוק לעג. להג שטייט אין פסוק. לעג איז טייטש לאכען. אבער להג איז ניט דער טייטש לאכען. נאר אזוי מיינט דער פסוק. דער וואס רעט פיל אין די תורה. וואס מער ער הערט די תורה. געפינט ער אין איר אזוי אגישמאקין טעם אזוי וויא ער וואלט גיגעסען פלייש. להג איז טייטש ריידען:

ז תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט רבי עקיבא איז אמאהל גיזעסען אין גיפיינקעניס, אונ רבי יהושע הגרסי האט איהם בעדינט. אלע טאג האט מען איהם אריין גיבראכט וואסער מיט אמאס. אמאהל האט דער היטער פון גיפיינקעניס גיטראפען רבי יהושע טראגט אריין וואסער צו רבי עקיבא. האט דער היטער גזאגט צו רבי יהושע פאר וואס טראגסטו היינט אזו פיל וואסער. דוא ווילסט אונטער גראבען דאס גיפיינקעניס. האט דער היטער אויס גיגאסען העלפט וואסער. אונ העלפט האט ער גילאזען. וויא רבי יהושע איז גיקומען צו רבי עקיבא: האט רבי עקיבא גזאגט צו איהם. יהושע דוא ווייסט דען ניט אז איך בין אלט אונ מיין לעבין איינגט אן דיין לעבין. איך האב ניט מער נאר וואס דוא ברייניגסט מיר. האט רבי יהושע דער ציילט צו רבי עקיבא וואס איהם האט גיטראפען מיט די וואסער. האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי יהושע גיב מיר וואסער צו וואשען די הענט. האט רבי יהושע גזאגט די וואסער וועט ניט גינוג זיין צום טרינקען. וועלען זייא גינוג זיין צום וואשען די הענט. האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי יהושע וואס זאל איך טאהן. אז מען וואשט ניט די הענט צום עסין קומט מיתה. איך וויל בעסער שטארבען מיט מיין אייגענעם טויט פון דארשט. אונ איך וויל ניט טאהן אנדערש וויא מיינע חברים זאגען. מען האט דער ציילט אז רבי עקיבא האט ניט פאר זוכט קיין עסין ביז מען האט איהם גיבראכט וואסער אונ ער האט גיוואשען די הענט. אז די חכמים האבען גיהערט די זאך. האבען זייא גזאגט מאדאך אויף דער אלטער וואס ער האט ניט גיהאט קיין כח צו ליידען הונגער. פון דעסטוועגין איז ער גיוועזען

אזוי

אמרו ומה בזקנותו כך בילדותו עאכ"ו ומה בבית האסורים כך בביתו על אחת כמה וכמה אמר רב יהודה אמר (רב) [שמואל] בשעה שתקן שלמה ערובין ונטילת ידים וכו':

**ח דרש** רבא מאי דכתיב (שה"ש ז) לכה דודי נצא השדה וגו' אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבונו של עולם אל תדינני כיושבי כרכים שיש בהם גזל ועריות [ושבועת שוא] ושבועת שקר אלא נצא השדה בא ואראך ת"ח שעוסקין בתורה מתוך הדוחק. נלינה בכפרים אל תקרי בכפרים אלא בכופרים נשכימה לכרמים אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות. נראה אם פרחה הגפן אלו בעלי מקרא. פתח הסמדר אלו בעלי משנה. הנצו הרמונים אלו בעלי גמרא שם אתן את דודי לך שאראך כבודי וגדולתי שבני ובנותי:

בעלי גמרא. שם אתי את דודי לך שאראך כבודי וגדולתי שבח בני ובנותי:

**ט אמר** רב המנונא מאי דכתיב (מלכים א ה) וידבר שלשת אלפים משל ויהי שירו חמשה ואלף (שהיה מדמה דברים זו לזו) מלמד שאמר שלמה על כל דבר ודבר של תורה שלשת אלפים משל ועל כל דבר

שמן לו: בילדותו. בנ"ה יכול נשכול כקן טורח ועיסוי:
כרכים. מקום בחוקים ויושבו גזל ורגל רוכלים וכיתרים מטיל כסם לפיכך גזל ועריות
מטיל כסם: הסדם. בני כלגי עובדי אדמה עוסקין בתורה מתוך כדחק: סמדר. גדול מפרח
כך מממם מפורסם יוהר מן המקרא: הנצו הרמונים.
גדלו כג ערכן וכבר כך גדול כבינוקיהם כפין שומר בים נלגודס קטנים:

מטל

---

אזוי אפ געהיט ער זאל ניט עסן אומגיוואשען. אין דער יונגער וואס ער האט גיקענט ליידען הונגער איז ער געווים געווען אפ געהיט ער זאל ניט עסן אומגיוואשען און מאראך אין גיפיינקענעם איז ער געווען אזוי אפ געהיט ניט צו עסן אומגיוואשען. אז ער איז געווען ביא זיך אין שטוב איז ער געווים געווען אפ געהיט ניט צו עסן אומגיוואשען.

רב יהודה האט גזאגט פון שמואלם וועגין ווען שלמה המלך האט גימאכט אתקנה מען זאל מאכען אעירוב. און מען זאל וואשען די הענט צום עסן. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל און האט גזאגט מיין זוהן אויב דיין הארץ איז קלוג. פרייט זיך מיין הארץ אויך. קלוג דיך מיין זוהן און דער פרייא מיין הארץ; וועל איך ענטפערין צוא מיינע פאר שעמער איין אנטווארט:

**ח** דרש. רבא האט גדרשת וואס מיינט דער פסוק גיי מיין פריינד מיר וועלען ארויס גיין אין פעלד. דיא יודען האבען גזאגט פאר גאט רבונו של עולם זאלסט מיך ניט משפטין ווי דיא מענטשין וום זיצען אין דיא גרויסע שטעט. וואס ביי זייא איז דא גזלה און זנות און אומזיסטע שבועות און פאלשע שבועות. נאר מיר וועלען ארויס גיין אין פעלד. קום איך וועל דיר ווייזען תלמידי חכמים וואס ארבייטין דיא ערד און לערנען תורה פון צרות. אין פסוק שטייט נלינה בכפרים. זאלסט ניט לייענען בכפרים. נאר זאלסט לייענען בכופרים;

אין פסוק שטייט מיר וועלען גיין פרייא אין דיא ווייַן גערטנער. דאס מיינט מען דיא שולען און דיא בתי מדרשים. מיר וועלען זעהן אויב דער ווינשטאק האט געבליהט. דאס מיינט מען אויב מיר וועלען געפינען אין דיא שולען און אין דיא בתי מדרשים מענטשין וואס לערנען תורה נביאים כתובים. אויב די בליהונג איז גיעפונט. דאס מיינט מען אויב עס איז דא מענטשין וואס לערנען משניות. אויב דיא מילגרוימען זענען שוין צייטיג. דאס מיינט מען אויב עס איז דא מענטשין וואס לערנען גמרא. דארט וועל איך געבין צו דיר מיין פריינדשאפט. איך וועל דיר ווייזען מיין כבוד און מיין גרויסקייט און דעם לויב פון מיינע זיהן און פון מיינע טעכטער:

**ט** אמר. רב המנונא האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק שלמה המלך האט גירעט דריי טויזענד משלים. און זיין גיזאנג איז גיווען פינף און טויזענד. דער פסוק לערנט אונז אז שלמה האט גזאגט אויף יעדער זאך פון דער תורה דריי טויזענד משלים וטעמים. און אויף

ודבר של סופרים היה אומר אלף וחמשה טעמים. דרש (רבי אבא) [רבא] מאי דכתיב (קהלת יב) ויותר שהיה קהלת חכם עוד למד דעת את העם דאגמריה בסימני טעמא ואסבריה בדדמי. אזן וחקר תיקן משלים הרבה אמר עולא אמר רבי אליעזר בתחלה היתה התורה דומה לקופה שאין לה אזנים עד שבא שלמה ועשה לה אזנים (שה"ש ה) קווצותיו תלתלים אמר רב חסדא אמר מר עוקבא מלמד שהיה דורש על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות שחורות כעורב במי אתה (מוצא סדרי תורה) [מוצאן] במי (דף כב) שמשכים ומעריב עליהם בבית המדרש רבה אמר במי שמשחיר פניו עליהן כעורב רבא אמר במי שמשים עצמו אכזרי על בניו [ועל בני ביתו] כעורב כי הא דרב אדא בר מתנא הוה קא אזיל לבי רב אמרה ליה דביתהו ינוקי מאי אעביד להו אמר לה איכא קורמי באגמא:

(דברים ז) י ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו אמר רבי יהושע בן לוי אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאמרו כביכול כאדם שנושא משאוי על פניו

משל. פירש: תלמודיה בסימני טעמי. קבע סימנא מסורות וסימנין בין בתיבות שמקרא בין בגרסא של משנה: ועשה לה אזנים. בספק ערובין וידים וגזר עליהן ושניות לעריות כדמפרש ביבמות ועל ידי כן אוחזים ישראל במצות ומתרחקין מהעבירות כדרך שנוח לאחוז בכלי שיש לו יד ממי שאין לו יד: משכים ומעריב. שחורות לשון אחרית כעורב לשון ערבית: עורב. אכזרי על בניו כדכתיב לבני עורב אשר יקראו והקב"ה מזמין להם יתושין ונכנסין לתוך פיהם: קורמי. ירקא ל"א קורטמי גמי לה כי עקרה ליה להוצא דליכא ביה סמנא ליה להוצא ועביד דיקלא בהל"ק כי"ת דכי מכיר מלאתיו:
אל פניו. כל הקב"ה שדומה לו כמבזה לפניו:

---

יעדער זאך פון די רבנן האט ער געזאגט מוזענד מיט פינף טעמים:

דרש. רבא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק אונ מער וויא קהלת איז געוועזן קלוג וואונ אויסער דעם וואס קהלת איז געוועזן קלוג האט ער נאך גילערנט וויסענשאפט דעם פאלק. ער האט גילערנט סימנים [צייכונגם] וויא אזוי מען זאל געדיינקען דעם טעם פון יעדער זאך. און ער האט געגעבען צו פאר שטיין איין זאך מיט נאך איין אנדער זאך וואס איז גלייך צו איר. אין פסוק שטייט אזן וחקר תיקן משלים הרבה. עולא האט געזאגט פון רבי אליעזרס וועגן אין אנהייב איז די תורה געוועזן גלייך צו א קארב וואס האט ניט קיין אויערין. מוז מען האלטען די קארב אליין. אזוי האט מען געהאלטען נאר וואס אין די תורה שטייט. אבער אז די קארב האט אויערין האלט מען דיא אויערין אונ די קארב דארף מען ניט אן רירען. ביז שלמה איז געקומען האט ער געמאכט אויערין צו די תורה. ער האט געמאכט נאך דינים וואס מען זאל טאהן אונ וואס מען זאל ניט טאהן. אז מען האלט דיא דינים דארף מען ניט אנרירען וואס עס שטייט אין דיא תורה. אין פסוק שטייט קווצותיו תלתלים. רב חסדא האט געזאגט פון מר עוקבאס וועגן דער פסוק לערנט אונז אז שלמה המלך האט גידרשת אויף יעדער שפיץ פון אות בערג מיט דינים. אין פסוק שטייט שחורות כעורב, ביי וועמען געפינט מען דיא תורה. ביי דעם וואס קומט פריה אין בית המדרש לערנען תורה. אונ ער גייט אוועק פון בית המדרש שפעט. שחורות איז טייטש פריה. אונ עורב איז טייטש שפעט. רבה זאגט ביי וועמען געפינט מען דיא תורה. ביי דעם וואס פאר שווארצט זיין פנים אויף די תורה אזוי וויא א ראב. רבא זאגט בייא וועמען געפינט מען דיא תורה. בייא דעם וואס ווערט אומדערבארמיג אויף זיינע קינדער אונ אויף זיינע שטוב מענטשין אזוי וויא דער ראב. אזוי וויא רב אדא בר מתנא איז אמאהל גיגאנגען אין דער ישיבה לערנען תורה. האט די ווייב גיזאגט צו אים וואס וועל איך טאהן מיט די קליינע קינדער. האט רב אדא צו איר גיזאגט עס איז דא קורמי צווישען די גראז. די קורמי וועסט מאכען אונ וועסט מאכען פון דעם ברויט. דס וועסטו געבען די קינדער עסין:

ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט ווען דער פסוק וואלט ניט געשטאנען וואלט מען דאס ניט געקענט זאגען. אזוי וויא א מענטש וואס טראגט א משוי פאר זיין פנים אונ ער וויל אראפ ווארפען די משא פון זיך. אזוי זאגט דער פסוק אויך. גאט בצאלט צו זיינע שונאים. עס איז ביי איהם גלייך וויא ער וואלט גיטראגען א משא פאר זיין פנים. אונ ער

ווארפט

ולא נאמר לעשותם. שלאחר מיתה (ולא) לעתיד לבא אם לא נקיים מצוה אינו מועיל דמי שטרח בע"ש יאכל בשבת: אפים. משמע שנים בין שוחקות בין זועמות אפים שוחקות מאריך ומאחר לצדיקים עד לעתיד לבא ואפים זועמות מאריך לרשעים ומאחר פורענותם עד לעולם הבא:
מאי בעי התם. כדתנא שאחרי מלכים צריך לדרך יפתח: להושיב ישיבה. של תלמידים ולעסוק בתורה על פתחו שלא יהא רשות למה"מ להכנס שם:
בשטן. מכ"מ דכי האי דמיגרו בהדיה מגרי בגא:

פניו ומבקש להשליכו מטנו. לא יאחר לשונאו אמר רבי אילא לשונאו הוא דלא יאחר אבל מאחר הוא לצדיקים גמורים. והיינו דאמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שם) אשר אנכי מצוך היום לעשותם היום לעשותם ולא למחר לעשותם היום לעשותם ולמחר ליטול שכרן אמר רבי חנא ואיתימא ר"ש בר נחמני מ"ד (שמות לד) א־ך אפים ולא כתיב ארך אף ארך אפים לרשעים וארך אפים לצדיקים:

(דף כו) יא בסוף הפרק הזכירו פסוק שבסוף מלכים כשהלה חזקיהו (מלכים ב כ) ויבא אליו ישעיהו וגו' ללמוד סמנו דין לענין ערוב ושאלו על פסוק זה בגמרא ישעיהו מאי בעי התם אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן מלמד שחלה חזקיהו ובא ישעיהו להושיב ישיבה על פתחו מכאן לתלמיד חכם שחלה שמושיבין ישיבה על פתחו ולאו מילתא היא דילמא אתי לאיגרויי בשטן:

תנו

---

* טארפט דאס אויף זיינע שונאים זיי צו פאר לירען. אין פסוק שטייט גאט פאר זאמט ניט בצאלען זיינע פיינד. האט רבי אילא גזאגט צו זיינע פיינד פאר זאמט ניט גאט צו בצאהלען אז רשעים טוהען מצות בצאהלט זיא גאט זייער שכר. אבער צו אמתה צדיקים בצאהלט ניט גאט באלד זייער שכר. נאר ער בעהאלט זייער שכר צו עולם הבא. דאס איז אזוי וויא רבי יהושע בן לוי האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק וואס איך געבט דיך היינט צו טאהן. היינט צו טאהן. אבער ניט מארגין צו טאהן: ווען דער מענטש לעבט קען ער טאהן מצות. אבער נאך דעם שטארבען קען מען ניט טאהן קיין מצות. היינט צוא טאהן מצות. אונ מארגין צוא נעמען שכר. ווען דער מענטש לעבט דארף ער טאהן מצות. אונ נאך דעם שטארבען נעמט ער זיין שכר. רבי חנא האט גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פאר וואס שטייט אין פסוק ארך אפים. גאט דער לייננערט דיא פנימס. אונ עס שטייט ניט גאט דער לייננערט דעם פנים. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען גאט דער לייננערט דעם פנים פון כעס צו דיא רשעים. ער האלט אויף זיין כעס ער זאל זייא ניט שטראפען באלד. נאר ער ווארט ביז זייא וועלען קומען נאך זייער שטארבען אויף יענע וועלט. דארט שטראפט מען זיי. אונ ער דער לייננערט זיין פריילוכען פנים צוא דיא צדיקים. ער בצאהלט זייא ניט זייער שכר באלד אויף דער וועלט. נאר ער ווארט ביז זייא קומען אויף יענע וועלט. גייען זייא אריין אין גן עדן:

יא דיא גמרא פרעגט וואס האט געטאהן ישעיהו הנביא ביי חזקיהו המלך אין הויף. האט רבה בר בר חנה גזאגט פון רבי יוחנן וועגין. חזקיהו המלך איז קראנק געווארין: איז געקומען ישעיהו הנביא אונ האט געזעצט תלמידי חכמים ביי דיא טיר זייא זאלען לערנען תורה. דער מלאך המות זאל ניט קענען אריין גיין צו חזקיהו. פון דאנען לערנען מיר אז א תלמיד חכם ווערט קראנק דארף מען זעצין תלמידי חכמים ביי זיין טיר זייא זאלען לערנען תורה. דער מלאך המות זאל ניט קענען אריין קומען צוא דעם תלמיד חכם. זאגט דיא גמרא מען זאל אזוי ניט טאהן. מען זאל זיך ניט רייצען מיט דעם מלאך המות. טאמער וועט זיך דער מלאך המות רייצען מיט זייא:

# בבל מערבין פרק שלישי

(דף כט ע"ב) **א תנו** רבנן לא יאכל אדם בצל מפני נחש שבו ומעשה ברבי חנינא בן דוסא) שאכל חצי בצל וחצי נחש שבו וחלה ונטה למות ובקשו עליו חבריו רחמים וחיה מפני שהשעה צריכה לכך:

(דף מ ע"ב) **ב תן** חלק לשבעה וגם לשמונה ר' אליעזר אומר וכו'. רבי יהושע אומר שבעה אלו שבעה ימי פסח שמונה אלו שמונה ימי החג וכשהוא אומר וגם לרבות עצרת וראש השנה ויום הכפורים מאי לאו לזמן לא לברכה:

(דף מא) **ג תניא** לאחר פטירתו של רבן גמליאל נכנס רבי יהושע להפר את דבריו עמד רבי יוחנן בן נורי על רגליו ואמר חזי אנא דבתר רישא גופא אזיל כל ימיו של רבן גמליאל קמענו הלכה כמותו עכשיו אתה מבקש לבטל דבריו יהושע אין שומעין לך שכבר נקבעה הלכה כרבן גמליאל ולא היה אדם שערער בדבר כלום בדורו של רבן גמליאל עביד כרבן גמליאל בדורו של רבי יוסי עביד כרבי יוסי. ובדורו של רבן גמליאל עביד כרבן גמליאל והתניא אמר רבי אלעזר ברבי

נחש שבו. ארס שרף הבצל: שהשעה צריכה לכך: שהדור צריך לו:
שבעה ימי פסח. שאינה צריך לתת חלק לכולם: לא לברכה. דמברכין כל יומא מקדש ישראל והזמנים:
לבטל את דבריו. לומר משלימין: חזי אנא דבתר רישא גופא אזיל. רואה אני בדה וכדין מצריכין אנו להלך אחרי דברי הראשונים: ולא היה אדם כו'. אלמא אין משלימין: בדורו של רבי יוסי. דהוה בתר הכי שבקוהו לדר"ג וקבעו הלכה כר"י

## פרק שלישי

**א** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אמענטש זאל ניט עסין ציבעלע. ווייל אין ציבעלע איז דא אגיפט אזוי וויא פון אשלאנג. און דאס ברענט אין דעם מענטשין. עס האט אמאהל געטראפען רבי חנינא האט געגעסען אהאלבע ציבעלע מיט אהאלבען גיפט. איז ער קראנק געווארין און הט שוין גיהאלטען ביי שטארבען. האבען זיינע חברים מתפלל געווען איז ער געבליבען לעבין. ווייל די חכמים פון דער צייט האבען גידארפט די תורה פון רבי חנינא. דריבער איז ער געבליבען לעבין:

**ב** שלמה המלך הט גזאגט תן חלק לשבעה וגם לשמונה גיב אחלק צו זיבען און אויך צו אכט. רבי יהושע זאגט זיבען מיינט מען די זיבען טאג פסח. אכט מיינט מען די אכט טאג סוכות. און אז מען זאגט וגם און אויך. מיינט מען שבועות און ראש השנה און יום הכפורים. וואס זאל זיין דער חלק. וואס מען זאל געבין צוא די אלע ימים טובים. געוויס די ברכה שהחיינו. זאגט די גמרא ניין מען מיינט די ברכה מקדש ישראל והזמנים [וועיין גמרא]:

**ג** תניא. מיר האבען געלערנט דער נאך ווי רבן גמליאל איז געשטארבען איז אריין געגאנגען רבי יהושע מבטל זיין די אלע זאכען וואס רבן גמליאל האט געמאכט. האט זיך רבי יוחנן בן נורי געשטעלט אויף זיינע פיס. און האט גזאגט איך זעה אז דער גוף גייט נאך דעם קאפ. די גאנצע צייט וואס רבן גמליאל הט גילעבט האבען מיר גיפסקנט דעם דין ווי רבן גמליאל האט גזאגט. און איצט קומסטו מבטל זיין זיינע רייד. יהושע מיר וועלען דיך ניט צו הערין. עס איז איין מאהל גיפסקנט געווארין דער דין ווי רבן גמליאל. כמו אזוי בלייבען: און עס איז ניט גיוועען איין מענטש וואס זאל קריגען אויף דער זאך. זאגט די גמרא דער דור וואס איז גיוועען ווען רבן גמליאל הט גילעבט האבען זייא גיפסקנט ווי רבן גמליאל. און דער שפעטערדיגער דור וואס איז גיוועען אין די צייט פון רבי יוסי האבען זייא גיפסקנט אזוי ווי רבי יוסי וואס ער האט געקריגט אויף רבן גמליאל: פרעגט די גמרא און דער דור וואס איז גיוועען אין די צייט פון רבן גמליאל האבען זייא גיפסקנט ווי רבן גמליאל. מיר האבען דאך

ברבי צדוק אני (הייתי) מבני סנאה בן בנימין פעם אחת חל תשעה באב להיות בשבת ודחינוהו לאחר השבת והתענינו בו ולא השלמנוהו מפני שיו"ט שלנו היה טעמא דיו"ט וכו' :

דמוהר : מבני סנאה בן בנימין . משפחה היא משבט בנימין שנפל להם גורל לקרבן עצים במסרה כלא בימי עזרא ויום טוב היה להם לעולם כדתנן בפרק בתרא דתענית : לאחר השבת . שהוא עברה בלא והוא יום טוב שלנו :

ושלשה . מי שיש לו מעים : לקבלינהו מאהבה . דמכפר עליו : כשהם מספרים . אפילו מיס כהם חיות הרבה שמדברים אף על פי כן מתים פתאום : זוודתא . לזמן תכריכין :

## מי שהוציאוהו פרק רביעי

(ע"ב) **א תנו** רבנן שלשה דברים מעבירין את האדם על דעתו ועל דעת קונו . ואלו הן . עבודת כוכבים ומזלות ורוח רעה ודקדוקי עניות . למאי נפקא מינה למיבעי עלייהו רחמי . שלשה אין רואין פני גיהנם ואלו הן דקדוקי עניות וחולי מעים והרשות . ויש אומרים אף מי שיש לו אשה רעה . ואידך אשה רעה מצוה לגרשה ואידך זמנין דכתובתה מרובה ולא מצי לגרש לה אי נמי יש לו בנים ממנה ואינו יכול לגרשה למאי נפקא מינה לקבולי מאהבה . שלשה מתים כשהם מספרים ואלו הן חולי מעים וחיה והדרוקן למאי נפקא מינה למשמושי להו זוודתא :

תא

---

גיקערונט רבי אליעזר ברבי צדוק האט גיזאגט איך בין פון די קינדער פון סנאה בן בנימין וועמ'ער גורל איז גיוועזן צו ברייננען האלץ צום מזבח דעם צעהנטין טאג אין אב . ודער טאג איז בייא זייא אייביג גיוועזן איום טוב אפילו נאך דעם וויא דער בית המקדש איז שוין חרוב גיווארין) אמאהל איז גיוועזן דער ניינטער טאג אין אב אום שבת . אום שבת טאר מען דאך ניט פאסטען . האט מען אפ גילייגט דעם תענית אויף זונטאג ודעם צעהנטין טאג אין אבו . אונ מיר האבען דעם טאג גיפאסט . נאר ניט דעם גאנצען טאג . ווייל דער טאג איז גיוועזן אונזער יום טוב . וועיין בגמרא) :

## פרק רביעי

**א** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט דריי זאכען קענען אוועק ברייננען דעם מענטשין פון זיין שכל אונ פון זיין יודישקייט . אונ דאס זענען דיא דרייא זאכען . גוים . אונ שלעכטע גיבאנקען . אונ גרויסע ארעמקייט . דער מענטש זאל מתפלל זיין צוא גאט ער זאל בשערעמט ווערין פון דיא דריי זאכען . דריי ערליי מענטשין ווערען ניט זעהן דעם גיהנם . אונ דאס זענען זיי . דער וואס איז אגרויסער ארעם מאן . אונ דער וואס זיין בויך איז איהם קראנק אונ עס איז איהם משלשל . הט ער יסורים צו גיין אלע מנוט זיך ריין מאכען . אונ קען ניט פאר טראגען קיין עסין . אונ דער וואס איז שולדיג געלט צו פיל מענטשין אונ זיי מאנען איהם . אונ אנדערע זאגען דער וואס האט א שלעכטע ווייב וועט אויך ניט זעהן דעם גיהנם . פרעגט די גמרא פאר וואס רעכונט דס ניט דער ערשטער תנא . ווייל ער זאגט אז מען הט א שלעכטע ווייב איז א מצוה מען זאל איר גטין . אונ פאר וואס רעכונט דאס דער אנדערער תנא ווייל אמאהל טרעפט אייגער האט א שלעכטע ווייב . אונ זיא הט א גרויסע כתובה קען ער איר ניט גטין . ווייל ער האט ניט צו בצאהלען דיא כתובה . אדער ער האט מיט איר קינדער . קען ער איר ניט גטין . דריבער וועט ער ניט זעהן דעם גיהנם . נאר ווען זענען די דריי זאכען מכפר אויף דעם מענטשין ער זאל ניט זעהן דעם גיהנם . אז ער נעמט זייא אן מיט ליבשאפט פון גאט . דרייא ערליא מענטשין שטארבען פלוצלונג אפילו ווען זיי שמועסין . אונ דס זענען זיי . דער וס הט א מאגען קראנקייט (אזוי וויא פריער שטייט) . אונ אגיווינערין . אונ דער וואס האט אזוי א קראנקייט אין בויך וואס הייסט הדרוקן . אונ דיא דרייא ערלייא מענטשין דארף מען פאר זייא אן גרייטען תכריכים :

תא

**דף מג:) ב תא** שמע הני שב שמעתתא דאיתאמרן בצפרא דשבתא קמיה דרב חסדא בסורא ובהדי פניא דשבתא קמיה (דרבה) [דרבא] בפומבדיתא מאן אמרינהו לאו אליהו אמרינהו אלמא אין תחומין למעלה מעשרה לא דילמא יוסף שידא אמרינהו תא שמע הריני נזיר ביום שבן דוד בא בו מותר לשתות יין בשבתות ובימים טובים (ע"ב) ואסור לשתות יין כל ימי החול אי אמרת בשלמא יש תחומין משום הכי (בשבתות וימים טובים) שרי. אלא אי אמרת אין תחומין אמאי מותר. שאני התם דאמר קרא (מלאכי ג) הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' והא לא אתי אליהו מאתמול אי הכי בחול נמי כל יומא ויומא לישתרי דהא לא אתא אליהו מאתמול אלא אמרינן לבית דין הגדול אתא הכא נמי לימא לבית דין הגדול אתא כבר מובטח להם לישראל שאין אליהו בא לא בערבי שבתות ולא בערבי ימים טובים מפני הטורח קס"ד מדאליהו לא אתי משיח נמי לא אתי במעלי שבתא

יוסף שידא. דלא מנטר שבת: בשבתות וי"ט. דודאי לא אתי משיח האידנא: ואסור כל ימות החול. דימנא אתי: לפני בוא [יום ה']. (יום אחד) לפני ביאת בן דוד יבא אליהו לבשר: מפני הטורח. שמכינין צרכי שבת והולכים להקביל פניו:

---

**ב** תא שמע. איך וועל דיר אקשיא פרעגן. דיא זיבען דינים וואס זענען גזאגט געווארין שבת פריה פאר רב חסדא אין סורא. זענען גזאגט געווארין שבת פארין נאכט פאר רבא אין פומבדיתא. ווער האט זייא גזאגט ווער האט גיקענט קומען אום שבת פון סורא אין פומבדיתא. געוויס האט דאס אליהו הנביא גזאגט. זעהן מיר דאך אז העכער וויא צעהן טפחים פון דער ערד מעג מען גיין אום שבת מער ווי צוויי טויזענד איילין. זאגט די גמרא ניין. טאמער האט דס נאר גזאגט יוסף שידא. ער היט ניט_קיין שבת און ער איז גיפלויגען אום שבת פון סורא אין פומבדיתא:

תא שמע. איך וועל דיר אקשיא פרעגן. אז איינער זאגט איך זאל זיין א נזיר דעם טאג וואס משיח וועט קומען מעג ער טרינקען וויין אלע שבתים און אלע ימים טובים. ווארום שבת און יום טוב וועט ניט קומען משיח. און אנאנדערע וואך טאר ער ניט טרינקען וויין. ווארום יעדער טאג דארף מען מורא האבען טאמער וועט משיח היינט קומען. אויב מען וועט זאגען אז העכער וויא צעהן טפחים פון דיא ערד טאר מען אויך ניט גיין מער ווי צוויי טויזענד איילין אום שבת. דריבער איז רעכט וואס ער מעג טרינקען וויין שבת און יום טוב. וייל משיח קען ניט קומען שבת און יום טוב. ווארום פון הימעל ביז דיא ערד איז מער ווי צוויי טויזענד איילין. אבער אז מען וועט זאגען העכער וויא צעהן טפחים פון די ערד מעג מען גיין שבת און יום טוב מער וויא צוויי טויזענד איילין. פאר וואס מעג ער טרינקען וויין שבת און יום טוב. טאמער וועט היינט קומען משיח. ענטפערט דיא גמרא דארט איז איין אנדער טעם פאר וואס ער מעג טרינקען וויין שבת און יום טוב. ווארום דער פסוק זאגט איך וועל שיקען צו אייך אליהו הנביא א טאג פריער איידער משיח וועט קומען. אז ער זעהט שבת אדער יום טוב אליהו איז נעכטין ניט גיקומען. ווייס ער געוויס אז משיח וועט היינט ניט קומען. דריבער מעג ער טרינקען וויין. פרעגט דיא גמרא אויב אזוי דארף ער דאך אום דער וואכען אלע טאג מעגין טרינקען וויין. ווארום ער זעהט דאך אז אליהו הנביא איז נעכטין ניט גיקומען. נאר מיר זאגען טאמער איז אליהו נעכטין גיקומען צום בית דין הגדול. און משיח וועט היינט קומען. דריבער טאר ער ניט טרינקען וויין אלע טאג. דארף מען דאך אום שבת און אום יום טוב אויך ניט טארין טרינקען וויין טאמער איז אליהו נעכטין גיקומען צום בית דין הגדול. און משיח וועט היינט קומען. ענטפערט דיא גמרא עס איז צו גזאגט געווארין צו דיא יודען אז אליהו וועט ניט קומען ערב שבת און ניט ערב יום טוב. ער זאל ניט שטערין דיא יודען אן צו גרייטען אויף שבת אדער אויף יום טוב וייל אלע וועלין גיין זעהן אליהו. וועלען זיי דער וייל ניט אן גרייטען אויף שבת אדער אויף יום טוב. וועט דאך משיח_ניט

קומען

שבתא לישתרי אליהו לא אתי משיח אתי דכיון דאתי משיחא הכל עבדים הן לישראל:

**ג תניא** שפופרת היתה לו לרבן גמליאל שהיה מביט וצופה בה אלפים אמה ביבשה וכנגדם אלפים אמה בים הרוצה לידע כמה עומקו של גיא מביא שפופרת ומביט בה (ביבשה) וידע כמה עומקו של גיא והרוצה לידע כמה גובהו של דקל ימדוד צלו וצל קומתו וידע כמה גובהו של דקל. הרוצה שלא תשרה חיה

עבדים הם לישראל. ואין לישראל טורח דאיכא דטרח להו:
שפופרת. קנה חלול וכשהוא ארוך אין צופין בו למרחוק וכשהוא קצר צופין בו למרחוק יותר וסימה שפופרת של ר"ג מתוקנה למדת צפיית אלפים בים או ביבשה: כמה עומקו של גיא מביא בשפופרת ומכיר בה. ביבשה ומודד בה כמה אמות הוא יכול לצפות בה וא"ר כך ילך על שפת הגיא ויצפה בה לעומקו ויתרחק לאחריו עד שיראה במקום שכלה עומקו של גיא שם כלה צפיית השפופרת שאם יתרחק עוד מעט לא יראה את קרקעית הגיא וידע עומקו של גיא והרחקתו שנתרחק משפתו הוי כמדת צפיית השפופרת:
גובהו של דקל. ומתיירא לעלות בו ולמודדו: ימדוד צלו. של דקל: וצל קומתו. של עצמו ופעמים שהצל רבה על המילא ופעמים שהמילא רבה על הצל כשהחמה עומד באמצע הרקיע צל כל דבר הוי קטן וכשהחמה בשיפולו הוי צל גדול הלכך מודד אף צל קומתו ולפי מה שירבה שירבה על קומתו ירבה צל הדקל על הדקל או כפלים או שליש או רביע: הרוצה שלא תשרה חיה רעה בגל קברו. שאין מצבה כיון מניחין על הקבר כעין שאנו מגביהין וזוכרין בו עפר ומשפע לכאן ולכאן וסירה שלא תבא חיה רעה להתחופף בגל הקבר

---

קומען שבת אונ ניט יום טוב. דריבר שבת אונ יום טוב מעג ער טרינקען וויין. זאגט די גמרא מען האט איצט גימיינט אזוי וויא אליהו וועט ניט קומען ערב שבת אונ ערב יום טוב. אזוי וועט משיח אויך ניט קומען ערב שבת אונ ניט ערב יום טוב. דארף ער דאך מעגין טרינקען וויין אלע ערב שבת אונ אלע ערב יום טוב. זאגט די גמרא ניין. אליהו וועט ניט קומען ערב שבת אונ ניט ערב יום טוב. אבער משיח וועט קומען אפילו ערב שבת אדער ערב יום טוב. וואריום אז משיח וועט קומען וועלען אלע זיין קנעכט צוא דיא יודען. וועלען שוין דיא יודען האבען ווער עס זאל פון זייערט וועגין אן גרייטין אויף שבת אדער אויף יום טוב. אונ זיי וועלען קענען גיין זעהן דעם פנים פון משיח:

**ג** תניא. מיר האבען גילערונט רבן גמליאל האט גיהאט אירער (אשפאקטיוו) וואס ער האט גיקענט קוקען דורך איר צוויי טויזענד איילין אויף דיא ערד. אדער צוויי טויזענד איילין אויף דעם ים: אז איינער וויל וויסען די טיף פון א טאהל. וויפיל איילין ער איז טיף. זאל ער ברייינגען אזער (אשפאקטיוו) אונ ער זאל קוקען דורך איר אויף די גלייכע ערד. אונ ער זאל מעסטין ווי פיל איילין וויט ער קען זעהן. דער נאך זאל ער גיין צום ברעג טאהל אונ ער זאל קוקען מיט דעם שפאקטיוו אין די טיף פון טאהל. אונ ער זאל זיך אפ רוקען אינטער זיך פון ברעג אזוי וייט אז ער זאל וויסען וואו עס לאזט זיך אויס דיא טיף פון טאהל דארט לאזט זיך אויס דיא זעהונג פון שפאקטיוו. אז ער וועט זיך נאך אביסעל ווייטער אפ רוקען פון ברעג וועט ער שוין ניט קענען זעהן דעם דעק פון טאהל. ווייס ער שוין אז ער קוקט די גאנצע ווייט ווי מען קען קוקען דורך דיא רער. דער נאך זאל ער מעסטין וויא ווייט ער האט זיך אפ גירוקט פון ברעג. וועט ער וויסען די איבעריגע מאס איז טיף דער טאהל: למשל ער קען זעהן דורך דעם שפאקטיוו טויזענד איילין. אונ ער האט זיך אפ גירוקט פון ברעג צוויי הונדערט איילין. ווייס ער אז דער טאהל איז טיף אכט הונדערט איילין. אונ אז איינער וויל וויסען די הייך פון א בוים. אונ ער האט מורא ארויף צו גיין אויף דעם בוים צו מעסטין איהם. זאל דער מענטש מעסטין זיין איינענע הייך. וויא הויך ער איז. למשל ער איז הויך דריי איילין. אונ דער נאך זאל ער מעסטין זיין שאטען אויף די ערד. למשל דער שאטען זיינער איז לאנג פיר איילין. ווייס ער אז דער שאטען איז לייגער פאר איהם מיט א פערטיל. דער נאך זאל ער מעסטין דעם שאטען פון בוים. אז ער וועט זעהן למשל דיא לייגג פון שאטען איז צוואנציג איילין: וועט ער וויסען אז דער בוים איז הויך פופצעהן איילין. אז איינער וויל אשלעכטע חיה זאל ניט רוהען אין דעם שאטען פון די מצבה פון קבר. וויל ער האט מורא טאמער וועט זיא דער שמעקין דעם מת אונ זיא וועט איהם

אוים

חיה רעה בצל קברו נועץ קנה בד' שעות ביום ויראה להיכן צלו נוטה ועולה משפע ויורד :

(דף מה:) **ד אמר** רב שחוזרין בכלי זיינן למקומן כדתניא בראשונה היו מניחין כלי זיינן בבית הסמוך לחומה פעם אחת הכירו בהם אויבים ורדפו אחריהם ונכנסו ליטול כלי זיינן ונכנסו אויבים אחריהם דחקו זה את זה והרגו זה את זה יותר ממה שהרגו בהם אויבים באותה שעה התקינו שיהיו חוזרין בכלי זיינן למקומם רב נחמן בר יצחק אמר לא קשיא כאן שנצחו ישראל את עכו"ם כאן שנצחו עכו"ם את עצמן . אמר רב יהודה אמר רב עכו"ם שצרו על עיירות ישראל אין יוצאין עליהם בכלי זיין ואין מחללין עליהם את השבת . תניא נמי הכי עכו"ם שצרו וכו' . בד"א כשבאו על עסקי ממון אבל באו על עסקי נפשות יוצאין

הקבר מפני חום השמש ותריח את סמו ותהמם : נועץ קנה בארבע אמות . כשבא לעשות הבנין ינעוץ קנה בד' שעות ביום שאותה השעה מתחיל השמש להתהפך והצל נוטה ימה כדאמרינן בברכות ואם השמש ונמה אותו שעה שהשמש חם והצל נוטה הוי אומר זה ד' שעות ולפי' חיות מתאוות לצל כאותה שעה ולאותו צד שירצה שצל הקנה נוטה ישפע הבנין ויעשה שיפוע אמוך שלא יהיה לו צל (ואע"פ שכשהשמש בחמה יהיה לו צל) לצד אחר בין דבההיא בעונת ליכא צל הו לא אכות היה רעה להתלונן בצלו דבהיא שעתא אולה עד דמתבהא ועוד דלאחר ד' שעות אף הצל חם ולא איכפת לה מיום בצל :

מניחין כלי זיינן . בחדרים בבית החיצון שמוצאין חוץ לחומה : הכירו בהם אויבים . ביוצאין חוץ לעיר : ורדפו אחריהן ונכנסו . היוצאין ליטול כלי זיינן והבית צר ודחקו זה את זה : נצחו ישראל. אלפים והוו לא : נצחו עכו"ם : חוזרין למקומן אפילו עוכלא : אין יוצאין עליהן . כדמפרש לקמן

---

אויס גראבן . זאל ער אריין שטעקין א שטעקין אין דער ערד די פערטע שעה אויפן טאג . וועט ער זעהן אין וועלכער זייט דער שאטען איז . וועט ער אויס בייגן דיא מצבה מיט דעם בארג ערד פון קבר אין דיא אנדערע זייט . עס זאל ניט זיין אין דיא צייט קיין שאטען ניט פון דיא מצבה אונ ניט פון קבר ווארום דיא פערטע שעה אויפן טאג הייבט אן דיא היץ צוא ברענען . דיא צייט גייט די חיה זוכען א שאטין . אונ אז זיא וועט קומען צוא דעם קבר אין דיא צייט אונ זיא וועט ניט געפינען קיין שאטען . וועט זיא לויפין אויף איין אנדער ארט . אונ וואו זיא וועט דיא צייט געפינען א שאטין . דארט וועט זיא זיין א גאנצין טאג . אונ אזוי וועט זיין אלע טאג . וועט זי ביי דעם קבר קיין מאהל ניט זיצען :

**ד** אמר . רב זאגט דיא מענטשין וואס זענען גיקומען שבת מיט זייער גיוועהר ושווערד אונ ביקסן צו רעטין ומציל זיין איינעם פון א סכנה . מעגין זיי דער נאך צוריק גיין אהיים אויף זייער ארט מיט זייער גיוועהר אום שבת . אזוי וויא מיר האבי גילערענט אין אנהייב האט מען גזאגט אז זייא וועלין גיין צוריק זאלין זייא לייגין זייער גיוועהר אין דיא שטוב וואס איז נאהנט צו דיא מאהער וואס ארום שטאט פון אויס ווייניג . אמאהל האט מען אזוי גיטאהן . מען האט גילאזין דיא גיוועהר אונטער די שטאט . וויא זייא זענען אריין גיקומען אין שטאט האבין די גוים דער קענט אז דיא יודין זענען ערגעץ גיוועזן . האבין זייא נאך גיאגט דיא יודין . זענען די יודין אריין ניגאנגען נעמען זייער גיוועהר . זענען דיא גוים אריין ניגאנגען נאך זייא . האבין די יודין גישטויסין איינער דעם אנדערין אונ זייא האבין ניהרגת איינער דעם אנדערין מער וויא די גוים האבין פון זייא ניהרגת . אין די צייט האבין די חכמים גזאגט זייא מעגין גיין מיט זייער גיוועהר ביז אהיים צו זייער ארט . רב נחמן בר יצחק זאגט עס איז ניט קיין קשיא דא שמועסט אז דיא יודין האבין איין גינומען די גוים . אז די יודין גייען צוריק טארין זייא ניט מער גיין נאר צוויא טויזענד איילין אונ דא שמועסט אז דיא גוים האבין איין גינומען די יודין . אז דיא יודין גייען צוריק מעגין זיי גיין ביז אהיים אפילו מער וויא צוויי טויזענד איילין . רב יהודה האט גזאגט פון רבם ווען אויב גוים האבין בעלאגערט שבת אויף א שטאט וואס יודין וואוהנען . טארין ניט די יודין ארויס גיין צו זיי מיט גיוועהר אום שבת . אונ זיי טארין ניט מחלל שבת זיין מיט אנדערע זאכין . זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי גילערנט . ווען איז דער דין גילערנט גיווארין . אז דיא גוים זענען גיקומען וועגין געלט . זיי ווילען דיא יודין זאלין זיי געבין געלט . אבער אז זיי זענען גיקומען וועגין מענטשין . זיי ווילען הרגנן דיא יודין . מעגין דיא יודין ארויס גיין גיגין זיי

מיט

יוצאין אליהן בכלי זיין ומחללין עליהן את השבת ובעיר הסמוכה לספר אפילו לא באו על עסקי נפשות (ולא על עסקי ממון) אלא על עסקי קש ותבן יוצאין עליהן בכלי זיין ומחללין עליהן את השבת אמר רב יוסף בר מניומי אמר רב נחמן ובבל כעיר הסמוכה לספר דמיא ותרגומא נהרדעא. דרש רבי דוסתאי דמן בירי מ"ד (שמואל א כג) ויגידו לדוד לאמר הנה פלשתים נלחמים בקעילה והמה שוסים את הגרנות תנא קעילה עיר הסמוכה לספר היתה והם לא באו אלא על עסקי תבן וקש דכתיב והמה שוסים וגו' וכתיב וישאל דוד בה' לאמר האלך והכיתי בפלשתים האלה ויאמר ה' אל דוד לך והכית בפלשתים והושעת את קעילה מאי קא מבעיא ליה אילימא אי שרי אי אסור הרי ב"ד של שמואל הרמתי קיים אלא אי מצלח אי לא מצלח דיקא נמי דכתיב לך והכית בפלשתים והושעת את קעילה שמע מינה:

כשבאו עכו"ם על עסקי ממון: נספר. מרקא בלע"ז עיר שמבדלת בין גבול ישראל לגבול העכו"ם: יוצאין עליהם. שמא ילכדוה ומשם תהא נוחה הארץ ליכבש לפניהם: תרגומא. איזו עיר בבבל דומה סמוכה לספר: נהרדעא. שהיתה סמוכה לעכו"ם מצד אחד ולעיירות שיושבין בהן בני הגולה מצד ב': והם לא באו וכו'. ואעפ"כ הספר דוד עמהם לבליל: אי שרי אי אסור. שבת היתה: הרי שמואל ובית דינו קיים. ומידי דאיסור והיתר לא משייל באורים ותומים: והושעת. אלמא מבטרי

(דף מז) **ה ומטמא** לישא אשה וללמוד תורה. אמר רבי יהודה אימתי בזמן שאינו מוצא

---

מיט געווער (שווערד אונ ביקס) אום שבת. אונ זייא מעגין מחלל שבת זיין צו אלע זאכין וואס זייא דארפין נאר זיך מציל צו זיין; אונ אויב די שטאט איז נאנט צו אגרעניץ. אויף דיא אנדערע זייט גרעניץ וואוהנען גוים. אפילו די גוים זענען ניט גיקומען צו הרגנן דיא יודין. אונ זיי זענען ניט גיקומען וועגין געלט. זייא פערלאנגען ניט מען זאל זייא געבין געלט. זייא ווילען נאר מען זאל זיי געבין שטרוי. מעגין די יודין ארויס גיין געגין זייא מיט געווער אום שבת. אונ זייא מעגין מחלל שבת זיין צו אלע זאכין וואס זיי דארפין צוא דער מלחמה. רב יוסף בר מניומי האט גזאגט פון רב נחמן וועגין בבל האט דעם דין אזוי וויא א שטאט וואס איז נאנט צוא א גרעניץ. וועלכע שטאט אין בבל איז גיוועז געבין גרעניץ. דאס איז נהרדעא. אין דיא שטעט וואס נעבין נהרדעא פון איין זייט האבין גיוואוהנט גוים. אונ אין נהרדעא אונ אין דיא שטעט וואס נעבין נהרדעא פון די אנדערע זייט האבין גיוואוהנט יודין:

דרש. רבי דוסתאי פון בירי האט נידרשת וואס מיינט דער פסוק מען האט גזאגט צו דוד די פלשתים האלטין מלחמה אין קעילה אונ זייא רויבין דיא שייערין. זאגט דיא גמרא מיר האבין גילערנט. דיא שטאט קעילה איז גיוועז נאנט צום גרעניץ פון דיא פלשתים. אונ די פלשתים זענען נאר גיקומען וועגין שטרוי. מען זאל זיי געבין שטרוי. אזוי ווייא עס שטייט אין פסוק אונ זייא רויבין דיא שייערין. אונ עס שטייט אין פסוק דוד האט גיפרעגט ביי גאט זאל איך גיין שלאגען דיא פלשתים. האט גאט גזאגט צו דוד גיי שלאג דיא פלשתים אונ דו זאלסט העלפין די שטאט קעילה. פרעגט דיא גמרא וואס האט דוד גיפרעגט ביי גאט. זאלין מיר זאגין עס איז גיוועזן שבת אונ ער האט גיפרעגט אויב ער מעג מלחמה האלטען אום שבת אדער ניין. איז דאך דיא קשיא דער בית דין פון שמואל הנביא איז דאך גיוועזן. האט ער בעדארפט פרעגין דעם דין ביי בית דין; ניט ביי דיא אורים ותומים. ווארום ביי די אורים ותומים פרעגט מען ניט קיין דינים. נאר דאס האט דוד גיוואוסט אז ער מעג מלחמה האלטען אפילו אום שבת. ער האט נאר גיפרעגט אויב ער וועט איין נעמען דיא מלחמה אדער ניין. אונ מיר זעהן אז עס איז אזוי. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט אים גיענטפערט גיי אונ שלאג די פלשתים אונ דו וועסט העלפין די שטאט קעילה. האט מען איהם אן גזאגט אז ער וועט איין נעמען די מלחמה. ווייל דם האט ער גיפרעגט:

**ה** ומטמא. דער כהן מעג זיך מטמא זיין וצו גיין אויף א בית הקברות. אויב ער האט ניט קיין אנדער ווענט אז ער דארף גיין נעמען א ווייב אדער לערנען תורה. רבי יהודה זאגט

מוצא ללמוד אבל מוצא ללמוד לא יטמא רבי יוסי אומר אף בזמן שמוצא ללמוד נמי יטמא לפי (עב) שאין מן הכל אדם זוכה ללמוד. ואמר רבי יוסי מעשה ביוסף הכהן שהלך אצל רבו לצידן ללמוד תורה ואמר ר' יוהנן הלכה כרבי יוסי:

(שם ע"ב) ו אמר רבי יהודה מעשה באנשי בית ממל ובאנשי בית גוריון בארומה שהיו מחלקין גורגרות וצמוקין לעניים בשני בצורת ובאין עניי כפר שיחין ועניי כפר חנניה ומחשיכין על התחום למחר משכימין ובאין:

ליה דינלה: אלינו מולא ללמוד. בלרמ: שאין מן הכל אדם אכה ללמוד. מכל תלמדיו יש רב שמבנתו סדורה לו בפיו ושונה להלמידים כדרך קלרה: לצידן. ח"ל:
בלרומה. שם מקום: גרוגרות. תאנים יבשות: למוקים ענבים שנתייבשו ולנטמקו:
עניי כפר שיחין. כמושין יין לארומה כהוך ד' אלפים:
לפנים. פנימה בית אלר פתח מערה: בית ועליה. כוי כפולה אלל בב' בהים לא שייך בים לבון כפול: בזוגות. שנקברו בה אים ואשתו דהיינו זוג אג: עליו. כלפי מעלה אלא ששינו חכמים

## ביצד מעברין פרק חמישי

(דף נג) א מערת המכפלה רב ושמואל הד אמר שני בתים זה לפנים מזה וחד אמר בית ועליה על גביו בשלמא למ"ד שני בתים זה על גבי זה היינו דכתיב מכפלה אלא למ"ד שני בתים זה לפנים מזה מאי מכפלה שכפולה בזוגות. (בראשית לה) ממרא קרית

---

ווען מעג ער זיך מטמא זיין אז ער געפינט ניט ביי וועמען צו לערנען אין זיין שטאט. אבער אז ער געפינט ביי וועמען צו לערנען אין זיין שטאט. טאר ער זיך ניט מטמא זיין. רבי יוסי זאגט אפילו ער געפינט ביי וועמען צו לערנען. מעג ער זיך אויך מטמא זיין צו גיין לערנען תורה אין איין אנדער שטאט ביי וועמען ער וויל. ווייל ניט פון אלע תלמידי חכמים איז א מענטש זוכה צו לערנען תורה. רבי יוסי האט גזאגט יוסף הכהן איז גיגאנגען צו זיין רבי אין צידון לערנען ביי איהם תורה. אונ צידן איז חוץ לארץ. אונ גאנץ חוץ לארץ איז טמא פאר א כהן. האט זיך דאך יוסף הכהן מטמא גיוועזן אונ איז גיגאנגען לערנען תורה. אפילו ער האט גיהאט אין זיין שטאט אויך א רבי. רבי יוחנן זאגט דער דין איז ווי רבי יוסי:

ו אמר. רבי יהודה האט גזאגט די מענטשין פון בית ממל אונ דיא מענטשין פון בית גוריון וואס זענען גיוועזן אין דיא שטאט ארומה. פלעגין טיילען גטריקענטע פייגען אונ געטריקענטע ווייגטרויבען צו ארעמע לייט אין דיא יאהרין וואס איז גיוועזן הונגער. אונ דיא ארעמע לייט פון דארף שיחין אונ די ארעמע לייט פון דארף חנניה זענען גיוועזן ווייט פון דיא שטאט ארומה פיר טויזענד איילין. פלעגין זייא גיין פרייטאג פארין נאכט ביז צוויי טויזענד איילין פון זייער דארף. אונ פלעגין דארט זיצען ביז עס איז גיווארין נאכט. דער נאך פלעגין זייא צוריק גיין אהיים גענכטיגען. שבת פריה פלעגין זייא שוין מעגין גיין ביז אין דיא שטאט ארומה:

## פרק חמישי

א מערת המכפלה. פאר וואס רופט מען דיא מערה וועם קעלערן. דיא גיטאפעלטע. קריגען אין דעם רב אונ שמואל. איינער זאגט ווייל אין דיא מערה איז דא צוויי שטובען איינע אינוויינינג פון דיא ערשטע ואיינע פארונט אונ איינע אינטען. אונ איינער זאגט דיא מערה איז גיוועזן גימאכט צוויי שטובין איינע איבער דיא אנדערע ואאונטערשטע שטוב אונ אויף דיא שטוב אאובערשטע שטובן. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז עס איז גיוועזן צוויי שטובין איינע אויף דיא אנדערע. איז רעכט וואס מען רופט דיא גיטאפעלטע מערה. ווייל עס איז צוויי בזונדערע שטובין. הייסט דאס טאפעלע שטובין. נאר דער וואס זאגט עס איז גיוועזן צוויי שטובין איינע אין דיא אנדערע. דם הייסט דאך ניט טאפיל. ווייל מען גייט

**באל"ף**: (מלברך באל"ף. יש מי שגורס מעברין ופירשו כאשה עוברה ויש מי שגורס מאברין באל"ף כלומר אבר נמוסף על העיר האבריה): **ר' אושעיא ברבי**. גדול בדורו וכל היכא דקרי ברבי הכי **פירושו**: לב כל אחד. כמה היה מחודד כלומר בכולם הכרתי מה חריפותו של זה מזה: וחכמת כל **אחד**. כמה זה חכם מזה וכמה למד יותר ממנו: **ואבע"א** במשנתנו. לא למד אלא דבר אחד אבל **בגמרא** ובבריתות טובא גמר: שבה באמה. פסיע

קרית הארבע אמר רבי יצחק קרית ארבע זוגות אדם וחוה אברהם ושרה יצחק ורבקה יעקב ולאה. (שם יד) ויהי בימי אמרפל רב ושמואל חד אמר נמרוד שמו ולמה נקרא שמו אמרפל שאמר והפיל את א"א לתוך כבשן האש וחד אמר אמרפל שמו ולמה נקרא שמו נמרוד שהמריד את כל העולם כלו במלכותו עליו. (שמות א) ויקם מלך חדש על מצרים רב ושמואל חד אמר חדש כמש וחד אמר שנתחדשו גזרותיו וכו'. אמר רבי יוחנן י"ח ימים גדלתי אצל רבי אושעיא ברבי ולא למדתי ממנו אלא דבר אחד במשנתנו כיצד מאברין את הערים באל"ף איני והא אמר רבי יוחנן י"ב תלמידים היו לו לרבי אושעיא ברבי י"ח ימים גדלתי אצלן ולמדתי לב כל אחד ואחד וחכמת כל אחד ואחד. לב כל אחד ואחד וחכמת כל אחד ואחד גמר גמרא לא גמר ואבע"א מנייהו דידהו גמר מיניה דידיה לא ואבע"א דבר אחד במשנתנו קאמר. ואמר רבי יוחנן כשהיינו למדים תורה אצל רבי אושעיא ברבי היינו יושבים ד' ד' באמה אמר רבי כשהייתי לומד תורה אצל ר"א בן שמוע היינו יושבים ו' ו' באמה.

אמר

---

פון איין שטוב אין די אנדערע. הייסט דאס נאר צווי שטובן, אבער ניט טאפעלע שטובן. ענטפערט די גמרא זיא איז געווען געטאפעלט מיט פארין. אין די מערה איז געווען בגראבן פיר פאר מאן אונ ווייב. אין פסוק שטייט מערא קרית הארבע. פאר וואס האט מען גערופן די שטאט קרית הארבע. האט רבי יצחק גזאגט ווייל אין די שטאט זענען בגראבען געווארין פיר פאר מאן אונ ווייב. אדם אונ חוה. אברהם אונ שרה. יצחק אונ רבקה. יעקב אונ לאה. אין פסוק שטייט ויהי בימי אמרפל. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט ער האט געהייסן נמרוד. פאר וואס הט מען אים גערופען אמרפל. ווייל אמרפל איז צוויי ווערטער אמר והפיל. ער האט גזאגט מען זאל אריין ווארפען אברהם אבינו אין דעם פייער וואס דאט געברענט אין קאלך הויבין. אונ איינער זאגט ער האט געהייסן אמרפל. פאר וואס האט מען איהם גערופען נמרוד. ווייל ער האט אן גירעט די גאנצע וועלט זייא זאלין מורד זיין אין די מלוכה פון גאט. אין פסוק שטייט עס איז אויף געשטאנען אנייער מלך אויף מצרים. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט טאקי אנייער מלך. אונ איינער זאגט דער אלטער מלך האט ארויס געגעבין נייע גזרות. רבי יוחנן זאגט אכטצעהן טעג בין איך געווען ביי רבי אושעיא ברבי אין שטיב אונ איך האב פון איהם נישט מער געלערנט נאר איין זאך אין אונזער משנה כיצד מאברין את הערים. דארף שטיין מאברין מיט אאל"ף. פרעגט די גמרא עס איז דאך נישט אזוי. רבי יוחנן האט דאך גזאגט צוועלף תלמידים האט געהאט רבי אושעיא ברבי. אונ אכטצעהן טעג בין איך געווען ביי זיי. אונ איך האב געלערנט די הארץ פון יעדער תלמיד בזונדער. אונ דיא חכמה פון יעדער תלמיד בזונדער. וויא אזוי זאגט רבי יוחנן אז ער הט ניט מער גילערנט נאר איין זאך אין אונזער משנה. ענטפערט די גמרא די הארץ פון יעדער תלמיד בזונדער אונ די חכמה פון יעדער תלמיד בזונדער האט רבי יוחנן גילערנט. אבער גמרא האט ער ניט מער גילערנט נאר דיא איינע זאך פון אונזער משנה. אז דוא ווילסט וועל איך דיר אזוי ענטפערין. פון די תלמידים האט רבי יוחנן גילערנט. נאר פון רבי אושעיא אליין האט ער ניט מער גילערנט נאר דיא איינע זאך פון אונזער משנה. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר אזוי ענטפערין. אזוי מיינט רבי יוחנן אין אונזער משנה האט ער ניט מער גילערנט פון רבי אושעיא נאר דיא איינע זאך אז מאברין דארף שטיין מיט אאל"ף. אבער אנדערע משניות אונ גמרא האט ער פיל גילערנט פון רבי אושעיא. נאך הט רבי יוחנן גזאגט אז מיר האבין גילערנט תורה ביי רבי אושעיא ברבי פלעגין מיר זיצען פיר מענטשין אויף איין איין פלאץ.

רבי

אמר רבי יוחנן רבי אושעיא ברבי בדורו כרבי מאיר בדורו מה רבי מאיר בדורו לא עמדו חבריו על סוף דעתו אף רבי אושעיא ברבי לא עמדו חבריו על סוף דעתו. ואמר רבי יוחנן לבן של ראשונים כפתחו של אולם אחרונים כפתחו של היכל ואנו כמלא נקב מחט סדקית. מאן ראשונים רבי עקיבא. אחרונים רבי אלעזר בן שמוע. אית דאמרי ראשונים רבי אלעזר בן שמוע אחרונים רבי אושעיא ברבי. ואנו כמלא נקב מחט וכו'. אמר אביי ואנן כי סיכתא בגודא לגמרא אמר רבא ואנן כי אצבעתא בקירא לסברא א"ר אשי ואנן כי אצבעתא בבירא לשכחה (אמר רבי זירא אם ראשונים אנו כמלאכים בני אנשים ואם ראשונים בני אנשים אנו כחמורים ולא כחמורו של רבי חנינא בן דוסא ושל רבי פנחס בן יאיר אלא כשאר חמורים ע"ב):

מתקרבין לשמוע מפיו ודוחקין זה את זה: רבי מאיר לא עמדו חבריו על סוף דעתו. כדאמרינן בפ"ק שהיה אומר על טמא טהור ומראה לו פנים: פתח אולם. רחבו כ' ושל היכל עשר: סדקית. מחט שתופרין בו סדקי בגדים: כי סיכתא בגודא לגמרא. סיכתא זה יתד שנועצין אותו בכותל בנקב צר ונכנס בדוחק כך אין אנו יכולין להבין מה שאנו שומעין כי אם מעט ובקושי: כי אצבעתא בקירא. בשעוה קשה שאין האצבע נכנס בתוכה אלא כדבק מעט: כי אצבעתא בבירא לשכחה. כשם שהאצבע נוח ליכנס בפי בור כך אנו מהירין לשכוח ולאבד: (אנו כבני אנשים. זה כאמר בגמרא גבי שאמרו קרי עליה לית דין בר אינש אלא מלאך והיה דאמרי כגון דין בר איניש גברא בכולא): מקפידו על לשונם. לומר בלשון צח ולא בלשון מגומגם כדאמרינן לקמן בבני גליל:

**ב** **א"ר** יהודה אמר רב בני יהודה שהקפידו על לשונם נתקיימה תורתן בידן בני גליל שלא הקפידו

---

רבי האט גזאגט אז איך האב געלערנט תורה ביי רבי אלעזר בן שמוע פלעגן מיר זיצען זעקס מענטשין אויף איין איל פלאץ. רבי יוחנן זאגט רבי אושעיא ברבי אין זיין דור איז געוועזן אזוי גרוים וויא רבי מאיר אין זיין דור. אזוי וויא רבי מאיר אין זיין דור האבן זיינע חברים ניט געקענט וויסען זיין לעצטין מיינונג. וויא ער פסקת. אזוי רבי אושעיא ברבי אין זיין דור האבען אויך זיינע חברים ניט געקענט וויסען זיין לעצטין מיינונג. וויא ער פסקת (עיין פ"א אות דו. נאך האט רבי יוחנן גזאגט דיא הארץ פון דיא ערשטע תנאים איז געוועזן ברייט וויא די טיר פון אולם. אונ דיא הארץ פון דיא לעצטע תנאים איז געוועזן ברייט אזוי וויא דיא טיר פון היכל. דאס איז א משל. ווייל דיא טיר פון אולם איז געוועזן ברייט צוואנציג איילן. אונ דיא טיר פון היכל איז געוועזן ברייט נאר צעהן איילין. אונ אונזער הארץ איז נאר וויא א לעכיל פון אנאדיל וואס מען נייט מיט איר אשפארט פון אקלייד ואז אקלייד איז צעריסען אונ צוא שפאלטען געווארין). ווער זענען דיא ערשטע תנאים. רבי עקיבא. ווער זענען דיא לעצטע תנאים. רבי אלעזר בן שמוע. אנדערע זאגין דיא ערשטע זענען רבי אלעזר בן שמוע. דיא לעצטע זענען רבי אושעיא ברבי. אונ מיר זענען אזוי וויא דיא לעכיל פון אנאדיל. אביי זאגט אונ מיר זענען אזוי וויא מען שלאגט אריין אפראקין אין דיא לאך וואס אין וואנט. גייט ער דאך אריין גאנץ היינג אונ שווער. אזוי שווער איז ביי עס גייט אריין אין אונזער קאפ אשטיקיל גמרא. רבא זאגט אונ מיר זענען אזוי וויא מען שטעקט אריין דעם פינגער אין הארטע וואקס. אונ דער פינגער קען ניט אריין אין דיא וואקס. נאר אביסיל קלעבט זיך אן פון דיא וואקס אויף דעם פינגער. אזוי אז מיר קלערין אין דיא גמרא קלעבט זיך אן די גמרא אין אונזער קאפ גאנץ ווייניג. רב אשי זאגט אונ מיר זענען אזוי וויא אפינגער אין גרוב צום פאר געסין. אזוי וויא גרינג עס איז אפינגער זאל אריין גיין אין גרוב. אזוי גרינג איז מיר זאלען פאר געסין וואס מיר לערנען. רבי זירא זאגט אויב דיא ערשטע תנאים זענען געוועזן גירעכונט אזוי ווי מלאכים. זענען מיר גירעכונט אזוי וויא מענטשין. אויב די ערשטע תנאים זענען געוועזן גירעכונט אזוי וויא מענטשין. זענען מיר גירעכונט אזוי וויא אייזלען. אינ ניט אזוי וויא דער אייזיל פון רבי חנינא בן דוסא. אונ ניט אזוי וויא דער אייזיל פון רבי פינחס בן יאיר. נאר אזוי וויא אנדערע אייזלען:

**ב** **אמר** רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דיא מענטשין פון דיא מדינה יהודה

הקפידו על לשונם לא נתקיימה תורתן בידן. מידי בהקפדה תליא מלתא אלא בני יהודה מתוך שהקפידו על לשונם דהוו דייקי לישנא מתנחי להו סימני נתקיים תלמודן בידן בני גליל דלא דייקו לישנא ולא מתנחי להו סימני לא נתקיים תלמודן בידן איבעית אימא בני יהודה גמרי מחד רבה נתקיימה תורתם בידם בני גליל דלא גמרי מחד רבה לא נתקיים תורתם בידם. רבינא אמר בני יהודה דגלי מסכת נתקיים תלמודן בידן. בני גליל דלא גלי מסכת לא נתקיים תלמודן בידן. דוד גלי מסכת שאול לא גלי מסכת דוד דגלי מסכת כתיב ביה (תלים קיט) יראיך יראוני וישמחו. שאול דלא גלי מסכת כתיב ביה (ש"א יד) ובכל אשר יפנה ירשיע אמר

דהוו דייקי לישנא. לחזור כלותו לשון ששומעים מרבן ומ"י שהיו שומעים על פה שמועה על שמועה היו מתנים סימנים זו אחר זו ומתוך שהיו מדקדקים בלשון יודעים לכוין סימנים אליו ואין מתחלפין מהם: לא גמרי מחד רבה. והיו שומעין מזה בלשון אחד ומזה בלשון אחר ואע"פ שכוונתם אחד בנוי הלשון מבלבלן ומחכהן: דגלי מסכת. למדו לאחרים. כך שמעתי. ל"א מפרשים שמועות ומדקדקין בהם בטעמים עד שמתיישב על לבם: יראוני וישמחו. לפי שמשמועותיו מכוונין לאיסור איסור ולהיתר היתר: דוד גלי מסכת. כדאמרינן בברכות שהיה יגע בתורה ומורה הוראות כדאמר ידי מלוכלכות בדם בשפיר ובשליא ואומר מפיבושת רבי יפה דנתי יפה זכיתי: ירשיע. שאול לא היה

---

ווייל זיי האבען מקפיד געווען אויף זייער לשון. זייא זאלען יעדער זאך גוט ארויס ריידין. דאט דיא תורה גיהאט אקיום ביי זייא; האבין זייא גיקענט לערנען: אונ דיא מענטשין פון גליל ווייל זייא האבען ניט מקפיד גיוועז אויף זייער לשון. זייא פלעגין ניט גוט ארויס ריידין זייערע רייד. האט דיא תורה ניט גיהאט קיין קיום ביי זייא. קענען זייא ניט לערנען. פרעגט דיא גמרא גיהער רען דיא תורה לערנען צו שארף ריידין. נאר אזוי מיינט מען. די מענטשין פון יהודה ווייל זייא האבען מקפיד גיוועז אויף זייער לשון. אז זייא האבען גילערנט אדין פון זייער רבי. פלעגין זייא מקפיד זיין זייא זאלען חזרין דעם דין מיט דיא זעלביגע ווערטער וויא זייא האבין גיהערט פון זייער רבי ווען זייער רבי האט גילערנט מיט זייא. אונ אז זייא האבען גיהערט פון זייער רבי עטליכע דינים צו זאמען. פלעגין זייא מאכען סימנים (צייכונס) זיי זאלין גדיינקין דיא דינים צו לערנען איינעם נאך דעם אנדערין אזוי וויא דער רבי האט מיט זייא גילערנט. דריבער איז דאס לערנען געבליבען ביי זייא אונ זייא קענען לערנען. אבער דיא מענטשין פון גליל האבען ניט מקפיד גיוועז צו חזרין מיט דעם זעלבינען לשון וואס דער רבי האט מיט זייא גילערנט. אונ אז זייא האבען גילערנט פון זייער רבי עטליכע דינים צוזאמען האבען זייא ניט גימאכט קיין סימנים צו גידיינקין וועלכער דין איז גילערנט גיווארין פריער אונ וועלכער שפעטער. דריבער איז דאס לערנען ניט געבליבען ביי זייא. אונ זייא קענען ניט לערנען. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען אזוי מיינט מען. דיא מענטשין פון יהודה האט יעדער גילערנט פון אנהייב ביז צום סוף ביי איין רבי. דריבער איז דאס לערנען געבליבען ביי זיי. אבער דיא מענטשין פון גליל פלעגין ניט לערנען פון איין רבי. אמת טאקי אלע רבנים האבין איין תורה. נאר דער רבי לערנט דעם דין מיט אזוי אלשון. אונ דער אנדערער רבי לערנט דעם זעלבינען דין נאר מיט איין אנדער לשון. דער ענדערונג פון דעם לשון פאר מישט דעם מענטשין ער זאל ניט גידיינקין וואס ער האט גילערנט. דריבער האט דאס לערנונג ניט גיהאט קיין קיום ביי זיי. רבינא זאגט דיא מענטשין פון יהודה ווייל זייא האבין גילערנט דיא מסכת גמרא. מיט אנדערע מענטשין (מיט תלמידים). האט דאס לערנען גיהאט אקיום ביי זיי. אבער דיא מענטשין פון גליל ווייל זייא האבין ניט גילערנט מיט תלמידים. האט דאס לערנען ניט גיהאט קיין קיום ביי זייא. דוד המלך האט גילערנט מיט תלמידים. שאול המלך האט ניט גילערנט מיט תלמידים. דוד ווייל ער האט גילערנט מיט תלמידים שטייט ביי איהם. דוד האט גזאגט פאר גאט דיא וואס האבין מורא פאר דיר האבין מיך גיזעהן אונ האבען זיך גיפרייט. שאול ווייל ער האט ניט גילערנט מיט תלמידים שטייט ביי איהם וואו ער האט זיך גיקערט (אין וועלכע מלחמה ער איז גיגאנגען) האט ער פארשולדיגט

(מ"ג) אמר רבי יוחנן מנין שמחל לו הקב"ה על אותו עון לשאול שנאמר (שם כח) ומחר אתה ובניך עמי. עמי במחיצתי. בני יהודה דייקי לישנא מאי היא. דההוא בר יהודה דאמר להו טלית יש לי למכור. אמרו ליה מאי גוון טליתך. אמר להו כתרדין עלי אדמה. בני גליל דלא דייקי לישנא מאי היא דההוא בר גלילאה דאמר להו אמר למאן אמר למאן אמרו ליה גליאה שוטה חמר למירכב או חמר למשתי עמר למלבש או אימר לאתכסאה | ההיא אתתא דבעיא למימר לחברתה תאי דאוכליך חלבא אמרה לה שלוכתי תאכליך לבאי] ההיא אתתא דאתיא לקמיה דדיינא אמרה ליה מרי כירי תפלא הוות לי ונגבוך מין וכדו הות דכד שדרו לך עילוה לא כטי כרעך אארעא;

שכל מעשיו בהלכה : על אותו עון . נוב עיר הכהנים : כתרדין על אדמה . ירקרק הוא : אמר למאן . מדבר בבלע רפה ולא פירש אלוה ואיזה מיכל אם עמר אם חמר אם אימר : עמר למלבש . לעשות בגדים : אימר לאתכסאה . שה לשחוט : מרי כירי . ור"ל קירי והוא אדון ואמרה כירי והוא עבד : תפלא הוות לי . ר"ל טבלא ואמרה תפלא והיא שקרה : ונגבוך מין . ר"ל נגבוה ממני ואמרה נגבוך מין דמשמע שגנבו את הדיין : וכדו הוה וכו'. גדולה היתה כל כך שאם תולין אותך עליה לא היו רגליך נוגעים בארץ והרי שטויות הרבה וכדו משמע עכשיו ובעי לומר וכדין הוה . ועוד שהיתה מזכרת עלייה כדין ואומרת אם תולין אותך עליה וכו'. ע"כ. ולא חששתי לכתוב לשונות אחרים שלא הכתובים בגמרא למדתי מכאן שירות וכדו פטרית כחסר יתר אשר פירושו כאמתי הוא ועתה :

האט ער פאר שפילט די מלחמה אונ וואו ער האט גירערנט איז ניט גיוועזן דער דין ווי אזוי ער האט זאגט. רבי יוחנן האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט מוחל געוועזן צו שאול די עבירה וואס ער האט גיהרגת די כהנים פון נוב. ווארום עס שטייט אין פסוק שמואל הנביא האט גזאגט צו שאול מארגין וועסטו מיט דיינע קינדער זיין מיט מיר. מיט מיר צו זאמען אין גן עדן. וואס מיינט מען דיא מענטשין פון יהודה פלעגין גוט ריידין. ווארום איינער פון יהודה איז אמאהל גיגאנגען אין גאס אונ האט גזאגט צו דיא מענטשין איך האב אקלייד צו פאר קויפען. האט מען גזאגט צו איהם וואס פאר אקאלאר הט די קלייד. האט ער גזאגט דיא איז אזוי ווי גראז וואס וואקסט אויף דיא ערד. האבען אלע מענטשין גיוואוסט וואס ער מיינט אז דיא קלייד איז גרין. וואס מיינט מען דיא מענטשין פון גליל פלעגין ניט גוט ריידין. ווארום איינער פון גליל איז אמאהל גיגאנגען אין גאס. אונ האט גזאגט צו דיא מענטשין אמר למאן אמר למאן. ווער הט ניט מיינט ווער הט צו פאר קויפען אמר יויל ער קויפען. ווייל ער האט דעם ווארט אמר ניט גוט ארויס גירעדט. האט קיינער ניט גיוואוסט וואס ער וויל. האבען דיא מענטשין גזאגט צו איהם. דוא נארישער גליל מענטש וואס ווילסטו קויפען. חמר למרכב. אאייזיל צום רייטען. או חמר למשתי. אדער וויין צום טרינקען. ווארום אז ער הט גזאגט אמר. האט ער דעם אל"ף ניט גוט ארויס גירעדט. עס האט אזוי גיוועזן ווי ער זאגט חמר. אונ דער ווארט חמר האט צוויא טייטשין. חמר אאייזיל. אונ חמר וויין. דריבער האט מען איהם גיפרעגט וואס ער וויל אאייזיל אדער וויין. אדער מאמער זאגט ער ניט חמר נאר עמר מיט אעיין. איז טייטש וואל. הט מען איהם גיפרעגט אויב ער וויל וואל אויף אקלייד. אדער מאמער מיינט ער אמר מיט אאל"ף. איז טייטש אשעפס. הט מען אים גיפרעגט אויב ער וויל אשעפס צום שעכטין. אאשה פון גליל האט אמאהל גיוואלט זאגין צו דיא חברתה. תאי דאוכליך חלבא וקום איך וועל דיר געבין עסין מילך. האט זיא צו איר גזאגט שלוכתי תאכליך לבאי. (מיין חברתה זאל דיך עסין אלייבו). אאשה פון גליל איז אמאהל גקומען צו אדיין. האט זיא גזאגט צו איהם מרי כירי. מיין האר קנעכט. (זיא האט גיוואלט זאגען קירי מיט אקוף. איז טייטש מיין האר. האט זיא גזאגט כירי מיט אכ"ף. איז טייטש מיין קנעכט). תפלא הוות לי. איך האב גיהאט אבעלעק (זיא הט גיוואלט זאגען טבלא הוות לי. איך האב גיהאט אברעט. הט זיא גזאגט תפלא הוות לי. איך האב גיהאט אבעלעק) וגנבוך מין. זיא האט גיוואלט זאגען וגנבוה ממני. מען הט די ברעט גיגנבת פון מיר. האט זיא גזאגט צום דיין ונגבוך מין. מען האט דיך גיגנבת פון מיר. אונ זיא האט אפילו ניט גזאגט ממני. פון מיר. נאר זיא הט גזאגט מין. פון. נאך האט זיא גזאגט צום דיין וכדו הות.

ג אמהתא דרבי כי הוה משתעיא בלשון חכמה אמרה הכי עלת נקפת בכד יראון נשריא לקיניהון (או יעדי בתר חברתה מינה כי הוה ניחא לה דליזלון אמרה להון יראון נשריא לקיניהון) כד בעי דליתבון הוה אמרה להו יעדי בתר חברתה מינה ותתקפי עלת בכד כאילפא דאזלא בימא. רבי יוסי בר אסיין כי הוה משתעי בלשון חכמה אמר עשו לי שור משפט בטור מסכן. וכד הוה שאיל באושפיזא אמר הכי גבר פום דין חי מה זו טובה יש:

ד רבי אבהו כי הוה משתעי בלשון חכמה הוה אמר הכי. אתרינו לפחמין ארקיעו לזהבין. ועשו לי שני מגידי בעלטה. איכא דאמרי ויעשו לי בהן שני מגידי בעלטה. אמרו ליה רבנן לרבי אבהו הצפינו היכן רבי אלעאי צפון אמר להו עלץ בנערה אהרונית אהרונית עירנית

פירוש

עלת. שם כלי שדולין בו יין מן הכד ומשלחין לכוסות. נקפת בכד. מנוקפת בהכאה כלומר כבר כלה היין: ידלון נשריא לקיניהן. ילכו התלמידים לבתיהם כלומר יפסקו סעודתן שאין עוד יין: או יעדי בתר חברתה מינה. או נסיר מגופת חבית האחרת ונמזוג עוד: והתקפי עלת בכד. שהא לפת עלת בכד בזית: כאילפא בימא. כאניה שבים תתקפי כמו הקפו ידייכו בתגרא וכמו קפא מבוצעת דסוכה לא התפוט ועולה: בלשון חכמה. שלא יבינו האחרים: שור משפט. הנדון שור תור דין משפט: בטור מסכן. הר דל חרדל: משאיל באושפיזא. שואל עוברי דרכים על אושפיזכניה: גבר פום דין חי. אושפיזי תי אוש כמו איש פום כמו פי דין כמו זה: מה זו טובה יש. כלומר עומד הוא בטוב:

אתריגו לפחמין. הבעירו את הפחמין להיותם אדומים כאתרוג ושטחו גחלים הלוחשות על פי הכירה להתחמם כנגדן: ארקיעו. שטחו כמו רקיע: לזהבים. גחלים לוחשות אדומות כזהב: מגידי בעלטה. תרנגולים המודיעים עונת הלילה: בהן. על הפחמים: הצפינו. הראתו לשון צופיה הליכות ביתה: צפון. היה מתחכם דלא היו יודעין התלמידים להיכן היה הולך ממנו: עלץ בנערה וכו'. שמח הלילה בנערה אהרונית ועכשיו הוא ישן: אמרי לה אבה. אהרונית בא כהן: אחרונית מתה אחתו כאחות

---

דיא ברעט איז אזוי גרויס געוועזן. דבר שדרו לך עילוה. אז מען וואלט דיך אוים געצויגען אויף די ברעט. לא מטי כרעך אארעא. וואלטען דיינע פים ניט גיגרייכט ביז צו דיא ערד:

ג אמהתא. דיא דינסט פון רבי אז זיא האט געוואלט קלוג ריידען. האט זי אזוי גיזאגט. עלת נקפת בכד. די כלי וואס מען שעפט מיט איר די וויין פון פאס און צו גיסען די כוסות קלאפט שוין אין פאס. ווייל אין פאס איז שוין ניטא קיין וויין וואורום ווען אין פאס איז דא וויין שווימט די כלי אין די וויין. קלאפט זיא ניט. אונ אז אין פאס איז ניטא קיין וויין. פאלט דיא כלי צום דעק פון פאס קלאפט זי אין די פאס. ידאון נשריא לקיניהון. די אדלערס מעגין שוין פליהען צו זייערע נעסטין. ווייל עס איז שוין ניטא מער קיין וויין צום טרינקען. מעגין שוין דיא תלמידים גיין אהיים. אונ אז זיא האט געוואלט דיא תלמידים זאלען נאך זיצען. האט זיא גזאגט צו זייא. יעדי בתר חברתה מינה. מען זאל אראפ נעמען די שפונד פון נאך א פאס (אונ מען זאל אן גיסען נאך כוסות וויין) ותתקפי עלת בכד כאילפא דאזלא בימא. ווען שווימען דיא כלי אין די פאס וויין. אזוי וויא א שיף וואס שווימט אין ים. רבי יוסי בר אסיין אז ער האט געוואלט קלוג ריידען. אנדערע מענטשין זאלען ניט וויסען וואס ער מיינט. נאר זיינע שטוב מענטשין. האט ער אזוי גזאגט עשו לי שור משפט. (אז רבי יוסי האט געוואלט עסין תרדין. האט ער גזאגט מאכט מיר שור משפט. שור איז אויף תרגום לשון תור. משפט איז דין. צו זאמען מאכט דאס תורדין. אונ אז ער האט געוואלט חרדל. האט ער גזאגט בטור מסכן. טור אויף לשון קודש איז הר. מסכן אויף לשון קודש איז דל. צו זאמען מאכט דאס הרדל. אונ אה ווערט פאר טאהשט אויף אחי. מאכט דאס חרדל. אונ אז רבי יוסי האט געוואלט פרעגין ביי די וואס פארין אין וועג אויף זיין אושפיזא (גאסט הייזער) אויב ער לעבט. פלעגט ער אזוי זאגען גבר פום דין חי. גבר איז אויף לשון קודש איש. אזוי וויא אוש. פום איז אויף לשון קודש פי. דין אויף לשון קודש זה. צו זאמען מאכט דאס אושפיזה. לעבט דער גאסט הייזער. איז אים גוט. אזוי האט ער גיפרעגט:

ד רבי אבהו אז ער האט געוואלט ריידען קלוגע רייד. פלעגט ער אזוי זאגען. אתרינו לפחמין. ברענגט אן די קוילען זיי זאלען זיין רויט אזוי ווי אתרוג. ארקיעו לזהבין. איר זאלט פאר שפרייטען אויף דעם קוימען די קוילען וואס זענען אן גברענט רויט ווי גאלד. ועשו לי שני מגידי בעלטה. אונ איר זאלט מאכען פון מיינעט וועגין צוויי הנס זאגען אין דער פינסטער.

דאס

עירנית והנעירתו אמרי לה אשה ואמרי לה מסכת. אמרי ליה לרבי אלעאי הצפיננו היכן רבי אבהו צפון אמר להו נתיעץ במכתיר והנגיב למפיבשת. אמר ר"י בן חנניא מימי לא נצחני אדם אלא אשה תינוק ותינוקת אשה מאי היא פעם אחת נתארחתי אצל אכסניא ועשתה לי פולין פעם ראשונה סעדתי ולא שיירתי כלום. שניה סעדתי ולא שיירתי כלום. שלישית הקדיחתו במלח כיון שטעמתי משכתי ידי הימנו. אמרה לי רבי מפני מה משכת ידך הימנו אמרתי לה כבר סעדתי מבעוד יום. אמרה לי היה לך למשוך ידך מן הפת אמרה לי רבי שמא לא הנחת פאה בראשונה ולא כך אמרו חכמים אין משיירין פאה באלפס אבל משיירין

פאה

וזו אחרונית. עירנית בעלת חן וחריפה כאדם ער. והנעירתו ולא היה יכול לישן: מסכת. אחרונית מסדר קדשים עבודת אהרן. אחרונית סיים אחרת והתחיל בזו: עירנית. עמוקה ומחודדת ומעוררת לומדיה: נתייעץ במכתיר. נטל רשות מנשיא על שם שנותן רשות לסמוך התלמידים ולקרותם רבי ומתוך והלאה הוא כשר להיות מוכתר ליקרא רבי מומחה לרבים ואם טעה לא ישלם: והנגיב. והדרים הלך לו לדרום: למפיבשת. לפני זקני דרום שהם חכמים מאד על שהיה מפיבשת אדם גדול (ומבייש פני דוד בהלכה) קרי להו הכי: לא נצחני אדם. בדברים: הקדיחתו. שרפתו כמו כי אש קדחה באפי כלומר נתנה בו מלח יותר מדאי: אין משיירין פאה באלפס. כשהשמש מערה מן האלפס לתוך הקערה אין דרך להניח באלפס כלום

דס מיינט מען איר זאלט בראטען פון מייגעט וועגין צוויי הענער אויף די קויכען צוויי הענער וואס זיי קרייען ביי נאכט. די רבנן האבען גזאגט צו רבי אבהו וייז אונז וואו רבי אלעאי איז בעהאלטען. הט רבי אבהו צו זייא גזאגט ער הט זיך גיפרייט די נאכט בנערה אחרונית אחרונית ערנית והנעירתו. אנדערע זאגען דס מיינט מען אווייב. ער הט די נאכט חתונה גיהאט מיט אמיידיל אטאכטער פון אכהן. אונ זיא איז ביי איהם די אנדערע ווייב. אונ זי איז אקלוגע. דורך איר איז ער אויף גיוועזן די נאכט. שלאפט ער איצט. אונ אנדערע זאגען נערה מיינט מען אמסכת. ער הט גילערונט די נאכט אמסכת פון קרבנות וואס דס גיהער צו די כהנים. אונ ער הט אויס גילערנט איין מסכת אונ ער האט אן גיהויבען די מסכת. אונ דיא מסכת איז אשארפע אונ אשווערע גמרא: דריבער איז ער אויף גיוועזן אגאנצע נאכט. שלאפט ער איצט. די רבנן האבען גזאגט צו רבי אלעאי וייז אונז וואו רבי אבהו איז בעהאלטען. האט רבי אלעאי גזאגט צו זיי נתיעץ במכתיר. רבי אבהו הט גנומען רשות פון נשיא. והנגיב למפיבושת. אונ ער איז גיגאנגען צו די חכמים וואס וואהנען אין דרום זייט:

אמר: רבי יהושע בן חנניא הט גזאגט צייט איך לעב הט נאך קיין מענטש מיך ניט בייגיקומען מיט רייד. ער זאל זיין גירעכטער וויא איך. נאר איין אשה. אונ איין קינד. אונ איין מיידיל. וואס איז גיוועזן מיט די אשה. אמאהל בין איך גיוועזן אגאסט אין אגאסט הויז. הט די ווייב פון דעם גאסט הויז גיקאכט פון מייגעט וועגין ארבעס. דס ערשטע מאהל האב איך אויף גיגעסען אין גאנצען אונ האב גאר נישט גילאזען. דעם אנדערין מאהל האב איך אויך אויף גיגעסען אין גאנצען אונ האב גאר נישט גילאזען. דם דריטע מאהל הט זיא פאר זאלצען דאס עסין: ווי איך האב נאר פאר זוכט דאס עסין. האב איך צו גענומען די הענט פון דאס עסין. הט די אשה גזאגט צו מיר רבי פר וואס האסטו אפ גיצוגען די הענט פון דם עסין. האב איך גזאגט צו די אשה איך האב שוין היינט גיגעסען גענוג ברויט. הט די אשה גזאגט צוא מיר דו האסט דאך געוואוסט אז איך קאך פאר דיר עסין האסטו גידארפט אפ ציהען דיינע הענט פון ברויט. אונ עסין וויניגער ברויט דוא זאלסט קענען עסין די גיקאכטע עסין. מיינע נאך הט זיא צו מיר גזאגט רבי טאמער האסטו ניט גילאזען פאה די ערשטע צוויי מאהל וואס דו האסט גיגעסען. די חכמים האבען דאך גזאגט ווען מען גיסט אריין דאס עסין פון די פאן ופון דעם ראנדעל. אדער פון דעם טאפ אין דיא שיסעל. לאזט מען גאר ניט אין דעם טאפ. נאר מען גיסט אריין אין שיסול אין גאנצען. נאר דער וואס עסט פון די שיסעל דארף לאזען אביכול עסין אין די שיסול פאר דעם בדינער ודאס הייסט פאה. דריבער הט ער בדינער פר

לאורכו אלא כל אחד מרית בקערה שלו פאה ומהזירה וה"א מהלך לשמש : פרשת דרכים . דרך פורש לכאן ודרך לכאן : ארוכה . שמאריך הדרך : וקצרה . שמולא מבוא העיר פנוי ליכנס בה

נכנס

פאה בקערה . תינוקת מאי היא פעם אחת הייתי מהלך בדרך [בשדה] והיתה דרך עוברת בשדה והייתי מהלך בה אמרה לי תינוקת אחת רבי לאו שדה היא. אמרתי לה לא בדרך כבושה אני מהלך . אמרה לי לסטים שכמותך כבשוה . תינוק מאי היא פעם אחת הייתי מהלך בדרך וראיתי תינוק אחד שהיה יושב על פרשת דרכים אמרתי לו בני באיזה דרך נלך לעיר אמר לי זו ארוכה קצרה וזו קצרה וארוכה הלכתי בקצרה וארוכה כיון שהגעתי לעיר היו מקיפות לה גנות ופרדסים חזרתי לאחורי אמרתי לו בני לא כך אמרתי לי זו קצרה אמר לי ר' ולא כך אמרתי לך קצרה וארוכה נשקתיו על ראשו ואמרתי לו אשריכם ישראל שכלכם חכמים אתם מגדולכם ועד קטנכם . רבי יוסי הגלילי הוה קא אזיל באורחא אשכחה לברוריה אמר לה באיזה דרך נלך לעיר לוד . אמרה ליה גלילי שוטה לא כך אמרו חכמים אל תרבה שיחה עם האשה היה לך לומר באיזו ללוד :

(דף נג) ה ברוריה אשכחתיה להחוא תלמידא דהוה גרים בלהישה בטשה ביה ואמרה ליה לאו הכי כתיב (שמואל ב כג) ערוכה בכל ושמורה אם ערוכה

ברמ"ח

---

זאלצען דאס עסן דוא זאלסט מוזען קאוען דם עסען פון זיינעט וועגן . וואס איז געוועזען מיט דיא מיידיל . זאגט רבי יהושע אמאהל בין איך גיגאנגען אין וועג האב איך גיזעהן אוועג גייט דורך אפעלד . בין איך גיגאנגען אין דיא וועג וואס אין פעלד . האט א מיידיל צו מיר גזאגט רבי דם איז דאך אפעלד . פאר וואס גייסטו דא . האב איך גזאגט צוא איר איך גיי דאך אין אאדים גיטרעטענע וועג . האט דיא מיידיל צו מיר גזאגט אזעלכע גזלנים וויא דוא האבען דא אויס גיטרעטען אוועג . וואס איז גיוועזען מיט דעם קינד : זאגט רבי יהושע אמאהל בין איך געגאנגען אין וועג האב איך גיזעהן אקינד זיצט וואו עס שיידען זיך צווייא וועגין : איין וועג גייט אין דער זייט אונ איין וועג אין אנדער זייט : האב איך געזאגט צו דעם קינד דורך וועלכע וועג גייט מען צום שטאט . האט דער קינד גזאגט צו מיר ביידע וועגין גייען צום שטאט . די וועג איז אלאנגע אונ אקורצע . אונ דיא וועג איז אקורצע אונ אלאנגע . איך האב ניט געוואוסט וואס דער קינד מיינט . בין איך געגאנגען אין דיא וועג וואס איז אקורצע אונ אלאנגע . וויא איך בין געקומען צום שטאט האב איך גיזעהן גערטנער אונ וויינגערטנער זענען ארום דיא שטאט איז מען קען ניט דורך גיין . בין איך גיגאנגען צוריק אונ איך האב גזאגט צום קינד דוא האסט דאך מיר גזאגט אז דיא וועג איז אקורצע . האט דער קינד געזאגט צוא מיר רבי האב איך דען דיר ניט גזאגט אז דיא וועג איז קורץ אונ לאנג ואיך האב אזו געמיינט איין וועג איז לאנג : אבער זיא גייט גלייך אין שטאט אריין . פון די וועג איז קורץ אביין צו גיין אין שטאט . אונ איין וועג איז קורץ . אבער פון די וועג איז לאנג אונ ווייט אביין צו גיין אין שטאט . ווייל עס איז דא גערטנער אונ וויינגערטנער מוז מען גיין ארום די גערטנער . איז דאס ווייט) . האב איך אקוש גיטאהן דעם קינד אויף זיין קאפ אונ האב גזאגט צו אים וואוהל צו אייך יודען איר זענט אלע חכמים פון גרוים ביז קליין . רבי יוסי הגלילי איז אמאהל גיגאנגען אין וועג . האט ער גיטראפען די אשה ברוריה (די ווייב פון רבי מאיר) האט רבי יוסי צו איר גזאגט באיזה דרך נלך לעיר לוד (דורך וועלכע וועג גייט מען צו די שטאט לוד) . האט ברוריה גזאגט צו רבי יוסי . דוא נארישער גלילי . די חכמים האבען דאך גזאגט מען זאל ניט פיל רעדען צו אאשה . דו האסט גידארפט זאגן באיזו ללוד . וועלכע איז צו לוד . וואלט איך שוין געוואוסט וואס דוא מיינסט . אונ וואלט דיר ריכטיג געענטפערט :

ה ברוריה האט אמאהל גיטראפען אתלמיד לערנט שטיל האט זיא אויף איהם אטרעט געטאהן . אונ האט געזאגט צו איהם אין פסוק שטייט דאך ערוכה בכל ושמורה . אויב דער

מענטש

ברמ"ח איברים של אדם שמורה בלב [ואם לאו אינה משתמרת] תנא תלמיד אחד היה לו לרבי אליעזר בן יעקב שהיה שונה בלחש לאחר שלשה שנים שכח תלמודו, תנא תלמיד אחד היה לו לראב"י שנתחייב שריפה למקום אמרו הניחו לו אדם גדול שימש אמר ליה שמואל לרב יהודה שיננא פתח פומך קרי פתח פומך תני כי היכי דתוריך חיין ותתקיים בידך שנאמר (משלי ד) כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא. אל תקרי למוצאיהם אלא למוציאיהם בפה. אמר ליה שמואל לרב יהודה שיננא חטוף ואכול חטוף ואישתי דעלמא דאזלינן מיניה כהלולא דמי אמר ליה רב לרב המנונא בני אם יש לך היטב לך כי אין בשאול תענוג ואין למות התמהמה ואם תאמר אנית לבני ולבנותי חוק בשאול מי יודיע לך בני אדם דומיי לעשבי השדה הללו נוצצין והללו נובלין:

נטעה ביה. בעסה בו: דתוריך חיין: שתאריך ימים: חטוף ואכול. אם יש לך ממון ליהנות עצמך אל תמתין עד למחר שמא תמות ותניח אותו לאחרים: דעלמא דאזלינן מיניה. גרס: כהלולא דמי. היום ישנו ולמחר איננו: אם יש לך. ממון: ואין למות התמהמה. ענוג כי פתאום כהדם מת: חוק. ר"ל מזון לתת להם חק: מי יגיד לך. אם תאמר בידם שמא יאבדוהו: הללו נוצצין (והללו נובלין). כלומר כשהם גדולים גדלם פרנסתם ועברם עמהם ואין צריך לדאוג עליהם: [והללו נובלין. מתים והעלה נבל]:

אמר

---

מענטש לערונט די תורה מיט זיינע אלע אבט אונ פערציג גלידער. וועט דיא תורה זיין געהיט אין זיין הארץ. וועט ער געדיינקען וואס ער לערונט. אונ אויב ער לערונט תורה אונ ער מאטערט ניט זיינע אלע אבט אונ פערציג גלידער. וועט דיא תורה ניט זיין געהיט אין זיין הארץ. ער וועט געשווינד פאר געסען. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר בן יעקב האט געהאט א תלמיד וואס ער האט גילערונט שטיל. נאך דריי יאהר האט ער פאר געסען זיין לערנען. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר בן יעקב האט געהאט א תלמיד וואס ער האט פאר שולדיגט צוא גאט ער זאל ווערען פאר ברענט. האט מען גזאגט אויפען היטעל מען זאל איהם לאזען לעבין. ווייל ער האט בדינט א גרויסען תלמיד חכם. שמואל האט גזאגט צו רב יהודה דוא למכן העפען דיין מויל אונ לייען תורה נביאים כתובים. העפען דיין מויל אונ לערען משניות גמרא. וועסטו לאנג לעבין. אונ דיין לערנען וועט ביי דיר בלייבען. דוא וועסט אייביג גידיינקען. ווארום עס שטייט אין פסוק כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא. זאלסט ניט לייענען למוצאיהם. נאר למוציאיהם. זאגט דער פסוק דיא תורה גיט לעבין צו דיא מענטשין וואס ריידין די תורה מיט זייער מויל. אונ זיא איז א היילונג צו זייער גאנצע לייב. נאך הט שמואל גזאגט צו רב יהודה דוא למכן חאפ אונ עס חאפ אונ טרינק ואויב דוא האסט געלט צוא עסן אונ צו טרינקען. זאלסטו שוין עסין אונ טרינקען. אונ זאלסט ניט בעהאלטין אויף מארגין. טאמער שטארבסטו מארגין ווארום דיא וועלט איז גלייך צו א חתונה. היינט איז מען אויף דיא חתונה אונ מען הט פערגעניגען. אונ מארגין איז נאך דיא חתונה אונ נאך דעם פערגעניגען. רב הט גזאגט צו רב המנונא מיין זוהן אויב דוא האסט געלט זאלסטו דיר גוטס טאהן מיט דעם געלט. ווארום אין גרוב איז ניטא קיין פערגעניגונגם. אונ צום טויט איז ניטא קיין פאר זאמונג. דער טויט ווארט ניט אויף דעם מענטש. נאר ער קומט פלוצלונג אונ נעמט צוא דעם מענטש. טאמער וועסטו זאגין איך וועל לאזין שפייז פאר מיינע זיהן אונ מיינע טעכטער. ווער וועט קומען צו דיר אין גרוב דיר זאגין. וואס מיט דיינע קינדער איז. אויב זיי זענען רייך אדער ארעם. מענטשין זענען גלייך צו די גראז וואס אין פעלד. די שפראצין אונ די ווערין פאר טריקענט. יעדער מענטש וואקסט מיט זיין מזל. אויב זיין מזל איז ער זאל רייך זיין. אפילו ער וועט ניט נעמען ירושה. וועט ער אויך רייך זיין. אונ אויב דיין מזל איז צו זיין ארעם. אפילו ער וועט פיל געלט ירשנן וועט ער אויך זיין ארעם. אונ די געלט וועט ער פאר לירען אין שלעכטע געשעפטין. דריבער דארפין די עלטערין ניט זארגין צו לאזין ירושה פאר די קינדער

אמר

ו אמר רבי יהושע בן לוי המהלך בדרך ואין לו לויה יעסוק בתורה שנאמר (משלי א) כי לוית חן. חש בראשו יעסוק בתורה שנאמר (שם) הם לראשך. חש בגרונו יעסוק בתורה שנא' (שם) וענקים לגרגרותיך. חש בבני מעים יעסוק בתורה שנאמר (שם ג) רפאות תהי לשרך. חש בעצמותיו יעסוק בתורה שנאמר (משלי ג) ושקוי לעצמותיך. חש בכל גופו יעסוק בתורה שנאמר (שם ד) ולכל בשרו מרפא. אמר רב יהודה בריה דרב חייא בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם אדם נותן לחבירו סם יפה לזה וקשה לזה. והקב"ה נותן תורה לישראל סם חיים לכל גופו שנאמר ולכל בשרו מרפא. אמר רבי (אסי) [אמי] מאי דכתיב (שם כב) כי נעים כי תשמרם בבטנך יכונו יחדו על שפתיך אימתי דברי תורה נעימים כי תשמרם בבטנך ואימתי תשמרם בבטנך בשעה שיכונו יחדו על שפתיך. רבי זירא אמר מהכא (שם טו) שמחה לאיש במענה פיו ודבר בעתו מה טוב אימתי שמחה לאיש בשעה שמענה בפיו. ל"א אימתי שמחה לאיש במענה פיו בזמן שדבר בעתו מה טוב. רבי יצחק אמר מהכא (דברים ל) כי קרוב

אליך

פה. לזה יפה לזה וקשה לזה: יפה לגב ורע לעיניים: שהשמרם בבטנך. שהם שמורים בידך שאינן משתכחים ממך: יכונו יחדו. כשאתה סודרם ומוציאם בפה ולא לגרוס בגמגום ולהיסם: אימתי שמחה לאיש. אימתי אדם שמח בתלמודו בזמן שיש לו מענה כששואלין ממנו דבר הלכה: ד"א אימתי שמחה כו'. בזמן שיודע לדרוש הלכות החג

---

ו אמר. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט דער וואס גייט אליין אין וועג און קיינער גייט איהם ניט באלייטן. זאל ער לערנען תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה איז איין גוטע בהעפטונג צום מענטשין. אז עס טוהט איהם וויא דער קאפ. זאל ער לערנען תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא תורה איז איין גוטע בהעפטונג צום קאפ. אז עס טוהט איהם וויי די האלדז. זאל ער לערנען תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה איז איין גוטע האלדז באנד צו דיין האלדז. אז עס טוהט איהם וויי דיא גידערים (דער בויך). זאל ער לערנען תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה איז אהיילונג צו דיין נאפיל. אז עס טוהט איהם וויי די ביינער. זאל ער לערנען תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה וועט אן טרינקען (און פעט מאכען) דיינע ביינער. אז דער גאנצער גוף טוהט איהם וויי. זאל ער לערנען תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. דיא תורה איז אהיילונג צום גאנצען לייב פון מענטשין. רב יהודה דער זוהן פון רב חייא האט געזאגט קום און זעה דער פירונג פון גאט איז ניט אזוי ווי דער פירונג פון אמענטשין. אז אמענטש (אדאקטאר) גיט ארפואה צו זיין חבר. קען זיין אז די רפואה איז גוט צו די זאך און שלעכט צו איין אנדער זאך. (למשל אז אמענטש האט צווייערליי קראנקייט. די אויגין זענען קראנק און די הארץ איז קראנק. אז ער גיט ארפואה צום הארץ מאכט דער מעדעצין שלעכט די אויגין). אבער גאט האט גיגעבין די תורה צו די יודען. וואס דאס איז ארפואה צום גאנצען גוף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא תורה איז אהיילונג צו זיין גאנצען לייב. רבי אמי האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק עס איז זיס אז דוא וועסט זייא היטען אין דיין בויך זייא וועלין זיין אן גיברייט צו זאמען אויף דיינע לעפצין. ווען איז די רייד פון די תורה זיס. אז דוא וועסט זיי היטען אין דיין בויך. דוא וועסט זייא ניט פארגעסין. און ווען וועלין זייא זיין געהיט אין דיין בויך זייא זאלין ניט פאר געסין ווערין פון דיר. אז זייא וועלין זיין אן גיברייט צו זאמען אויף דיינע לעפצין. אז דוא וועסט לערנען מיט אהויכע שטימע (ער זאל ארויס ריידען דיא ווערטער שארף און הויך). רבי זירא זאגט פון דאנען. עס שטייט אין פסוק שמחה לאיש במענה פיו ודבר בעתו מה טוב: ווען פרייט זיך דער מענטש מיט זיין תורה וואס ער האט גילערונט. אז מען פרעגט ביי איהם א דין און ער ווייס צו ענטפערין. אנדערע זאגין אזוי מיינט דער פסוק ווען פרייט זיך דער מענטש מיט זיין תורה וואס ער האט גילערונט. אז ער ווייס צו זאגען אזאך צו דער צייט. ער ווייס צו זאגין אדרשה פון פסח אום פסח. פון סוכות אום סוכות. און אזוי צו יעדער צייט. רבי

יצחק

אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו אימתי קרוב אליך הדבר מאד בזמן שבפיך ובלבבך לעשותו. רבא אמר מהכא (תהלים כא) תאות לבו נתת לו וארשת שפתיו בל מנעת סלה אימתי תאות לבו נתת לו בשעה שארשת שפתיו בל מנעת סלה. רבא רמי כתיב תאות לבו נתת לו וכתיב וארשת שפתיו בל מנעת סלה זכה תאות לבו נתת לו לא זכה ארשת שפתיו בל מנעת סלה. תנא דבי ראב"י כל מקום שנאמר נצח סלה ועד אין לו הפסק לעולם ולעולמי עולמים. נצח דכתיב (ישעיה נז) כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף סלה דכתיב (תהלים מח) כאשר שמענו כן ראינו בעיר ה' צבאות בעיר אלהינו אלהים יכוננה עד עולם סלה. ועד דכתיב (שמות טו) ה' ימלוך לעולם ועד. אמר רבי אלעזר מ"ד (משלי כא) וענקים לגרגרותיך אם משים אדם את עצמו כענק זה שרף לצואר

רבא: שארשת שפתיו בל מנעת: כשפיקת שפתיו בל המנע סלה) כשנתת בו דעת להוציא בשפתיו: זכה: אם יש לו מזל טוב: תאות לבו נתת לו. שבעוד שמתאוה בלב לו תאותו עד שלא ישאלנה: לא זכה. צריך להתמהמה ולהצטער: כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקציף. אלמא נצח לשון עולם הוא מדסמיך לעולם וכן: עד עולם סלה. אלמא סלה לשון עולם הוא: שרף לצואר. שאינו מצומצם בדוחק סביב הצואר אלא רפוי בריות כך הוא נעים

יצחק האט געזאגט פון דאנען. עס שטייט אין פסוק די זאך איז זייער נאענט צו דיר אין דיין מויל אונ אין דיין הארץ צו טאהן ווען איז די זאך זייער נאענט צו דיר. אז דוא טראכסט אין דיין הארץ אונ רעדסט מיט דיין מויל די זאך צו טאהן (דאס מיינט מען תורה אונ מצות). רבא הט געזאגט פון דאנען. עס שטייט אין פסוק די גלוסטונג פון זיין הארץ האסט דו איהם געגעבן אונ די רייד פון זיינע לעפצין האסט דו ניט פארמיטען אייביג. ווען האסט דו איהם געגעבן די גלוסטונג פון זיין הארץ. אז דו האסט ניט פארמיטען פון איהם די רייד פון זיינע לעפצין. (אז ער האט גירעט די תורה, מיט זיינע לעפצין. הט ער גידיינקט די תורה. אונ זי הט איהם פרייליך גימאכט זיין הארץ). רבא הט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק די גלוסטונג פון זיין הארץ האסט דו איהם געגעבן. אז זיין הארץ האט נאר גיגלוסט. האסט דוא איהם שוין געגעבן. אונ ווייטער אין פסוק שטייט די רייד פון זיינע לעפצין האסט דו ניט פארמיטען. הט מען דאך איהם אנדערש ניט געגעבן ביז ער האט שטארק געבעטין. נאר אזוי מיינט דער פסוק. אז דער מענטש איז זוכה גיט מען איהם די גלוסטונג פון זיין הארץ. אז ער גלוסט נאר איידער ער בעט גיט מען איהם שוין: אבער אז דער מענטש איז ניט זוכה ווארט מען ביז ער רעט אונ ער בעט שטארק. דער נאך פאר מיידט מען ניט די רייד פון זיינע לעפצין. מען גיט איהם וואס ער האט געבעטין. די תלמידים פון רבי אליעזר בן יעקב האבען גילערנט ווא עס שטייט אין פסוק דער ווארט נצח. אדער סלה. אדער ועד. מיינט מען אז די זאך וועט קיין מאהל ניט אויפהערין. נצח ווייסען מיר ווארום עס שטייט אין פסוק כי לא לעולם אריב (ניט אויף אייביג וועל איך מיט אייך קריגען) ולא לנצח אקצוף (אונ ניט אויף אייביג וועל איך צערענען). ווייל דער ווארט נצח שטייט בעזאמען מיט דעם ווארט עולם. אזוי וויא עולם איז טייטש אייביג. אזוי נצח איז אויך דער טייטש אייביג. סלה ווייסען מיר ווארום עס שטייט אין פסוק כאשר שמענו כן ראינו בעיר יי׳ צבאות בעיר אלהינו אלהים יכוננה עד עולם סלה. (אזוי וויא מיר האבען גיהערט אזוי האבען מיר גיזעהן אין די שטאט פון גאט אונזער גאט. גאט זאל איהר פעסטיגען אויף אייביג. ווייל דער ווארט סלה שטייט בעזאמען מיט דעם ווארט עולם. אזוי וויא עולם איז טייטש אייביג. אזוי סלה איז אויך דער טייטש אייביג. ועד ווייסען מיר ווארום עס שטייט אין פסוק יי׳ ימלוך לעולם ועד. גאט וועט קעניגען אייביג. ווייל דער ווארט ועד שטייט בעזאמען מיט דעם ווארט עולם. אזוי ווי עולם איז טייטש אייביג. אזוי ועד איז אויך דער טייטש אייביג. רבי אלעזר הט געזאגט וואס מיינט דער פסוק די תורה זאל זיין בייא דיר אזוי ווי אהאלדז באנד צו דיין האלדז. אויב דער מענטש הט זיך גימאכט אזוי ווי אהאלדז באנד וואס ער איז לויז אונ גרינג אויף דעם האלדז. אזוי איז ער גרינג צו אלע מענטשין. אונ אזוי וויא דער האלדז באנד ווערט אמאהל גיזעהן (אז ער הייבט אויף דעם קאפ אונ אלע

מאהל

לצואר ונראה ואינו נראה תלמודו מתקיים בידו ואם לאו אין תלמודו מתקיים בידו:

**ז אמר** רבי אלעזר מ"ד (שה"ש ה) לחייו כערוגת הבשם אם משים אדם עצמו כערוגה זו שהכל דשין בה וכבשם הזה שהכל מתבשמין ממנו תלמודו מתקיים בידו ואם לאו אין תלמודו מתקיים בידו ואמר רבי אלעזר מאי דכתיב (שמות לא) לוחות אבן אם משים אדם לחייו כאבן זו שאינה נמחית תלמודו מתקיים בידו ואם לאו אין תלמודו מתקיים בידו. ואמר רבי אלעזר מ"ד (שם לב) מכתב אלהים הוא חרות גו'. אלמלא (לא) נשתברו לוחות הראשונות לא נשתכחה תורה מישראל רב אחא בר יעקב אמר אין כל אומה ולשון יכולה לשלוט בהן שנאמר חרות על הלוחות אל תקרי חרות אלא חירות:

**ח אמר** רב מתנה מ"ד (במדבר כא) וממדבר מתנה אם משים אדם עצמו כמדבר הזה שהכל דשין בו תלמודו מתקיים בידו ואם לאו אין תלמודו מתקיים בידו

רבא

**מרוצא** לבריות: ונראה וכו'. כשמגביה שאינו מלא מתחת זקנו ופעמים כשמגביה זקנו מכסין אותו כן אם ת"ח אינו רודף נראה ולבא בשוק אלא יושב ומהדר על תלמודו מתקיים בידו:

**שהכל** דשין אותו. שאין בו גבות הרוח: **שהכל** מתבשמין ממנו. בלמד תורה לתלמידים:

**כאבן** זו שאינה נמחית. מפני דריסת רגלים כך להיו אינם נלהים מלחזר אחר תלמודו וללמד לאחרים: **לא** נשתכחה. הרות מכתב חקוק ואינו נמחה לעולם על ידי הלוחות היתה התורה הקוקה לישראל מהשכחה מכן עולמית: **על** הלוחות. בשביל הלוחות היו בני חורין:

**ממדבר** מתנה. אם כמדבר הוא התורה נתונה לו

---

**מאהל** ווערט ער ניט גיזעהן ואז ער הייבט ניט אויף דעם קאפו. אזוי ווערט דער מענטש נאר אמאהל גיזעהן אין גאס. אבער אלע מאהל ווערט ער ניט גיזעהן אין גאס. נאר ער איז אין שטוב אדער אין בית המדרש אונ לערונט: האט זיין תורה ביי איהם אקיום. וועט ער קענען לערנען. אבער אז ער איז ניט וויא דיא האלדז באנד. ער איז שלעפט צו מענטשין. אונ ער לערונט ניט טאג אונ נאכט. נאר ער איז אגאנצען טאג אין גאס ביי זיינע גישעפטין. נאר אמאהל לערונט ער. ביי דעם וועט דאס לערנען ניט בלייבען. נאר ער וועט פארגעסין:

**ז** אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט וואס מיינט דער פסוק לחייו בערוגת הבשם. זיינע באקען זענען אזוי וויא אבייט מיט בשמים. אויב דער מענטש מאכט זיך אזוי וויא איין בייט ואזאגאן וואס אלע טרעטין אויף איהר. אזוי איז דער מענטש ביי זיך נידעריג וואס אלע טרעטין אויף איהם. אונ ער איז אזוי וויא די בשמים וואס אלע שמעקין פון איהם. אזוי האבען אלע הנאה פון זיין תורה. וועט זיין תורה בלייבען ביי איהם. אונ אויב ער איז ניט אזוי. וועט זיין תורה ניט בלייבען ביי איהם. ער וועט פארגעסין וואס ער הט גילערונט. נאך הט רבי אלעזר גיזאגט וואס מיינט דער פסוק לוחות אבן. אויב דער מענטש מאכט זיינע באקען וויא אשטיין וואס זיא ווערט ניט צו טרעטין. אזוי ווערין זיינע באקען ניט מיד צו ריידען אגאנצען טאג אונ ביי נאכט דיא תורה. אונ ער ווערט ניט מיד צו ריידען דיא תורה מיט אנדערע מענטשין. ורבי אלעזר טייטשט לוחות אבן באקען פון שטיין. וועט זיין תורה בלייבען ביי איהם. אונ אויב ער טוהט ניט אזוי. וועט זיין תורה ניט בלייבען ביי איהם. ער וועט פאר געסין וואס ער הט גילערונט. נאך הט רבי אלעזר גזאגט וואס מיינט דער פסוק מכתב אלהים הוא חרות. ווען דיא ערשטע לוחות וואלטען ניט צו בראכען גיווארען. וואלט דיא תורה ניט פאר געסין גיווארען פון די יודען. ואזוי מיינט דער פסוק וויל די לוחות זענען געשריבען פון גאט אז זיא וואלטען ניט צו בראכען גיווארען וואלטען זיי גיוועזען אזוי געקריצט אויף די הערצער פון די יודען זיי זאלען די תורה קיין מאהל ניט פאר געסין. רב אחא בר יעקב זאגט ווען די ערשטע לוחות וואלטען ניט צו בראכען גיווארען. וואלט קיין פאלק ניט געקענט געוועלטיגען אויף דיא יודען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חרות על הלוחות. זאלסט ניט לייענען חרות נאר חירות. חירות איז טייטש פריי. פון וועגין די לוחות וואלטען די יודען גיוועזען פריי פון אלע פעלקער:

**ח** אמר. רב מתנה הט גזאגט וואס מיינט דער פסוק וממדבר מתנה. אויב דער מענטש מאכט זיך אזוי ווי דער מדבר וואס אלע טרעטען אויף איהם. וועט זיין תורה בלייבען ביי איהם

דרבא בריה דרב יוסף בר חמא הויא ליה מילתא לרב יוסף בהדיה כד מטא מעלי יומא דכיפורי אמר איזיל איפייסיה אזל אשכחיה לשמעיה דקא מזיג ליה כסא אמר ליה הב לי דאימזיג ליה אנא יהב ליה מזג ליה כד טעמיה אמר דמי האי מזגא למזגא דרבא בריה דרב יוסף בר חמא אמר ליה אנא הוא אמר ליה לא תיתב אכרעיך עד דמפרשת לי להני קראי מאי דכתיב וממדבר מתנה וממתנה נחליאל ומנחליאל במות ומבמות הגיא אמר ליה אי משים אדם את עצמו כמדבר הזה שהכל דשין בו תורה נתנה לו במתנה שנאמר וממדבר מתנה וכיון שנתנה לו במתנה נחלו אל שנאמר וממתנה נחליאל וכיון שנחלו אל עולה לגדולה שנאמר ומנחליאל במות ואם מגיס דעתו הקדוש ברוך הוא משפילו שנאמר (שם) ומבמות הגיא ואם חוזר בו הקדוש ברוך הוא מגביהו שנאמר (ישעיה מ) כל גיא ינשא:

ט אמר רב הונא מאי דכתיב (תהלים סח) חיתך ישבו בה תכין בטובתך לעני אלהים אם משים אדם עצמו כחיה זו שדורסת ואוכלת ואמרי לה שמסרחת

במתנה מהבתגה: מילתא. כעס: אמר. רבא: איזיל אפייסיה. לרב יוסף: דמזיג. במזיג רב יוסף כגי נהור הוה ולא היה רואהו והכיר בטעם היין שהוא מזגו לפי שהיה מכיר רב יוסף במזגו של רבא מהתלה שהיה בקי ליתן מים במדה: כל גיא ינשא. והא"ג דלאו גבי האי קראי כתיב דרשינן ליה למי שהוא לידי גיא ומשפל הוא ומהבנה:

שדורסת ואוכלת. מיד לאחר סריגתה שאינו מקפיד על העגוגיו אלא אוכל כשר כגם

---

די תורה וועט געשאנקט ווערין צו איהם ער זאל איהר קיין מאהל ניט פאר געסין. אונ אויב ער איז ניט אזוי: וועט זיין תורה ניט בלייבען ביי איהם. ער וועט פאר געסין וואס ער האט געלערנט. רב יוסף איז אמאהל אין כעס געוועזן אויף רבא דער זוהן פון רב יוסף בר חמא. אז עס איז געקומען ערב יום כפור האט רבא געזאגט איך וועל גיין צו רב יוסף איהם איבער בעטין. איז רבא געגאנגען אונ האט געטראפען ווי דער בעדינער פון רב יוסף גיסט אריין וואסער אין וויין צו געבען אגלאז וויין צו רב יוסף. פאר צייטיגע וויין איז געוועזן אזוי שטארק אז אויף איין קוואטירול וויין האט מען געמוזט ארויף גיסען דריי קוואטירלאך וואסער. אונ רב יוסף איז געוועזן בלינד. האט רבא געזאגט צו דעם בעדינער גיב מיר די וויין מיט די וואסער איך וועל אריין גיסען די וואסער אין די וויין. ווייל איך ווייס שוין פון לאנג וויא שטארק די וויין זאל זיין וואס רב יוסף האט ליב. האט דער בעדינער געגעבין צו רבא די וויין מיט די וואסער. אונ רבא האט צו מישט די וואסער מיט די וויין. וויא רב יוסף האט פערזוכט די וויין. האט ער געזאגט די וויין איז אזוי געמישט געווארען אזוי וויא רבא דער זוהן פון רב יוסף בר חמא האט צו מישט. האט רבא געזאגט איך האב טאקי געשטעלט די וואסער מיט די וויין. האט רב יוסף געזאגט צו רבא דוא זאלסט דיך ניט זעצין אויף דיינע פיס ביז דוא וועסט מיר זאגען דעם פשט פון די פסוקים. וואס מיינט דער פסוק וממדבר מתנה וממתנה נחליאל ומנחליאל במות ומבמות הגיא. האט רבא געזאגט צו רב יוסף אויב דער מענטש מאכט זיך אזוי וויא דער מדבר וואס אלע טרעטין אויף איהם. וועט די תורה געשאנקט ווערין צו איהם. ער זאל איר קיין מאהל ניט פאר געסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון דער מדבר וועט זיא צו איהם געשאנקט ווערין. אונ אז די תורה איז צו איהם געשאנקט געווארין. איז גאט זיין פר מעגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון די מתנה איז נחליאל. אונ אז גאט איז זיין פאר מעגין. וועט ער גרויס ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון נחליאל במות. וועט ער דער הייכט ווערין. אונ אויב דער מענטש איז ביא זיך גרויס מיט זיין תורה. וועט איהם גאט נידעריג מאכען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון דיא הייך וועט ער קומען אין טאהל. אונ אויב ער טוהט תשובה אונ ער ווערט ביא זיך צוריק נידעריג. וועט איהם גאט אויף הייבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע טאהלין וועלען אויף גיהויבין ווערין:

ט אמר. רב הונא האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק חיתך ישבו בה תכין בטובתך לעני אלהים. אויב דער מענטש מאכט זיך אזוי וויא א חיה וואס זיא צוטרעט דיא בהמה

ואוכלת תלמודו מתקיים בידו ואם לאו אין תלמודו מתקיים בידו ואם עושה אדם כן הקדוש ברוך הוא עושה לו סעודה בעצמו שנאמר תבין בטובתך לעני אלהים אמר רבי חייא בר אבא (אמר ר"י) מאי דכתיב (משלי כז) נוצר תאנה יאכל פריה למה נמשלו דברי תורה כתאנה לומר לך מה תאנה זו (ע"ב) כל זמן שאדם ממשמש בה מוצא בה תאנים אף דברי תורה כל זמן שאדם הוגה בהן מוצא בהן טעם . אמר רבי שמואל בר נחמני (אמר רבי יונתן) מ"ד (שם ה) אילת אהבים ויעלת חן כפני מה נמשלו דברי תורה כאילה לומר לך מה אילה זו רחמה צר וחביבה על בעלה כל שעה ושעה כשעה ראשונה אף דברי תורה חביבין על לומדיהן כל שעה ושעה כשעה ראשונה ויעלת חן שמעלה חן על לומדיה דדיה ירווך בכל עת מה דד זה כל זמן שתינוק ממשמש בו מוצא בו חלב אף דברי תורה כ"ז שאדם הוגה בהן מוצא בהן טעם . באהבתה תשגה תמיד כגון

פירוש

הגביל ומאכלין וכן שאר עמוגין : שמסרחת ואוכלת. נכסיו הוינו נמי שאינו רודף אחר גנבות לקנן מאכילתו אם לא יתקן לו כל צרכו . נ"א שדורסת ואוכלת לאחר הריגתה אוכלת מיד כך ת"ח מחזר על תלמודו מיד כשקבלה מרבו . שמסרחת מנבל עצמו על ד"ת ולשון זה מרחה בעיני לפי (שמלינו בכל הש"ס) שדרך ת"ח להקפיד על אכילתן דרך גדולה וכבוד ועל מלבושיהן דכתיב כל משנאי אהבו מות : לעני . זה ששם עצמו כעני . ואליבא דהכא ששם עצמו כעני לחזר עליה : תאנה . אינן : כל זמן שממשמש בה מוצא בה תאנים . שאינם מתבשלים כולה אחת אלא היום מעט ולמחר מעט וכל שעה ראוי לאכול מהם : שמעלת חן על לומדים . בכל מכאין אותן ותורתן נותנת להם חן: כשהגה השגה תמיד . בכביל אהבתה תעשה עצמך

---

אונ הרגת איר אונ עסט איר באחד . אונ זיא מאכט ניט קיין פערגעניגען פון איר עסין . זיא עסט נאר צו איר הונגער . אזוי אויב דער מענטש זוכט ניט קיין פערגעניגען . ער עסט נאר ער זאל ניט הונגעריג זיין . אנדערע זאגען אזוי מיינט מען אזוי וויא די חיה פאר מיאוסט דאס עסין אין בלאטע . דער נאך עסט זיא . אזוי אויב דער מענטש עסט װעלכע עסין ער האט . אונ וויא דאס עסין איז גימאכט איז ביי איהם אלץ גוט . ווייל ער וויל ניט מבטל זיין פון דיא תורה דורך זיין עסין וועט זיין לערנען בלייבען ביי איהם . אונ אויב ער טוהט ניט אזוי . וועט זיין לערנען ניט בלייבען ביי איהם . אונ אויב דער מענטש טוהט אזוי וויא דיא חיה . וועט גאט אליין מאכען פון זיינעט וועגין א סעודה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט מיט דיין גוטסקייט וועסטו אנגרייטין א סעודה פאר דעם מענטשין וואס ער האט ביז איצט גיגעסען אזוי וויא אן ארעם מאן . רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין וואס מיינט דער פסוק דער וואס היט דעם פייגן בוים דער וועט עסין אירע פירות . פאר וואס איז גענליכען דיא תורה צו א פייגין בוים . אזוי וויא א פייגען בוים ווען דער מענטש זוכט אין איהם געפינט ער אין איהם פייגען ווייל פייגען ווערין ניט צייטיג אלע אין איין מאהל . נאר אלע טאג א ביסעל . דריבער ווען ער זוכט אין בוים געפינט ער אין איהם פייגען . אזוי דיא תורה ווען מען לערנט איר געפינט מען אין איר א גוטען טעם . רבי שמואל בר נחמני זאגט וואס מיינט דער פסוק אילת אהבים ויעלת חן . פאר וואס איז די תורה געגליכען צוא אילה נאאינד . דאס איז אזוי אבשרה חיה . אזוי וויא דיא אילה ווייל איר רחם איז איינג דריבער איז זיא געליבט אויף איר מאן (דער אילו) צוא יעדער צייט וואס ער איז איר בועל . אזוי וויא זיא איז אויף איהם ליב גיוועז ווען ער איז איר בועל גיוועזן דאס ערשטע מאהל . אזוי איז דיא תורה געליבט צו יעדער צייט ביי די וואס לערנען איר . אזוי וויא זיא איז גיוועז געליבט ווען מען האט איר גילערנט דאס ערשטע מאהל . אונ אזוי וויא דיא אילה האט חן ביי אלע מענטשין . אזוי גיט די תורה חן צו דיא מענטשין וואס לערנען איר . אלע מענטשין גיבען כבוד צום תלמיד חכם . אין פסוק שטייט דדיה ירווך בכל עת . אירע בריסט וועלען דיך זאט מאכען צו יעדער צייט . אזוי וויא דיא ברוסט ווען דער קינד זייגט פון איר געפינט ער אין איר מילך . אזוי די תורה ווען מען לערנט איר געפינט מען אין איר א גוטען טעם . אין פסוק שטייט באהבתה תשגה תמיד . פון וועגין דיא ליבשאפט פון די תורה זאלסטו דיך מאכען פאר א נאר . דוא זאלסט אוועק לייגען דיינע גישעפטין . אונ זאלסט לערנען תורה . אזוי וויא רבי אלעזר בן פדת האט גיטאהן . מען האט גזאגט אויף רבי אלעזר בן פדת ער איז גיזעסין

כגון רבי אלעזר בן פדת (דתניא) אמרו עליו על רבי אלעזר בן פדת שהיה יושב בשוק התחתון של צפורי ועסק בתורה וסדינו מוטל בשוק העליון של צפורי (תנא) אמר רבי יצחק בן אליעזר פעם אחת בא אדם אחד ליטלו ומצא נחש שרף עליו תנא דבי רב ענן מ"ד (שופטים ה) רוכבי אתונות צחורות גו' רוכבי אתונות צחורות אלו תלמידי חכמים שהולכים מעיר לעיר וממדינה למדינה ללמוד תורה ומבארים אותה כצהרים (שם) יושבי על מדין שיושבין ודנין דין אמת לאמתו הולכי אלו בעלי מקרא על דרך אלו בעלי משנה שיחו אלו בעלי גמרא שכל שיחתן דברי תורה:

פתי ושוטה ושוגג להניח עסקו ולרוץ לדבר הלכה ע"כ: לא יחרוך. נוטריקון דרשינן לא יחיה ולא יא' יך: צייד הרמאי. המרבה בגרסא ואינו מחזיר עליה: ורב ששת אמר. אין זה רמאי אלא שוטה אבל הקובץ על יד רמאי הוא וערום בדבר והוא יחרוך כלומר יתקיים בידו כצייד הרמאי המשבר גף כל עוף כשהוא לוכדו כדי שלא יברח הוא חורך עופות ואוכלן וקרא אתמוהי מתמה לא

(ע"ב) י אמר רב שיזבי משום רבי אלעזר בן עזריה מ"ד (משלי יב) לא יחרוך רמיה צידו. לאיחיה ולא יאריך ימים צייד הרמאי ורב ששת אמר צייד הרמאי יחרוך כי אתא רב דימי אמר משל לצייד שצד צפרים אם ראשון ראשון משבר את כנפיו מתקיים בידו ואם לאו אין מתקיים בידו. אמר רבא אמר רב סחורה אמר רב הונא מ"ד (משלי יג)

הון

---

גיזעסען אין דיא אונטערשטע גאס פון די שטאט צפורי אונ האט געלערנט. אונ די קלייד זיינע איז געלעגן אין דיא אובערשטע גאס פון צפורי. רבי יצחק בן אליעזר זאגט אמאהל האט אמענטש געוואלט נעמען דיא קלייד. האט ער געפונען אשלאנג איז געלעגן אויף די קלייד. האט מען דיא קלייד ניט געקענט נעמען. דבי רב ענן האבען געלערנט וואס מיינט דער פסוק די וואס רייטען אויף די ווייסע אייזלען. דאס מיינט מען די תלמידי חכמים וואס גייען פון שטאט צו שטאט אונ פון מדינה צו מדינה זיי זאלען לערנען תורה. אונ זיי לערנען דעם דין אזוי קלאר ווי דיא זוהן האלבען טאג. אונ זייא זיצען אויף דעם משפט. דאס מיינט מען זיי זיצען אונ משפטין דעם דין צום אמת. זייא גייען. מיינט מען-דיא מענטשין וואס לערנען תורה נביאים כתובים. אויפען וועג. מיינט מען די מענטשין וואס לערנען משניות. איר זאלט שמועסין. מיינט מען דיא מענטשין וואס לערנען גמרא. זייער גאנצער שמועסין איז נאר תורה:

אמר. רב שיזבי האט גזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין וואס מיינט דער פסוק לא יחרוך רמיה צידו. דאס איז עטליכע ווערטער. לא יחיה. ער וועט ניט לעבין. ולא יאריך ימים. אונ ער וועט ניט דער לייננערין טעג. צייד הרמאי. דער פאלשער פאנגער. דאס מיינט מען דער וואס האט גיפאנגען ווער האט געלערנט] פיל גמרא. אונ האט ניט גיחזרת. ער וועט דאס לערנען פאר געסין. רב ששת זאגט דער פאלשער פאנגער [דאס מיינט מען דער קלוגער פאנגער] וועט זיין פאנג בראטין אונ עסין. רב ששת זאגט דער וואס לערנט אונ הזרת ניט הייסט ניט אפאלשער. נאר ער הייסט אנאר. ווארום ער וועט געוויס פאר געסין וואס ער האט גילערנט. נאר ווער הייסט אקלוגער פאנגער. דער וואס לערנט ביסלאכווייז אלע טאג מער אונ חזרת באלד. ער זאל גידיינקין ער איז אזוי ויא דער וואס פאנגט אלע מאהל מער אונ ער היט זיי זאלען ניט אנטלויפען פון איהם. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט דאס איז גלייך צו אפאנגער וואס פאנגט פייגעלאך. אויב יעדער פויגיל וואס ער פאנגט צו ברעכט ער באלד זיינע פליגעל. וועלען די פויגיל בלייבען ביי איהם. אונ אויב ער צו ברעכט ניט באלד זייערע פליגעל. וועלען זיי ניט בלייבען ביי איהם. זיי וועלין אוועק פליהען. איידער ער וועט פאנגען די אנדערע וועט די ערשטע אוועק פליהען. ביי דעם לערנען איז אויך אזוי. אויב יעדער דין וואס ער לערנט חזרת ער באלד ער זאל איהם ניט פאר געסין. וועלען בייא איהם בלייבען אלע דינים וואס ער וועט לערנען. אבער אז ער לערנט נאר ווייטער אונ חזרת ניט. וועט ער אלע פאר געסין. ווארום איידער ער וועט לערנען דעם אנדערין דין וועט ער פאר געסין דעם ערשטין דין. מיט דער צייט וועט ער גאר ניט וויסען. רבא האט גזאגט רב

סחורה

הון מהבל ימעט וקובץ על יד ירבה אם משים אדם את תורתו חבילות מתמעטת ואם קובץ על יד על יד ירבה אמר רבא גמירי לה רבנן להא מילתא ועברי עלה אמר רב נחמן בר יצחק בדידי הוה עובדא ואתקיים בי :

יא תנו רבנן כיצד סדר משנה משה למד מפי הגבורה נכנס אהרן ושנה לו משה פרקו נסתלק אהרן וישב לשמאל משה נכנסו בניו ושנה להם משה פרקן נסתלקו בניו אלעזר ישב לימין משה ואיתמר ישב לשמאל אהרן רבי יהודה אומר לעולם אהרן לימין משה הוא חוזר נכנסו זקנים ושנה להם משה פרקן נסתלקו זקנים נכנסו כל העם ושנה להן פרקן נמצא ביד אהרן ד' וביד בניו ג' וביד זקנים שנים וביד כל העם אחד נסתלק משה שנה להם אהרן פרקן נסתלק אהרן

ימרוק לא יתנה ויאכל : אלא מעדתיה . קימתיה לקנות על יד וחזרתי עד שהחזקתי בה ואחר כך חזרתי ובמעטי אחרת . ע"כ :
כיצד סדר משנה . כיצד למדו ישראל תורה שבע"פ : נכנס אהרן . ישב לפני משה כדכתיב והיו עיניך רואות את מוריך וכן כולם בכניסתן לפני היו יושבין : ישב לשמאל משה . דהכית נמשך לימין רבו הרי זה בור וכל שכן יושב בזמן שאין בני יושב לשמאל : ושנה להם פרקן . אותו פרק ששנה לאהרן : אהרן לימין משה חוזר . אחר שנסתלקו בניו ויש שני ליושב לשמאל משה כבוד הוא לאהרן ולמשה להיות הכהן שהוא גדול בא ויושב

---

סתָּרה הָאט גֶזָאגְט פוּן רַב הוּנָאס וֶוענְן וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק הוֹן מֵהֶבֶל יִמְעָט . אַז מֶען נֶעמְט פוּן אַפָּאר מֶענְין בִּיסְלַאכְוַוייז וֶוערְט פוּן דָאס פַאר מֶעגִין נָאר נִיט . וְקוֹבֵץ עַל יָד יַרְבֶּה . אוּנ אַז מֶען זַאמְלְט בִּיסְלַאכְוַוייז קֶען וֶוערִין אַגְרוֹיסֶער פַאר מֶעגְן . בַּיי דִיא תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ אַזוֹי . אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט פִיל תּוֹרָה אוּנ חַזֶּרְת נִיט . וָואס מֶער עֶר לֶערְנְט נַייֶע . פַאר גֶעסְט עֶר דִיא אַלְטֶע . אוּנ אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט בִּיסְלַאכְוַוייז . אוּנ יֶעדֶער בִּיסֶל חַזֶּרְת עֶר גוּט אַיין . וֶועט עֶר אַלֶע מָאהל מֶער קֶענֶען . רָבָא הָט גֶזָאגְט דִי רַבָּנָן וֵויסֶען דִי זַאךְ . אוּנ טוּהֶען נִיט אַזוֹי . רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זָאגְט אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גִיטָאהן . אִיךְ הָאבּ גִילֶערְנְט אַבִּיסֶל אוּנ גוּט אַיין גִיחַזֶּרְת . דֶער נָאךְ הָאבּ אִיךְ גִילֶערְנְט נָאךְ אַבִּיסֶל אוּנ גוּט אַיין גִיחַזֶּרְת . דוּרְךְ דֶעם אִיז דִיא תּוֹרָה בַּיי מִיר גֶעבְּלִיבֶּען :

יא תָּנוּ רַבָּנָן . דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט . וִויא אַזוֹי הָאבֶּען דִיא יוּדֶען גִילֶערְנְט דִיא תּוֹרָה . משֶׁה רַבֵּינוּ הָט גִילֶערְנְט פוּן גָאט . אַהֲרֹן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּ משֶׁה . הָאט משֶׁה מִיט אִיהם גִילֶערְנְט אַפֶּרֶק . דֶער נָאךְ אִיז אַהֲרֹן גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אִין דִיא לִינְקֶע זַייט פוּן משֶׁה . דֶער נָאךְ זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען דִיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן הָאט משֶׁה מִיט זֵייא אוֹיךְ גִילֶערְנְט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען פֶּרֶק וָוס עֶר הָט גִילֶערְנְט מִיט אַהֲרֹן . דֶער נָאךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַוֶועק גִיגַאנְגֶען . אֶלְעָזָר הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אִין דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּן משֶׁה . אוּנ אִיתָמָר הָט זִיךְ גִיזֶעצְט אִין דִי לִינְקֶע זַייט פוּן אַהֲרֹן : רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אֵיידֶער דִיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן זֶענֶען גִיקוּמֶען . אִיז אַהֲרֹן גִיזֶעסֶען אִין דִיא לִינְקֶע זַייט פוּן משֶׁה . ווארוּם מֶען טָאר נִיט זִיצֶען אִין דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּן רַבִּי אַז קֵיינֶער זִיצְט נִיט אִין דִיא לִינְקֶע זַייט . אָבֶּער אִיצְט אַז דִיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן זֶענֶען שׁוֹין גִיקוּמֶען . אִיז אַהֲרֹן גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אִין דִיא רֶעכְטֶע זַייט פוּן משֶׁה . אוּנ אֶלְעָזָר אִיז גִיזֶעסֶען אִין דִיא לִינְקֶע זַייט פוּן משֶׁה . אוּנ אִיתָמָר אִיז גִיזֶעסֶען אִין דִיא לִינְקֶע זַייט פוּן אֶלְעָזָר . דֶער נָאךְ זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען דִי אַלְטֶע לַייט . הָאט משֶׁה מִיט זֵייא אוֹיךְ גִילֶערְנְט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען פֶּרֶק וָואס עֶר הָט גִילֶערְנְט מִיט אַהֲרֹן אוּנ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער . דֶער נָאךְ זֶענֶען גִיגַאנְגֶען דִיא אַלְטֶע לַייט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גִיזֶעצְט אָן אַנַייט . דֶער נָאךְ זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען אַלֶע יוּדֶען . הָאט משֶׁה מִיט זֵייא אוֹיךְ גִילֶערְנְט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען פֶּרֶק . וֶוערְט גִיפוּנֶען אַז אַהֲרֹן הָט גִיהֶערְט דֶעם פֶּרֶק פִיר מָאהל . זַיינֶע קִינְדֶער הָאבִּין גִיהֶערְט דֶעם פֶּרֶק דְרַיי מָאהל : דִי אַלְטֶע לַייט הָאבִּין גִיהֶערְט דֶעם פֶּרֶק צְווייא מאהל . אוּנ אַלֶע יוּדֶען הָאבֶּען גִיהֶערְט דֶעם פֶּרֶק אֵיין מָאהל . דֶער נָאךְ אִיז משֶׁה אַוֶועק גִיגַאנְגֶען . הָאט אַהֲרֹן גִילֶערְנְט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען פֶּרֶק פַאר אַלֶע יוּדִין . אוּנ פַאר דִי אַלְטֶע לַייט . אוּנ פַאר זַיינֶע זִיהְן . דֶער נָאךְ אִיז אַהֲרֹן אוֹיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען . הָאבִּין דִי קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן גִילֶערְנְט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען פֶּרֶק פַאר אַלֶע

אהרן שנו לדם בניו פרקן נסתלקו בניו שנו להם זקנים
פרקן נמצא ביד כל אחד ואחד ארבע מכאן אמר רבי
(אלעזר בן עזריה) [אליעזר] חייב אדם לשנות את
תלמידיו ד' פעמים וקל וחומר ומה אהרן שלמד מפי
משה ומשה מפי הגבורה ארבעה הדיוט מפי הדיוט על
אחת כמה וכמה רבי עקיבא אומר מנין שחייב אדם
לשנות לתלמידו עד שילמדנו שנאמר (דברים לא) ולמדה
את בני ישראל ומנין עד שתהא סדורה בפיהם שנאמר
(שם) שימה בפיהם ומנין שחייב להראות לו פנים בה שנאמר (שמות כא) ואלה המשפטים
אשר תשים לפניהם ונעיילו כולהו ונגמרו ממשה כדי לחלוק כבוד לאהרן וכבוד לבניו וכבוד
לזקנים וליעול אהרן ולילף ממשה ולעיילו בניו ולילפו מאהרן ולעיילו זקנים ולילפו מבניו
ולעיילו כל ישראל ולילפו מזקנים משה כיון דמפי הגבורה גמר מסתייעא מלתיה . אמר
מר ר"י אומר לעולם אהרן לימין משה הוא יושב וכמאן אולא הא דתניא שלשה
שהיו

מימין משה : ומה אהרן שמע ממשה וכו' .
ומסייע מלתא להתקיים בלבו לאהרן מהר אפילו
הכי שמע ד' פעמים : להראות לו פנים . ללמדו
ולהת טעם לדבריו ומפני מה זה מותר וזה אסור
ובכל אשר יוכל לא יאמר לך שמעתי בבן אתה
הטעם מעלמך והכרו בפ"א שהיה אומר על טמא
טהור ומלהו לו פנים : אשר תשים לפניהם . ולא
כתיב אשר תלמדם צריך אתה לשים ולסדר לפניהם
טעם המיישב התלמוד : וליעיילו כולהו . מרישא
ולילפו ממשה ויכנס לכולן ד' פעמים : וליעול
אהרן ולילף ממשה . ד' זמני וליעיילו בניו ולילפו

אלע יודין און פר די אלטע לייט. דער נאך זענען דיא קינדער פון אהרן אויך אוועק גיגאנגען.
האבין די אלטע לייט גילערונט דעם זעלביגען פרק פאר אלע יודין. ווערט גיפונען אז יעדער
האט גיהערט דעם זעלביגען פרק פיר מאהל. פון דאגען האט רבי אליעזר גזאגט אמענטש
דארף לערנען מיט זיין תלמיד יעדער זאך פיר מאהל. ווארום מאדאך אהרן וואס ער האט
גילערונט פון משה. און משה האט גילערונט פון גאט. פון דעסטוועגין האט אהרן גימוזט
הערין יעדער פרק פיר מאהל. אז אפראסטער מענטש לערונט פון אפראסטין מענטשין איז
געווים אז ער דארף הערין דיא זאך פיר מאהל. רבי עקיבא זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז
אמענטש מוז לערנען מיט זיין תלמיד אזוי לאנג ביז דער תלמיד זאל קענען. ווארום עס שטייט
אין פסוק ולמדה את בני ישראל. גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט לערנען דיא תורה
מיט דיא יודין ביז זיי ווערין איר קענען. און פון וואנען ווייסין מיר אז ער מוז לערנען מיט
זיין תלמיד אזוי לאנג ביז דאס לערנונג זאל זיין גיוואוהנט אין זיין מויל. ווארום עס שטייט אין
פסוק שימה בפיהם: דוא זאלסט טאהן דיא תורה אין זייער מויל. און פון וואנען ווייסין מיר
אז ער מוז זאגין דעם תלמיד אטעם אויף יעדער זאך וואס ער לערונט מיט איהם. פאר וואס די
זאך איז אסור און דיא זאך איז מותר. ווארום עס שטייט אין פסוק ואלה המשפטים אשר
תשים לפניהם. גאט האט גזאגט דאס זענען דיא דינים וואס דוא זאלסט טאהן פר די יודין.
און עס שטייט ניט דוא זאלסט לערנען מיט דיא יודין. נאר מען מיינט נאך דעם לערנען
זאלסטו זאגין פאר זייא דיא טעמים פון דיא זאכין וואס דוא האסט מיט זייא גילערונט. פרעגט
דיא גמרא פר וואס זענען ניט אריין גיגאנגען אלע יודין מיט איין מאהל צו משה. און משה
זאל מיט זייא לערנען יעדער פרק פיר מאהל. ענפערט די גמרא משה הט גיוואלט געבין כבוד
צו אהרן ער זאל לערנען מיט דיא יודין. און כבוד צו די קינדער פון אהרן. זיי זאלין אויך לערנען
מיט דיא יודין. און כבוד צו די אלטע לייט זייא זאלין אויך לערנען מיט דיא יודין. פרעגט די
גמרא זאל אריין גיין אהרן און לערנען פון משה פיר מאהל דעם פרק. דער נאך זאלין אריין
גיין די קינדער פון אהרן און זאלין לערנען פון אהרן פיר מאהל דעם פרק. דער נאך זאלין
אריין גיין די אלטע לייט און זאלין לערנען פון אהרנס קינדער פיר מאהל דעם פרק. דער נאך
זאלין אריין גיין אלע יודין און זאלין לערנען פון דיא אלטע לייט פיר מאהל דעם פרק. ענפערט
דיא גמרא ווייל משה האט גילערונט פון גאט איז בעסער אז אלע זאלין הערין אפילו נאר
איין מאהל פון משה אליין. זאגט די גמרא פריער האבין מיר גילערונט אז רבי יהודה זאגט אהרן
איז אייביג גיזעסין אין דיא רעכטע זייט פון משה. אז אי יענער איז נאר גיוועזן ער זאל זיצען
אין

שהיו מהלכין בדרך הרב באמצע גדול בימינו וקטן בשמאלו כמאן נימא ר"י היא ולא רבנן אפילו תימא רבנן ומשום טירחא דאהרן :

**יב רבי** פרידא הוי ליה ההוא תלמידא דהוה תני ליה ארבע מאה זימני וגמר . זימנא חדא בעיוה למלתא דמצוה תנא ליה ולא גמר א"ל האידנא מאי שנא אמר ליה מהאי שעתא דאמרו ליה למר איכא מילתא דמצוה איטרדי אסחתי לדעתאי אמינא השתא קאי מר השתא קאי מר אמר ליה הב דעתך דאתני לך תנא ליה ארבע מאה זמני אחריני וגמר נפקא בת קול ואמרה ליה ניחא לך דליספו על חייך ארבע מאות שני או דתזכה את ודרך לעלמא דאתי אמר ליה בעינא דאזכה אנא ודראי לעלמא דאתי אמר להן הקדוש ברוך הוא תנו לו זו וזו :

פלכך ד' זימני וכן כלם : משום טרחא דאהרן : דמתהלך יחידי הוא לא הוי דלאו גשמאל יתיב יכי סדר עיולי אידך איכא טרחא לאוקמי' ולאהדורי' לימין משה :
ארבע מאה זימני . כל פרקא מקמיה דליגמר : בעיוה . לרבי פרידא למלתא דמצוה בשוקא : נפקא בת קלא ואמרה ליה . לרבי פרידא :

אמר

---

אין דיא לינקע זייט פון משה . האט אהרן גימוזט זיצען אין דיא רעכטע זייט פון משה . ווי ווער איז גילערונט גיווארין דער דין אז דריי מענטשין גייען אין וועג זאל גיין דער רבי אין מיטען דער גרעסטער תלמיד פון די רעכטע זייט אונ דער קלענערער תלמיד פון דיא לינקע זייט . דאס איז וויא רבי יהודה ניט וויא די רבנן . ווארום דיא רבנן זאגין (פריער) אז אלעזר איז גיזעסן אין די רעכטע זייט פון משה אונ אהרן איז גיזעסען אין דיא לינקע זייט פון משה . ענטפערט דיא גמרא מען קען זאגין אז די רבנן האלטען אויך דעם דין . אז דער גרעסערער דארף זיצען אין די רעכטע זייט . אונ דער קלענערער דארף זיצען אין די לינקע זייט . נאר דא וייל אין אנהייב ווען אהרן איז גווען אליין האט ער דאך גימוזט זיצען אין די לינקע זייט פון משה . ווארום אז קיינער זיצט ניט אין די לינקע זייט פון רבי טאר מען ניט זיצען אין די רעכטע זייט פון רבי . דריבער אפילו דער נאך ווען אלעזר מיט איתמר זענען אריין גיקומען אונ עס איז שוין גיוועז ווער עס זאל זיצען אין דיא לינקע זייט פון משה . האט מען ניט גיוואלט מטריח זיין אהרן ער זאל זיך אויף הייבען פון זיין ארט אונ זאל גיין זיצען אין דיא רעכטע זייט פון משה . דריבער איז אהרן געבליבען זיצען אין די לינקע זייט פון משה אונ אלעזר איז געזעסן אין די רעכטע זייט פון משה :

**יב** רבי פרידא האט געהאט א תלמיד אז ער האט גילערונט מיט איהם דעם פרק פיר הונדערט מאהל . האט איצט דער תלמיד גיקענט דעם פרק . אמאהל האט רבי פרידא גירופט גיין אין גאס מאכן א מצוה . האט ער גילערונט מיט דעם תלמיד דעם פרק פיר הונדערט מאהל . אונ דער תלמיד האט נאך ניט גיקענט דעם פרק . האט רבי פרידא גזאגט צום תלמיד וואס איז איצט אנדערש ווי אלע מאהל . פאר וואס קענסטו נאך ניט דעם פרק . האט דער תלמיד גיענטפערט פון דער צייט וואס מען האט גיזאגט צום רבי אז ער וועט דארפען גיין אין גאס מאכן אן א מצוה . האב איך שוין ארויס גינומען מיינע גידאנקין פון דעם לערנען . איך האב גיטראכט איצט גייט שוין דער רבי אין גאס . האט רבי פרידא גזאגט צום תלמיד . נעם איצט אין זינען דאס לערנען וועל איך מיט דיר לערנען . האט רבי פרידא גילערונט מיט דעם תלמיד דעם זעלביגען פרק נאך פיר הונדערט מאהל . אונ דער תלמיד האט שוין גיקענט דעם פרק . איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט צו רבי פרידא וואס ווילסטו בעסר מען זאל דיר געבין צו דיינע יאהרין דוא זאלסט לעבין נאך פיר הונדערט יאהר . אדער דוא מיט דיין דור ומיט אלע מענטשין וואס לעבין איצט מיט דירו זאלט איר זוכה זיין צוא עולם הבא . האט רבי פרידא גזאגט איך וויל אז איך מיט מיין דור זאלין מיר זוכה זיין צו עולם הבא . הט גאט גזאגט גיט איהם ביידע . ער זאל לעבין פיר הונדערט יאהר . אונ ער מיט זיין דור זאלין האבין עולם הבא .

יג **אמר** רב חסדא אין התורה נקנית אלא בסימנין שנאמר (דברים לא) שימה בפיהם אל תקרי שימה אלא סימנה. שמעה רב תחליפא ממערבא אזל אמרה קמיה דרבי אבהו אמר אתון מהתם מתניתו לה אנן מהכא מתנינן לה (ירמיה לא) הציבי לך ציונים וגו' עשו ציונים לתורה ומאי משמע דהאי ציון לישנא דסימנא הוא דכתיב (יחזקאל לט) וראה עצם אדם ובנה אצלו ציון. רבי אלעזר אמר מהכא (משלי ז) ומודע לבינה תקרא עשה מודעים לתורה. רבא אמר עשה מועדים לתורה. (דף נה) והיינו דאמר רב אבדימי בר חמא (בר דוסא) מ"ד (דברים ל) לא בשמים היא ולא מעבר לים היא לא בשמים היא שאם בשמים היא אתה צריך לעלות אחריה ואם מעבר לים היא אתה צריך לעבור אחריה. רבא אמר לא בשמים היא לא תמצא במי שמגביה דעתו עליה כשמים ולא מעבר לים היא לא תמצא במי שמרחיב דעתו עליה כים.

רבי

בסימנין. סימני השמועות זו אחר זו וסימני החכמים כדרך פיש בגמרא וכו"ש גירסא יסימנה בפיהם: עשה מועדים לתורה. קבעו עתים לתורה להלמידכם שידעו עת לבא ולשנות: והיינו דאמר רב אבדימי. הא דאמרן צריך לטרוח ולעמוד סימנים ולהעביר התהילות כדי להתקיים התורה בלומדים. היינו דרב אבדימי דמפרש דיוקא דקרא אלא בשמים היא היית צריך

יג אמר. רב חסדא הט גזאגט אמענטש קען אנדעריש ניט קענען לערנען נאר פיידין ער מאכט סימנים [צייכונגס]. דיא געמען פון דיא תנאים. וועלכער תנא האט גזאגט דעם דין אונ וועלכער תנא האט גזאגט דעם אנדערן דין ; אונ דיא דינים וויא זיא זענען גילערונט גיווארין איינער נאך דעם אנדערן [אזוי וויא מען געפינט אין דיא גמרא אזעלכע סימנים]. ווארום עס שטייט אין פסוק שימה בפיהם ; זאלסטו ניט לייענען שימה. נאר סימנה. גאט הט גזאגט צו משה ער זאל געבין דיא יודין סימנים צו זייער לערנען. רב תחליפא האט גיהערט אין ארץ ישראל דיא רייד פון רב חסדא. (מען הט דער ציילט פאר רב תחליפא אז אזוי הט רב חסדא גזאגט). איז רב תחליפא גיגאנגען צו רבי אבהו אונ האט איהם אויך גזאגט וואס רב חסדא האט גזאגט. האט רבי אבהו גזאגט איר לערנט דאס פון דארטין פון שימה בפיהם. מיר לערנען דאס פון איין אנדער פסוק. ירמיה הנביא האט גזאגט הציבי לך ציונים. מאך דיר ציונים [צייכונגס] צו דיא תורה. פון וואנען ווייסין מיר אז ציון איז טייטש אסימן [אצייכין]. ווארום עס שטייט אין פסוק ער הט גיזעהן אביין פון אמענטש הט ער גיבאהט נעבין איהם אציון. אצייכין. רבי אלעזר זאגט פון דאנען ווייסין מיר אז מען דארף מאכין סימנים צוא דיא תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק ומודע לבינה תקרא. מיינט מען דו זאלסט רופען אונ מאכין וויסענשאפט [צייכנס דוא זאלסט וויסען] דיא תורה. רבא זאגט דער פסוק מיינט דו זאלסט מאכין צייטין צו די תורה. דו זאלסט זאגין צוא דיינע תלמידים אגעוויסע צייט ווען זייא זאלין קומען לערנען :

דאס וואס מיר זאגין אז אמענטש דארף זיך מטריח זיין אונ זוכען עצות וויא אזוי דיא תורה זאל בלייבען ביי איהם. איז דאס אזוי וויא רב אבדימי בר חמא האט גזאגט. וואס מיינט דער פסוק דיא תורה איז ניט אין הימעל. אונ דיא תורה איז ניט אויף דיא אנדערע זייט ים. דיא תורה איז ניט אין הימעל. ווארום אז זיא וואלט יא גיוועזן אין הימעל. וואלסטו גידארפט גיין אפילו אויף דעם הימעל אונ איר נעמען. אונ אז דיא תורה וואלט גיוועזן אויף די אנדערע זייט ים. וואלסטו גידארפט גיין אויף דיא אנדערע זייט ים אונ איר נעמען. אזוי פיל דארף זיך דער מענטש מטריח זיין ער זאל לערנען תורה. ווייל דער שכר פון דיא תורה לערנען איז זייער גרויס. רבא זאגט אזוי מיינט דער פסוק דיא תורה איז ניט אין הימעל. די תורה ווערט ניט גיפונען ביי דיא מענטשין וואס זענען גרויס ביי זיך ביז צום הימעל ; אונ דיא תורה איז ניט אויף די אנדערע זייט ים. דיא תורה ווערט ניט גיפונען ביי דיא מענטשין וואס זיין גלוסטונג צו דיא וועלט איז אזוי ברייט וויא דער ים (אזוי וויא אלע וואסערין גייען אין ים אונ דער ים ווערט ניט פול. אזוי נעמט דער מענטש אלע פערגעניגונגען פון דיא וועלט. אונ

ווערט

רבי יוחנן אמר לא בשמים היא לא תמצא בגסי הרוח ולא מעבר לים היא לא תמצא בסחרנים ולא בתגרים : (ע"ב) **יד ויחנו** על הירדן מבית הישימות (במדבר לג) ואמר רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן לדידי חזי לי ההוא אתרא והוי תלתא פרסי על תלתא פרסי. אמר רב יהודה אמר רב יושבי צריפים ומהלכי מדברות חייהם אינם חיים ונשיהם ובניהם אינם שלהם. תניא נמי הכי (רבי) אליעזר איש בירה אומר יושבי צריפים כיושבי קברות ועל בנותיהם הוא אומר (דברים כז) ארור שוכב עם כל בהמה מ"ט עולא אמר מפני שאין להם מרחצאות רבי יוחנן אמר מפני שמרגישין זה לזה בטבילה מאי בינייהו איכא בינייהו נהרא (דמקרב למתא) [דסמיך לביתא] אמר רב הונא (אמר רב) כל עיר שאין בה ירק אין ת"ח רשאי לדור בתוכה. מיתיבי ג' מרבין וכו':

אמר

ועלות אחריו : סחרנים. מחזירין בעיירות : תגרין. בעיין במקומן אלא כרוכלא ואינו כרוכלא כדאמרינן לעיל :

יושבי צריפים. אלבי מקנה הם והוגים כאן הדש אי חדשים עד בכלה המרעה לבהמות ומסעים משם וקובעים במקום אחר : ומהלכי מדברות. וכבותיהם עמהם : אינן בנכן. לקמן מפרש טעמא : כיושבי קברות. כמתים. לפי שמהוכרים המלה ולוקין כגוהות בגדים ומטו: מ"ט. אסירן בנותיהן : באין להם מרחצאות. והולכין למקום רחוק לרחוץ ובנותיהן נזקקות למנהפיכן לפי שבעיר עזובה מאין איש : בטבילה. באין להם מקוואות והולכות הנשים למקום רחוק וקורא להכרהם ומרגישים הסכנים בדבר ויש רשע רודף אחריכן ומתיחד עמהן והנן לא יתיחד אדם עם שתי נשים : נהרא. ראוי לטבילה ולא למרחץ הרגש טבילה ליכא דהא סמוך וגו אבל טומאה דמשום מרחצאות איכא : אין ת"ח רשאי וכו'. לפי

---

דערט ניט זאט. ביי אזוי אמענטש געפינט מען ניט דיא תורה. רבי יוחנן זאגט אזוי מיינט דער פסוק. דיא תורה איז ניט אין הימעל. דיא תורה ווערט ניט גיפונען ביי דיא מענטשין וואס זענען גרוים ביי זיך. אונ דיא תורה איז ניט אויף דיא אנדערע זייט ים. דיא תורה ווערט ניט גיפונען ביי דיא מענטשין וואס פארין ארום אין פרעמדע שטעט האנדלען. אונ זיא ווערט ניט גיפונען אפילו ביא דיא מענטשין וואס האנדלען נאר אין זייער שטאט. זיא ווערט נאר גיפונען ביי דיא מענטשין וואס זיצען אין שטוב אדער אין בית המדרש אונ לערנען טאג אונ נאכט :

**יד** ויחנו. די יודען האבען גירוהט פון בית הישימות ביז צום ירדן. רבה בר בר חנה האט גיזאגט פון רבי יוחנן׳ס וועגין איך האב גיזעהן דעם ארט איז ער גיוועזן דריי מייל אויף דריי מייל: רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין די מענטשין וואס פיטערין בהמות אין פעלד. אונ זיצען אין ביידלאך אויף דעם פעלד אונ אז די בהמות האבען אויף גיגעסין די גראז פון דעם ארט. גייען זייא מיט די בהמות אונ מיט זייער ביידיל אויף איין אנדער ארט. אונ אזוי לעבין זיי אייביג. אונ די מענטשין וואס גייען מיט זייערע ווייבער אין דער מדבר אונ וואוהנען דארטען. זייער לעבין איז ניט קיין לעבין. די ווייבער מיט דיא קינדער זענען ניט זייערע. ביר האבען אויך אזוי גילערונט רבי אליעזר איש בירה זאגט די מענטשען וואס זיצען אין די ביידלאך. זענען גלייך ווי די מתים וואס ליגען אין דיא קברים. דער וואס האט חתונה מיט זייערע טעכטער אויף איהם זאגט דער פסוק ארור שוכב עם כל בהמה. פאר פלוכט זאל זיין דער וואס ליגט מיט א בהמה. פרעגט די גמרא פאר וואס זענען די טעכטער אסור צום מאן. עולא זאגט ווייל זייא האבען ניט קיין באד נאנט צום שטאט מוזען זיי גיין ווייט פון שטאט. אין וועג זענען די שלעכטע מענטשין מיט זיי מזנה. רבי יוחנן זאגט ווייל דיא שכנים ווייסען ווען די אשה גייט טבילה. ווארום די מקואות זענען גיוועזן ווייט פון שטאט. אז איין אשת האט גידארפט גיין טבילה הט זיא מיט גירופען איהר שכנה. דער ווייל האט מען גיוואוסט אז די אשה גייט טבילה. אז איינער איז גיוועזן ארשע הט ער זייא נאך גיאגט אונ האט מיט זייא מזנה גיוועזן. פרעגט די גמרא וואס איז דער אונטערשייד צווישען עולא אונ רבי יוחנן. ענפערט די גמרא אויב עס איז דא א טייך נאענט צום שטאט. קען זיא זיך טובל זיין. אבער וואשען זיך דארטען קען זיא ניט. נאך רבי יוחנן איז זיא מותר צום מאן. אונ נאך עולא איז זיא אסור צום מאן. רב הונא זאגט א שטאט וואס אין איהר איז ניט דא קיין ירק וקארטאפעס מעהיין

אונ

(דף נו) **טו אמר** רב יהודה אמר רב. כל עיר שיש בה מעלות ומורדות אדם ובהמה מתים בחצי ימיהם. מתים ס"ד אלא איכא מזקינן בחצי ימיהם אמר רב הונא בריה דרב יהושע הני מולייתא דבי בירי ודבי נרש אזקנון:

(דף נח) **טז תניא** אמר רבי יהושע בן חנניא אין לך שיפה למדידה יותר משלשלאות של ברזל אבל מה נעשה שהתורה אמרה (זכריה ב) ובידו חבל מדה והכתיב (יחזקאל מ) וקנה המדה ההוא להרעי תני (רבי יוסי) [רב יוסף] ג' חבלים הם של מגג ושל נצרים ושל פשתן של מגג לפרה כדתנן כפתיה בחבל המגג ונתנוה על גב מערכתה של נצרים לסוטה דתנן ואח"כ מביא חבל מצרי וקושר למעלה מדדיה של פשתן למדידה:

שירק טוב נמאכל ומקח בזול ויכול לעסוק בתורה: מזקינן. מפני הטורח: בי בירי ובי נרש. שתי עיירות ויש בין זו לזו מעלות ומורדות והן מולייתא: אזקנון. הזקינוני: ובידו חבל מדה. במקדש של יחזקאל: וקנה המדה להרעי. למדוד רוחב השערים: מגג. יונ"ק בלע"ז ולפי שאינה מקבלת טומאה שיהא כל מעשה פרה בטהרה: נצרים. ערבה קלופה: בליית"א. כדקל ואין משתמשין בהן משום שמש:

## הדר פרק ששי

(דף סב) **א רבינא** הוה יתיב קמיה דרב אשי חזיה לההוא גברא דקטיר חמריה בציניתא בשבתא רמא ביה קלא לא אשגח ביה אמר ליה להוי האי גברא בשמתא

---

און נאך אזעלכע זאכען טאר אין איהר ניט וואוהנען א תלמיד חכם:

**טו** אמר רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין די שטאט וואס אין איהר איז דא בערג און טאהלען די מענטשין און די בהמות וואס אין דיא שטאט שטארבען אין זייערע העלפט יאהרין. זאגט דיא גמרא מען מיינט ניט זיי שטארבען אין זייערע העלפט יאהרין. נאר זייא ווערין אלט אין זייערע העלפט יאהרין. וייל מען פארלירט די כחות גייענדיג ארויף און אראפ. רב הונא דער זוהן פון רב יהושע האט געזאגט די בערג וואס אין דיא שטאט בירי און וואס אין די שטאט נרש האבען מיך אלט גימאכט. ורב הונא האט געוואוהנט אין די שטאט בירי און אין די שטאט נרש:

**טז** תניא. מיר האבען גילערונט רבי יהושע בן חנניא האט געזאגט עס איז ניט דא קיין בעסערע זאך מיט וואס צו מעסטין נאר מיט אייזערנע קייטין. נאר דיא תורה האט געזאגט זכריה הנביא האט געזעהן דער מלאך האט גיהאלטען אין האנט אשטריק צום מעסטין מיט איהם. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק וקנה המדה. דער שטעקין וואס מען האט מיט איהם גימאסטין. ענפערט דיא גמרא מיט אשטעקין האט מען גימאסטין דיא טויערין פון בית המקדש. און די ערד האט מען גימאסטין מיט אשטריק. רב יוסף האט גילערונט דרייערליי שטריק זענען דא. פון מגג. ווייכע קארע. און פון נצרים. ווייכע ריטער. און פון פלאקס. אשטריק פון מגג האט מען גידארפט צו דיא פרה אדומה. אזוי וויא מיר האבען גילערונט מען האט גוט גיבונדען די פרה אדומה מיט אשטריק פון מגג און מען האט איהר ארויף גילייגט אויף דעם פייער. אשטריק פון ריטער האט מען גידארפט צוא דיא סוטה. אזוי וויא מיר האבען גילערונט דער נאך האט מען גיבראכט אשטריק פון ריטער און ער האט ארום גיבונדען די סוטה מיט דעם שטריק איבער די בריסט. אשטריק פון פלאקס האט מען גידארפט צו מעסטין מיט איהם:

## פרק ששי

**א** רבינא איז גיזעסין פאר רב אשי האט ער גיזעהן וויא אמענטש בינדט אן זיין אייזיל צו אבוים אום שבת. האט רב הונא געשריגען אויף דעם מענטש ער זאל ניט צוא בינדען דעם אייזיל צום בוים. און דער מענטש האט ניט גיוואלט קוקין אויף איהם. האט רבינא

גזאגט

ה"ג. רבינא לרב אשי כה מלתא דעבדית כהנא קמך מי הוי כי אפקירותא הוצאת או לא: אין חכמה וגו'. אין תורה וחכמה וכבוד חביבה ויועץ עומדים לפני חלול השם: בפניו אסור. להורות: וחייב מיתה. בידי שמים והא דרבנא לאו אאפקירותא קאי אלא על כל הכא לגלול: בפניו

בשמתא אמר ליה כי האי גוונא מי מיתחזי כאפקירותא אמר ליה (משלי כא) אין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה' כל מקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב אמר רבא בפניו אסור וחייב מיתה שלא בפניו אסור ואין חייב מיתה ושלא בפניו לא והתניא רבי אליעזר אומר לא מתו בניו של אהרן אלא על שהורו הלכה בפני משה רבן מאי דרש (ויקרא א) ונתנו בני אהרן הכהן אש על המזבח אמרו אף על פי שהאש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט ותלמיד אחד היה לו לרבי אליעזר שהורה הלכה בפני רבו אמר לה רבי אליעזר לאמא שלום אשתו תמהני אם יוציא זה שנתו ולא הוציא שנתו אמרה לו נביא אתה אמר לה לא נביא אנכי ולא בן נביא אנכי אלא כך מקובלני כל המורה הלכה בפני רבו חייב מיתה. ואמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן אותו תלמיד יהודה בן גוריא שמו והיה רחוק ממנו שלש פרסאות. בפניו הוה והא רחוק ממנו שלש פרסאות קאמר

ולטעמיך

---

גזאגט דער מענטש זאל זיין אין חרם דער נאך האט רבינא גזאגט צו רב אשי איז דאס גיוועזן פון מיר אחוצפה אדער ניין. ווייל דוא ביסט גיזעסן אונ איך האב דיך גאר ניט גיפרעגט אונ איך האב אליין גישאהן. האט רב אשי גזאגט צו רבינא שלמה המלך האט גזאגט עס איז גיטא קיין חכמה אונ ניט קיין פארשטאנדיגקייט אונ ניט קיין עצה געגין גאט. דאס מיינט מען ווען איינער טוהט אעבירה אונ ער פארשעמט דעם נאמען פון גאט. בייא דער צייט זאל מען ניט קוקען אויף דעם כבוד פון חכם אונ ניט אויף דעם כבוד פון דעם פארשטאנדיגען אונ ניט אויף דעם כבוד פון ארבי. אונ מען זאל בייקיינעם ניט פרעגין אעצה. נאר מען זאל אליין באלד משפטין דעם מענטש. רבא זאגט אתלמיד טאר ניט פסקנן אדין ווען ער איז נעבין זיין רבי. אונ אויב ער האט יא גיפסקת קומט איהם מיתה. ער וועט שטארבין פאר דיא צייט. אונ אפילו דער תלמיד איז ניט נעבין רבי טאר ער אויך ניט פסקנן אדין. אבער אז ער האט גיפסקת קומט איהם ניט קיין מיתה. פרעגט דיא גמרא אז דער תלמיד איז ניט נעבין רבי. אונ ער האט גיפסקת אדין קומט איהם ניט קיין מיתה. מיר האבין דאך גילערנט רבי אליעזר זאגט דיא קינדער פון אהרן נדב ואביהוא זענען גישטארבין ווייל זייא האבין גיפסקת אדין פאר זייער רבי משה רבינו. וואס האבין זייא גידרשת. עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון אהרן הכהן זאלין געבין פייער אויף דעם מזבח. האבין נדב ואביהוא גזאגט אפילו עס קומט אראפ אפייער פון הימעל אויף דעם מזבח צו פאר ברענגען דיא קרבנות: פון דעסטוועגין איז אמצוה מען זאל לייגין אויף דעם מזבח פראסטע פייער אויך. אזוי האבין נדב ואביהוא גיפסקת. אונ האבין ניט גיפרעגט דעם דין בייא משה רבינו. דריבער זענען זייא גישטארבין. אונ רבי אליעזר הט גיהאט אתלמיד וואס ער האט גיפסקת אדין זיצענדיג פאר זיין רבי. האט רבי אליעזר גזאגט צוא זיין ווייב אימא שלום. איך ווייס ניט אויב דער תלמיד וועט אויס לעבין דאס יאהר. אונ ער האט ניט אויס גילעבט דאס יאהר. האט דאס ווייב גזאגט צו רבי אליעזר דוא ביסט אנביא. האט רבי אליעזר גזאגט צו איר. איך בין ניט קיין נביא אונ איך בין ניט דער זוהן פון אנביא. נאר אזוי האב איך גילערנט דער תלמיד וואס פסקת אדין פאר זיין רבי קומט איהם מיתה. וועט ער שטארבין פאר זיין צייט. אונ רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער תלמיד האט גיהייסן יהודא בן גוריא. אונ ער איז גיוועזן ווייט פון זיין רבי דריי מייל ווען ער האט גיפסקת דעם דין. פון דעסטוועגין איז ער גישטארבין. איז דאך אקשיא אויף רבא וואס ער זאגט אז מען פסקת אדין ווייט פון רבי קומט ניט קיין מיתה. ענטפערט דיא גמרא ווען דער תלמיד האט גיפסקת דעם דין איז ער גיוועזן נעבין זיין רבי: אונ וואס מיר זאגין ער איז גיוועזן ווייט דרייא מייל. מיינט מען ער האט גיוואוהנט ווייט פון זיין רבי דריי מייל. אבער ווען ער הט

גיפסקת

ולטעמיך שמו ושם אביו למה אלא שלא תאמר משל היה. אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל המורה הלכה בפני רבו ראוי להכישו נחש שנאמר (איוב לב) ויען אליהוא בן ברכאל הבוזי ויאמר צעיר אני לימים ואתם ישישים על כן זחלתי ואירא מחוות דעי אתכם, כתיב הכא זחלתי וכתיב התם (דברים לב) עם חמת זוחלי עפר. זעירי אמר רבי חנינא נקרא חוטא שנאמר בלבי צפנתי אמרתך למען לא אחטא לך. רב המנונא רמי כתיב (תהלים קיט) בלבי צפנתי אמרתך וכתיב (שם מ) בשרתי צדק בקהל רב כאן בזמן שעירא היאירי קיים כאן בזמן שאין עירא היאירי קיים. אמר רבי אבא בר (כהנא) [זבדא] כל המשגר מתנותיו לכהן אחד מביא רעב לעולם שנאמר (ש"ב כ) וגם עירא היאירי היה כהן לדוד וגו'. לדוד הוא דהוי כהן לכ"ע לא הוי כהן. אלא שהיה משגר לו כל מתנותיו וכתיב בתריה (שם כא) ויהי רעב בימי דוד שלש שנים. רבי אליעזר אומר מורידין אותו מגדולתו שנאמר (במדבר לא) ויאמר אלעזר הכהן

הוה. והא דקתני רחוק ממנו שהיה מקומו רחוק ממקום רבו שלש פרסאות מיהו כי אורי קמיה לא: ואין רחוק ממנו קאמר. ואי הוראה לאו רתק הילי מאי אתא רבי יוחנן לאשמעינן: צפנתי אמרתך. כנסתי דברי אלהותם במקום שהיה הועה עליהן: צדק. דברי תורה: עירא היאירי. רבו היה כדכתיב היה כהן לדוד רב לדוד: רא"א מורידין

---

גיפסקת דעם דין איז ער גיוועזן נעבין זיין רבי · פרעגט דיא גמרא רבי יוחנן זאגט דאך דער תלמיד הט גיוואונט ווייט פון זיין רבי דריי מייל. אז מיר ווילין זאגין דער תלמיד האט גיפסקת דעם דין נעבין זיין רבי צו וואס דארפין מיר וויסען אז ער הט גיוואונט ווייט פון זיין רבי דרייא מייל: פרעגט דיא גמרא אונ אפילו וויא דוא זאגסט צו וואס דארף רבי יוחנן זאגין דעם נאמען פון תלמיד אונ דעם נאמען פון זיין פאטער: נאר מען זאל ניט זאגין אז דיא רייד פון רבי אליעזר איז נאר א משל. דריבער זאגט רבי יוחנן דעם נאמען פון תלמיד אונ דעם נאמען פון זיין פאטער קען זיין אז דריבער זאגט רבי יוחנן וואו דער תלמיד האט גיוואוהנט אויך מען זאל ניט זאגין אז דאס איז נאר א משל. אבער ווען דער תלמיד האט גיפסקת דעם דין איז ער גיוועזן נעבין זיין רבי · רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער תלמיד וואס פסקת אדין פאר זיין רבי איז ער ווערט א שלאנג זאל איהם בייסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אליהוא בן ברכאל הבוזי האט גיענטפערט אונ האט גזאגט איך בין יונג אונ איר זענט אלט על כן זחלתי ואירא מחוות דעי אתכם. דריבער האב איך מורא צוא זאגין מיין וויסענשאפט פאר אייך: דא שטייט זחלתי. אונ דארט שטייט עם חמת זוחלי עפר. מיט דעם טעם פון דיא וואס קריכען אויף דיא ערד. דאס מיינט מען שלאנגען. האט אליהוא אויך אזוי גזאגט איך האב מורא צו זאגין מיין וויסענשאפט פאר אייך (צו פסקנען אדין פאר אייך) מיך זאלין ניט בייסין די שלאנגען. זעירי זאגט פון רב חנינאס וועגין דער וואס פסקת אדין פאר זיין רבי. הייסט ער א זינדיגער. ער האט גיזינדיגט. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט אין מיין הארץ האב איך בעהאלטין דיינע זאג איך זאל ניט זינדיגען צו דיר. רב המנונא הט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דוד המלך האט גזאגט אין מיין הארץ האב איך בעהאלטין דיינע זאג. אונ אין איין פסוק האט דוד גזאגט איך האב גזאגט דיא גירעכטיגקייט (די תורה) אין אגרוים פאר זאמלונג. ענטפערט דיא גמרא ווען עירא היאירי דער רבי פון דוד האט גילעבט. האט דוד בעהאלטין דיא תורה אין זיין הארץ אונ האט ניט גיוואלט פסקנען אדין. ער זאל ניט זינדיגען. אונ ווען עירא היאירי איז גישטארבין האט דוד גילערנט תורה אונ גיפסקת דינים אין אגרויס פארזאמלונג. רבי אבא בר כהנא זאגט דער וואס שיקט זיינע מתנות (תרומה בכורים ראשית הגז) אלע מאהל צו איין כהן. ברייגנט ער אהונגער אויף דער וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק עירא היאירי איז גיוועזן א כהן צו דוד. איז דאך א קשיא נאר צוא דוד איז ער גיוועזן א כהן אונ צו די גאנצע וועלט איז ער ניט גיוועזן א כהן. נאר מען מיינט אלע מתנות (תרומת בכורים אונ נאך זאכין וואס גיהער צום כהן) האט דוד נאר גיגעבין צו דעם איין כהן עירא היאירי. שטייט באלד דער נאך עס איז גיוועזן א הונגער אין דיא טעג פון דוד דריי יאהר · רבי

אליעזר

הכהן אל אנשי הצבא ואע"ג דאמר לאחי אבא צוה לי לא צוה אפילו הכי אשכחן דאיענש דכתיב (שם כז) ולפני אלעזר הכהן יעמוד ושאל לו במשפט האורים לפני ה' וגו' ולא אשכחן דאצטריך ליה יהושע:

ב אמר רבי (אבא) [לוי] כל המותיב מלה קמי רביה אזל לשאול בלא ולד דכתיב (במדבר יא) ויען יהושע בן נון משרת משה מבחוריו ויאמר אדוני משה כלאם (ע"ב) וכתיב (ד"ה א ז) נון בנו יהושע בנו ופליגא דרבי אבא בר פפא דאמר רבי אבא בר פפא לא נענש יהושע אלא על שבטל את ישראל מפריה ורביה לילה אחת שנאמר (יהושע ה) ויהי בהיות יהושע ביריחו וגו' וכתיב (שם) ויאמר לא כי אני שר צבא ה' עתה באתי אמר ליה אמש בטלתם תמיד של בין הערבים ועכשיו בטלתם תלמוד תורה. אמר ליה על איזה מהם באת. אמר ליה עתה באתי מיד (שם ח) וילן

אותו מגדולתו. אלעזר קאי נמורה הלכה בפני רבו: אם אתי אבא ליה. דהלך כבוד למשה דכתיב זאת חקת התורה אשר צוה ה' את משה והורה הלכות גיעול אף את הזהב: דאיענש. לירד מגדולה דפסקו ליה מקמי הכי: דכתיב. ביהושע: ולפני אלעזר הכהן יעמוד ושאל לו במשפט. שהיה עתיד יהושע להיות צריך לשאול דבר הלכה מאלעזר: ולא אשכחן. לאחר מיתת משה: דאיצטריך ליה יהושע. לאלעזר לשאול לו כלום:
מותיב מלה. משיב דבר מורה הלכה: לשאול: למיתה: כלאם. דאויים הם לכך דהוה ליה למורה הלכה: וכתיב נון בנו יהושע בנו. וגבי יהושע לא כתיב בן: לא נענש. עבירה אלא שבטל את ישראל מפריה ורביה: וכתיב ויהי בהיות יהושע ביריחו. מדכתיב וחרבו שלופה מכלל דפורענות בא ומה באתי דקאמר ה"ק ליה על עבירה של עכשיו באתי מדאצטריך למימר על של עכשיו באתי מכלל דאכתי הוה אתמולי. ואלא היא הכי קאמר ליה אמש בטלתם תמיד של בין הערבים ביום שנכנס התמיד ועכשיו שחשכה הם מבטלים ת"ת לפי שהיו עסוקים במלחמתם

אליעזר זאגט דער תלמיד וואס פסקת אדין פאר זיין רבי נידערט מען איהם אראפ פון זיין גרויסקייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלעזר הכהן האט גזאגט צוא דיא יודישע חיל וואס זענען גיקומען פון דיא מלחמה פון מדין. זייא זאלין ריין מאכען דיא כלים וואס זייא האבען גיבראכט פון מדין. האט ער דאך גיפסקת אדין פאר זיין רבי משה רבינו. אפילו אלעזר האט גזאגט צו דיא יודען דעם דין האט גאט גיבאטען ניט צו מיר נאר צוא מיין פאטערס ברודער צו משה רבינו. פון דעסטוועגין איז אלעזר גישטראפט גיווארין אונ איז אראפ גינאנגען פון זיין גרויסקייט וואס מען האט איהם פריער צו גזאגט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט יהושע זאל שטיין פאר אלעזר הכהן אונ ער זאל פרעגין ביי איהם וואס דיא אורים ותומים זאגען. האט יהושע גידארפט פרעגין אדין ביי אלעזר. איז דאך אלעזר גיוועזן גרעסער ווי יהושע, אונ מיר געפינען ניט אז יהושע האט גידארפט פרעגין ביי אלעזר. ווארום גאט האט אראפ גענידערט אלעזר פון זיין גרויסקייט. אונ גאט אליין האט גזאגט צוא יהושע. ער זאל ניט דארפין פרעגין ביי אלעזר:

ב אמר. רבי לוי האט גזאגט דער וואס פסקת אדין פאר זיין רבי שטארבט ער אן קינדער. ווארום עס שטייט אין פסוק יהושע בן נון דער בדינער פון משה פון זיינע יונגע לייט האט גזאגט צו משה מיין הער משה פאר לענדט זיי. ודאס איז גלייך וויא ער וואלט גיפסקת אדין פאר זיין רבי משהן. אונ עס שטייט אין פסוק דער זוהן פון נון איז גיוועזן יהושע אונ יהושע האט ניט גיהאט קיין קינדער. אונ רבי לוי קריגט אויף רבי אבא בר פפא. ווארום רבי אבא בר פפא האט גזאגט וואס יהושע איז גישטראפט גיווארין ער זאל ניט האבען קיין קינדער. דאס איז גיוועזן ווייל ער האט גישטערט דיא יודען איין נאכט זייא זענען ניט גיוועזן ביי זייערע ווייבער קינדער צו האבען. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען יהושע איז גיוועזן אין יריחו. האט ער דער זעהן אמלאך שטייט מיט אשווערד אין זיין האנט. והאט יהושע גיוואוסט אז דער מלאך איז גיקומען שטראפין. האט ער גיפרעגט דעם מלאך אויף וועלכע עבירה איז ער גיקומען שטראפין. האט דער מלאך גזאגט. איך בין אשר פון גאט ואיך בין גיקומען שטראפין אויף דיא איצטיגע עבירה. דער מלאך האט גזאגט צוא יהושע נעכטין האט איר ניט מקריב גיוועזן דעם תמיד פון פארין נאכט. אונ איצט ביי נאכט האט איר מבטל גיוועזן צו לערנען תורה. האט יהושע גזאגט צום מלאך אויף וועלכע עבירה ביסטו גיקומען האט דער מלאך גזאגט איך

וילן יהושע בלילה ההוא בתוך העם וכתיב (שם) בתוך העמק. [ואר"י] מלמד שלן בעומקה של הלכה וגמירי שכל זמן שארון ושכינה שרויין שלא במקומן ישראל אסורין בתשמיש המטה. אמר רב שמואל בר אויא משמיה דרב גדול תלמוד תורה יותר מהקרבת תמידין שנאמר (שם ה) עתה באתי:

ג אמר רב ברונא אמר רב כל הישן בקילעא שאיש ואשתו ישנין בה עליו הכתוב אומר (מיכה ב) נשי עמי תגרשון מבית תענוגיה. אמר רב יוסף לא נצרכה אפילו אשתו נדה רבא אמר אם אשתו נדה תבוא עליו ברכה, ולא היא דעד האידנא מאן נטריה:

(דף סד) ד אמר רב יהודה אמר שמואל כל השותה רביעית יין אל יורה. אמר רב נחמן לאו מעליא האי שמעתא דהא אנא כמה דלא שתינא רביעתא דחמרא לא צילאי דעתאי. א"ל רבא מ"ט אמר מר הכי והאמר רבי אחא ברבי חנינא מאי דכתיב

ורועה

**פירוש**

ביום לא היה להם עת לעסוק בתורה אלא בלילה והדבר מוכיח בעל עסקן ה"א הוכיחו מדכתיב במלחמה של עי שהיתה אחריה וילן יהושע בלילה ההוא בתוך העמק: ואמר רבי יוחנן מלמד שלן בעומקה של הלכה וגמירי דכל זמן שארון ושכינה שרויין שלא במקומן וכו'. והוא לילה שהוכיחו המלאך היו מבטלין תלמוד תורה בבטל שהיו צריכין על העיר ולא החזירו בערב את הארון למקומו בגלגל והוא הלילה שבטלו מפריה ורביה:

בקילעא. בחדר: נשי עמי תגרשון. שמונעין הם ממנו:

מאי טעמא אמר מר הכי. ז' כלום וזו היא נותנת (למעלה מזו אמר במולג שמעתא אמת וא"ל

---

איך בין געקומען אויף די איצטיגע עבירה וואס מען לערנט ניט די תורה. באלד דער נאך אז עס איז געוועזן נאך א מלחמה האט יהושע גענעכטיגט ביי נאכט צווישען פאלק. נאך א פסוק שטייט ער האט גענעכטיגט אין דעם טאהל (אין דער טיף). האט רבי יוחנן געזאגט דער פסוק מיינט אז יהושע האט געלערנט ביי נאכט טיפע דינים. אונ דיא נאכט ווס דיא יודין האבען ניט געלערנט תורה איז געוועזן ווייל זייא זענען געוועזן אין דער מלחמה. אונ ווען דיא יודען זענען געוועזן אין דער מלחמה האבען זייא געהאט דעם ארון אין דער מחנה. אונ מיר האבען געלערנט ווען דער ארון אונ דיא שכינה זענען ניט געוועזן אויף זייער ארט האבען דיא יודען ניט געטארט זיין ביי זייערע ווייבער. דאס איז געוועזן וואס מיר האבען געזאגט אז יהושע האט מבטל געוועזן דיא יודען איין נאכט פון צו האבען קינדער. דריבער איז יהושע געשטראפט געווארין ער זאל ניט האבען קיין קינד. רב שמואל בר אויא זאגט פון רבס וועגין לערנען תורה איז א גרעסערע מצוה וויא מקריב צוא זיין דיא קרבנות תמידין. ווארום דער מלאך האט געזאגט איך בין געקומען אויף דיא איצטיגע עבירה פון תורה לערנען. ניט אויף די עבירה פון תמיד:

ג אמר. רב ברונא האט געזאגט פון רבס וועגין דער וואס שלאפט אין די שטוב וואס מאן אונ ווייב וואוהנען דארט. אויף איהם זאגט דער פסוק דיא ווייבער פון מיין פאלק טרייבט איר ארויס פון זייער פאר גניגען. ווייל זייא שעמען זיך פאר איהם משמש המטה צו זיין. רב יוסף זאגט אפילו דיא ווייב איז א נדה טאר מען אויך ניט שלאפען אין דיא שטוב: נאר דער מאן אונ די ווייב. רבא זאגט אויב דיא ווייב איז א נדה זאל קומען א ברכה אויף דעם פרעמדין מענטש וואס שלאפט ביי זייא אין שטוב. ווייל ער היט זייא פון א עבירה. זאגט דיא גמרא עס איז ניט וויא רבא זאגט. ווארום ביז איצט ווער האט זייא געהיט:

ד אמר. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין דער וואס טרינקט א קוואטירול ווין טאר ניט פסקנן א דין. רב נחמן זאגט דער דין איז ניט גוט. ווארום אז איך טרינק ניט א קוואטירול ווין איז מיין פאר שטאנד ניט קלאר. האט רבא געזאגט צו רב נחמן פר וואס האסטו אזוי געזאגט מיט דעם לשון דער דין איז ניט גוט. רבי אחא ברבי חנינא האט דאך געזאגט וואס מיינט דער פסוק ורועה זונות יאבד הון. דער וואס זאגט דער דין איז שיין אונ דער דין איז ניט שיין. דער פאר ליהרט דעם כבוד פון די תורה אונ דיא תורה ווערט פון איהם פאר געסען ווערין וזונות איז צווייי ווערטער זו נאה. דיא איז שיין. דער דין איז שיין. רועה. איך וועל

דעם

(משלי כט) ורועה זונות יאבד הון כל האומר שמועה זו נאה ושמועה זו אינה נאה מאבד הונה של תורה . א"ל הדרי בי . אמר רבה בר רב הונא שתוי אל יתפלל ואם התפלל תפלתו תפלה . שכור אל יתפלל ואם התפלל תפלתו תועבה . היכי דמי שתוי והיכי דמי שכור כי הא (דרבה) [דרבי אבא] בר שומני ורב מנשיא ברבי ירמיה מדיפתי הוי קמפטרי מהדדי אמעברא דנהר יופתי אמרי נימא מלתא כל חד וחד מינן דלא שמיע ליה לחבריה דאמר מרי בריה דרב הונא (בריה דרב ירמיה) אל יפטר אדם מחברו אלא מתוך דבר הלכה שמתוך כך זוכרהו . פתח חד מינייהו ואמר היכי דמי שתוי והיכי דמי שכור . שתוי כל שיכול לדבר בפני המלך . שכור כל שאינו יכול לדבר בפני המלך . פתח אידך ואמר המחזיק בנכסי הגר כיצד יעשה ויקיימו בידו . יקח בהן ס"ת . אמר רב ששת אפילו (ס"ג) בעל בנכסי אשתו . רבא אמר אפילו עבד עסקא ורווח . רב פפא אמר אפילו מצא מציאה . רב נחמן בר יצחק אמר אפילו כתב תפילין . א"ר חנן ואי תימא ר"ת מאי קראה (במדבר כא) וידר ישראל נדר לה' ויאמר :

פירוש

רב נחמן כמה מעליא הוי בשמעתא) : רועה . כבודה של תורה ורועה לסתכלת ממנו : רועה זונות . נוטריקון זו נאה וזו אינה ועוסק בה עד שמתקיימת בידו : הדרי בי . לא אוסיף עוד : המחזיק בנכסי הגר . מידי דשמיטא הוא ונתנו לה היכי לפי שלא יגיעה בהו לו ולפיכך אין מתקיימין אם לא ע"י מצוה : יקח בהן ס"ת . במקלתו ובשכר אלו יתקיימו האחרים בידו : בעל בנכסי אשתו . בעי למעבד בהו מצוה דמלתא דתנו בה היכי הוא ושלטא בהו עינא בישא : אפילו כתב בהן תפילין . נמי יתקיימו בידו : מאי קראה . דעל ידי דעביד בהו מצוה יתקיימו בידו : דכתיב וידר ישראל נדר . והחרמתי לכון הקדש ועי"כ נמסרו הפלשתים ונפלו בידם :

---

דעם דין פיטערין . אונ וועל איהם לערנען . מאבד הון . פאר לירט ער דעם פאר מעגין פון די תורה) . האט רב נחמן גזאגט איך האב חרטה . איך וועל שוין אזוי ניט זאגען . רבה בר רב הונא זאגט דער וואס האט גיטרונקען וויין זאל ניט דאווענען . אונ אויב ער האט גידאווענט איז דיא תפלה גוט . אשכור טאר גיט דאווענען אונ אויב ער האט גידאווינט . איז זיין תפלה אומווירדיג ופאר מיאוסט) ביי גאט . פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען ער האט גיטרונקען וויין . אונ וואס מיינט מען ער איז שכור . ענטפערט דיא גמרא רבי אבא בר שומני אונ רב מנשיא ברבי ירמיה מדפתי איידער זייא זענען אוועק גינאנגען איינער פון אנדערין ביי דעם פראם פון דעם טייך יופתי . האבען זייא גזאגט יעדער פון אונז זאל זאגין אזוי אזאך וואס זיין חבר האט נאך ניט גיהערט . ווארום מרי בריה דרב הונא האט גזאגט אמענטש זאל ניט אוועק גיין פון זיין חבר ; נאר פון אדין . איידער איינער גייט אוועק פון אנדערין זאל ער איהם זאגען אדין . פון דעם דין וועט ער גידיינקין זיין חבר . האט איינער פון זייא אן גיהויבען אונ האט גזאגט וואס מיינט מען ער האט גיטרונקען וויין . אונ ווס מיינט מען ער איז שכור . אז ער האט גיטרונקען וויין אונ ער קען ריידען פאר אמלך . הייסט דאס נאר ער האט גיטרונקען . אונ אז ער קען ניט ריידען פאר אמלך ; הייסט ער שכור . דער צווייטער האט אן גיהויבען דער אנדערער אונ האט גזאגט . אז אגר איז גישטארבען אונ עס איז ניטא ווער עס זאל איהם ירשנען . המ איזד צו גינומען זיין פאר מעגין . וויא זאל דער יוד טאהן דאס פאר מעגין זאל ביי איהם בלייבען מיט גליק ; זאל ער קויפען פאר אביסעל פון דעם געלט אספר תורה . דורך די מצוה וועט ער האבען הצלחה אין דיא איבעריגע געלט . רב ששת זאגט אפילו אמאן נעמט אווייב מיט פיל געלט דארף ער אויך קויפען אספר תורה פון דעם געלט . רבא זאגט אפילו ער האט גימאכט אגישעפט אונ האט פארדינט מיט אמאהל פיל געלט דארף ער אויך קויפען אספר תורה פון דעם געלט . רב פפא זאגט אפילו ער האט גיפונען געלט אדער אמציאה דארף ער אויך קויפען אספר תורה פון דעם געלט . ווייל מענטשין וואונדערין זיך אויף זאך . זיי זאלען ניט געבין אעין הרע אין דעם געלט . דריבער זאל ער טאהן מיט דעם געלט אמצוה . וועט ער שוין האבען הצלחה . רב נחמן בר יצחק זאגט אפילו ער האט נאר גיקויפט תפילין פון דעם געלט . איז אויך גינוג . רב חנן האט גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חנינא האט גזאגט דם ווייזין מיר פון אפסוק אז דורך אמצוה האבין דיא געלט הצלחה . אז

**תניא** מעשה ברבן גמליאל שהיה רוכב על החמור והיה מהלך מעכו לכזיב והיה רבי אלעאי מהלך אחריו מצא גלוסקין בדרך אמר ליה אלעאי טול גלוסקין מן הדרך מצא עכו"ם אחד אמר ליה מבגאי טול גלוסקין הללו מאילעאי נטפל לו רבי אילעאי אמר ליה מהיכן אתה אמר לו מעיירות של בורגנין אני ומה שמך מבגאי שמני כלום הכירך רבן גמליאל מעולם אמר ליה לאו באותה שעה למדנו שכוון רבן גמליאל ברוח הקודש ושלשה דברים למדנו באותה שעה למדנו שאין מעבירין על האוכלין ולמדנו שהולכים אחר רוב עוברי דרכים ולמדנו שחמצו של עכו"ם אחר הפסח מותר בהנאה כיון שהגיע לכזיב בא אחד לישאל על נדרו אמר לזה שעמו כלום שתינו רביעית יין האיטלקי אמר ליה הן אמר ליה אם כן יטייל אחרינו עד שיפיג יינגו וטייל אחריהם שלשה מילין עד שהגיע לסולמא של צור כיון שהגיע לסולמא דצור ירד רבן גמליאל מן החמור ונתעטף וישב והתיר לו נדרו והרבה דברים למדנו

נטפל לו רבי אלעאי. נתקרב אצל העכו"ם: מבגאי שמני. כך שמי: אין מעבירין על האוכלין. המוצא אוכלין בדרך אינו רשאי לעבור עליהן ולהניחם שם: בהולכים אחר רוב עוברי דרכים. מדלא שרי ליה לרבי אלעאי למיכלינהו דאחזקינהו בחזקת פיתן של עכו"ם ברוב עוברי דרכים עכו"ם הם: שחמצו של עכו"ם כו'. מאחר הפסח היה: מותר בהנאה. כגון הכא דאיכא טובת הנאה לעכו"ם: לזה שעמו. לרבי אלעאי: לסולמא של צור. מעלה הר גבוה:

---

די יודן האבן גיהאלטען מלחמה האבען זיי גיטאהן אנדר צוא גאט אונ האבען גזאגט זייא מאכען היילינג דם גלט. האבען זיי באלד איינגינומען די מרכבה:

תניא. מיר האבען גילערונט רבן גמליאל האט אמאהל גריטען אויף אאייזיל. אונ איז גיגאנגען פון די שטאט עכו צו די שטאט כזיב. אונ רבי אלעאי איז גיגאנגען אינטער רבן גמליאל. אונ רבן גמליאל האט גיזעהן קיכלאך ליגען אויף דעם וועג. האט ער גזאגט צו רבי אלעאי נעם דיא קיכלאך פון וועג. דער נאך האט רבן גמליאל גיזעהן אגוי גייט אין וועג. האט ער גזאגט צום גוי מבגאי נעם דיא קיכלאך פון אלעאי. איז רבי אלעאי צו גיגאנגען צום גוי. אונ האט גזאגט צו איהם פון וואנען ביסטו. האט דער גוי גזאגט איך בין פון דיא שטעט פון בורגנין. האט רבי אלעאי גזאגט צום גוי וויא איז דיין נאמען. האט דער גוי גזאגט מיין נאמען איז מבגאי. האט רבי אלעאי גזאגט צום גוי רבן גמליאל האט דיך אמאהל גיקענט. האט דער גוי גזאגט ניין. איצט ווייסען מיר אז רבן גמליאל האט גיטראפען מיט רוח הקודש וויא דער נאמען פון דעם גוי איז. אונ דריי זאכען האבען מיר גילערונט אין דיא צייט פון רבן גמליאל. איינס האבען מיר גילערונט אז מען געפינט עסינוואורג אויפען וועג טאר מען ניט לאזען ליגען דיא עסינווארג אונ אוועק גיין. נאר מען מוז זייא אויף הייבין. נאך האבען מיר גילערונט אז מיר גייען נאך דאס מערסטע מענטשין וואס גייען אין וועג. אונ ווייל דאס מערסטע מענטשין וואס גייען אין וועג זענען גוים. דריבער זאגין מיר אז דיא ברויט וואס מען געפינט אין וועג איז גוישע. טאר זייא איוד ניט עסין. דריבער הט רבן גמליאל גזאגט צו רבי אלעאי ער זאל אוועק געבין דיא קיכלאך צום גוי אונ ער זאל זייא ניט עסין. נאך האבין מיר גילערונט מען מעג הנאה האבין פון גוישע חמץ נאך פסח. וואורום די מעשה איז גיוועזן באלד נאך פסח. אונ וואס זייא האבין גיגעבין צום גוי דאס הייסט הנאה. ווייל דער גוי האט זייא גידאנקט פאר די קיכלאך: וויא רבן גמליאל איז גיקומען אין די שטאט כזיב. איז איינער גיקומען צו רבן גמליאל ער זאל איהם מתיר זיין א נדר. הט רבן גמליאל גיפרעגט ביי רבי אלעאי מיר האבין גיטרונקען אקוואטירול וויין פון איטאליא. האט רבי אלעאי גזאגט יא. האט רבן גמליאל גזאגט טאר מען איהם איצט ניט מתיר זיין דעם נדר. נאר זאל דער מענטש גיין אינטער אונז ביז דער וויין וועט אויס גיוועפט ווערין פון אונז. איז דער מענטש גיגאנגען אינטער זיי דריי תחום שבת. ביז זיי זענען גיקומען צו דעם בארג פון צור. וויא זייא זענען גיקומען צו דעם בארג פון צור. איז רבן גמליאל אראפ גיגאנגען פון אייזיל אונ האט זיך איין געוויקעלט מיט זיין קלייד. אונ האט זיך גיזעצט אונ האט איהם מתיר גיוועזן דעם נדר.

זאגט

למדנו באותה שעה למדנו שרביעית יין האיטלקי משכר ולמדנו שכור אל יורה (ולמדנו שדרך מפיג את היין) ולמדנו שאין מפירין נדרים לא רכוב ולא מהלך ולא עומד אלא יושב :

ו תנאי היא דאיכא למ"ד פותחין בחרטה ואיכא למ"ד שאין פותחין בחרטה דאמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן מאי פתח ליה רבן גמליאל להההוא גברא (משלי יב) יש בוטה כמדקרות חרב ולשון חכמים מרפא . כל הבוטה ראוי לדקרו בחרב אלא שלשון חכמים מרפא :

ז אמר מר ואין מעבירין על האוכלין אמר ר"י משום רשב"י לא שנו אלא בדורות הראשונים שאין בנות ישראל פרוצות בכשפים אבל בדורות האחרונים שבנות ישראל פרוצות בכשפים מעבירין תנא שלמין מעבירין פתיתין אין מעבירין אמר ליה רב אסי לרב אשי ואפתיתין

פירוש

משלי היא . במסכת נדרים : פותחין בחרטה . צריך לחכם למצוא פתח לשואל שיהיה לו פ"פ לומר לדעת כן לא נדרתי ואילו הייתי יודע שכן הוא לא הייתי נודר ונמצא נדר נעקר מאליו : אין פותחין . אין צריך לפתוח לו בחרטה אלא החכם עוקר הנ"פ שאינו מונח לו טעם עקירה . ר"ג סבר כמאן דאמר פותחין לו לפיכך הולך יפוג כדעת לחבוב איזה פתח ימצא לו : כל הבוטה . הנודר נדר : ראוי לדקרו . דלמא לא מקיים ליה והיינו פתח דקאמר ליה אילו היית יודע שאסור לנדור וחייב מיתה אתה עליו כלום היית נודר וא"ל לאו לא : אלא לשון חכמים מרפא . שמתירין לו נדרו :

פתיתין אין מעבירין עליהן . אלא נוטלים אותם

---

זאגט די גמרא פיל זאכען האבען מיר געלערנט פון רבן גמליאל אין דיא צייט . מיר האבען געלערנט אז אקוואטירול איטאליעניש וויין מאכט שכור . אונ מיר האבען געלערנט אז אשכור טאר ניט פסקנן אדין . אונ מיר האבען געלערנט אז דיא וועג וועפט אוים דיא וויין פון מענטשין . אונ מיר האבין געלערנט מען טאר ניט מתיר זיין אנדר ניט ווען מען רייט . אונ ניט ווען מען גייט . אונ ניט ווען מען שטייט . נאר ווען מען זיצט :

תנאי . תנאים קריגען אין דעם דין . איינער זאגט דער חכם דארף פרעגין דעם מענטשין אויב ער וואלט וויסען אז אזוי וועט זיין . צו וואלט ער אנדר געטאהן . אדער ניין . אויב ער זאגט ניין איז ער איהם מתיר דעם נדר . אונ ווייל דער חכם מוז טראכטען וואס ער זאל איהם פרעגין . דריבער מוז מען זיצען ווען מען איז מתיר אנדר . אונ איינער זאגט דער חכם דארף ניט טראכטען וואס ער זאל אים פרעגין . נאר אפילו ער וויים ניט קיין טעם פאר וואס דער נדר זאל בטל זיין קען ער אויך מתיר זיין דעם נדר . דריבער דארף מען ניט זיצען ווען מען איז מתיר אנדר . אונ רבן גמליאל האלט וויא דער וואס זאגט אז דער חכם דארף איהם זאגין אטעם פאר וואס ער זאל חרטה האבין פון נדר . דריבער איז רבן גמליאל אראפ געגאנגען פון אייזיל אונ איז געזעסין ווען ער האט מתיר געווען דעם נדר . וואדום רבה בר בר חנה האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין וואס האט רבן גמליאל אן געהויבען צו זאגין צו דעם מענטש . דעם פסוק יש בוטה כמדקרות חרב ולשון חכמים מרפא . דער וואס רעט ארוים אנדר איז ווערט מען זאל איהם שטעכין מיט אשווערד . טאמער וועט ער ניט מקיים זיין דעם נדר . נאר דער צונג פון דיא חכמים קען היילין דעם נדר . זייא קענען איהם מתיר זיין דעם נדר . אונ ווען דוא וואלסט געוואוסט אז מען טאר ניט טאהן אנדר . אונ אז מען טוהט אנדר איז מען ווערט מען זאל איהם שטעכין . וואלסטו געטאהן דעם נדר . האט דער מענטש געזאגט ניין : האט רבן גמליאל אים מתיר געווען דעם נדר :

ז אמר . דער תנא האט געזאגט מען טאר ניט לאזען ליגען עסענווארג אויף דיא ערד אונ אוועק גיין . נאר מען מוז אויף הייבין . רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין דאס איז נאר געלערנט געווארען ביי דיא ערשטע דורות וואס דיא יודישע טעכטער האבען ניט געמאכט קיין כישוף . אבער ביי די לעצטע צייטין וואס די יודישע טעכטער מאכען כישוף . אז מען זעהט עסענווארג ליגען אויף די ערד דארף מען ניט אויף הייבין : טאמער האט מען געמאכט כישוף מיט די ברויט . מיר האבען געלערנט אז מען געפינט אגאנצען ברויט זאל מען ניט אויף הייבין : טאמער האט מען געמאכט כישוף מיט דעם ברויט . אבער אז מען

געפינט

ואפתיתין לא עבדן והכתיב (יחזקאל יג) ותחללנה אותי אל עמי בשעלי שעורים ובפתותי לחם התם דשקלו באגרייהו :

**א"ר** רב ששת משום רבי אלעזר בן עזריה (דף סה) יכולני לפטור את כל העולם כלו מן הדין מיום שחרב בית המקדש ועד עכשיו שנאמר (ישעיה נא) לכן שמעי נא זאת עניה ושכורת ולא מיין. מיתיבי שכור מקחו מקח וממכרו ממכר עבר עבירה שיש בה מיתה ממיתין אותו מלקות מלקין אותו כללו של דבר הרי הוא כפקח לכל דבר אלא שפטור מן התפלה. מאי יכולני לפטור דקאמר נמי מדין תפלה. א"ר חנינא לא שנו אלא שלא הגיע לשכרותו של לוט אבל הגיע לשכרותו של לוט פטור מכלום. ואמר רבי חנינא המפיק מגן בשעת גאוה סוגרין והותמין צרות בעדו שנאמר (איוב מא) גאוה אפיקי מגנים סגור חותם צר מאי משמע דהאי אפיק לישנא דעבורי הוא דכתיב (שם ו) אחי בגדו כמו נחל כאפיק נחלים יעבורו

דליכא למיתב לכשפים : ואפתיתין לא עבדן. כשפים : דשקלו באגרייהו. פתותי לחם לעשות כשפים מדברים אחרים וה"ק נביא כבני פתותי לחם שנותנים לכם בשכרכם הללתם את עמי בתוך עמי שהייתם עושות בהם כשפים לנביאי הכזב להטעות את עמי :

יכולני לפטור. לטעון על ישראל לפני הקדוש ב"ה דבר שיפטרו כולן מדינן לעתיד לבא ולומר בהם (שוגגים) [שכורים] והיו נתפסים על עונשם מדין תפלה. אם דנים אותם על שלא היו מתפללין בכוונה יכול אני לפוטרם : המפיק מגן. כמעביר בתפלה מגן אברהם אלוהי לומרה : בשעת גאוה. בשעת שכרות אין מתפלל: סוגרין והותמין צרות.

---

געפינט שטיקלאך ברויט זאל מען אויף הייבן. ווארום מיט שטיקלאך ברויט מאכען זיי ניט קיין כישוף. האט רב אשי געזאגט צו רב אשי מיט שטיקלאך ברויט מאכט מען דען ניט קיין כישוף. עס שטייט דאך אין פסוק גאט זאגט איהר האט מיך פאר שעמט ביי מיין פאלק מיט די מאסין גערשטין און מיט די שטיקלאך ברויט. זאגט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק איהר נעמט שטיקלאך ברויט אמתנה פאר די כישוף וואס איהר מאכט פון אנדערע זאכען :

**ר' אמר**. רב ששת האט געזאגט פון רבי אלעזר בן עזריה ווענין איך קען פריי מאכען די גאנצע וועלט פון דעם משפט פון גאט. פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארין ביז איצט. ווארום עס שטייט אין פסוק ישעיה הנביא האט געזאגט צו די יודען הער צו דוא ארעמע דו ביזט שכור ניט פון וויין נאר פון צרות. זאגט די גמרא איך וועל דיר איין קשיא פרעגין דער דין איז ווען איינער איז שכור וואס ער האט געקויפט איז געקויפט. און וואס ער האט פאר קויפט איז פאר קויפט, און ער קען ניט חרטה האבען. אויב ער האט גיטאהן אזוי איין עבירה וואס עס קומט אויף איהר מיתה. הרגעט מען איהם. און אויב ער האט גיטאהן אזוי איין עבירה וואס עס קומט אויף איהר מלקות. שלאגט מען איהם מלקות. דער כלל פון דר זאך איז ער האט דעם דין צו אלע זאכען אזוי וויא אלע מענטשין וואס זענען ניט שכור. נאר פון דאווענען איז אשכור פטור. ענפערט די גמרא וואס רבי אלעזר בן עזריה האט געזאגט איך קען פריי מאכען די גאנצע וועלט פון משפט פון גאט. האט ער געמיינט פון משפט פון תפלה. אויב מען וועט פרעגין פאר וואס זיי טראכטען אנדערע זאכען אין דאווענען. קענען זיי ענטפערין ווייל זיי זענען געוועזען שכור פון צרות. האבען זיי ניט געקענט אין זינען האבען דם דאווענען. רבי חנינא האט געזאגט ווען איז דאס געלערנט געווארען אז אשכור האט דעם דין וויא אלע מענטשין. נאר אז ער איז ניט שכור אזוי וויא לוט. אבער אז ער איז שכור אזוי וויא לוט. איז ער פטור פון אלע זאכען : נאך האט רבי חנינא געזאגט המפיק מגן בשעת גאוה דער וואס דאווינט ניט ווען ער איז שכור. פאר שליסט מען און מען פאר התמת די צרות זיי זאלען ניט קומען אויף איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאוה אפיקי מגנים אז ער דאווינט ניט ווען ער איז שכור סגור חותם צר. איז פאר שלאסין און פאר התמת די צרות זיי זאלען ניט קומען אויף איהם. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דער ווארט אפיק איז טייטש אוועק נעמען ואיז אפיקי מגנים דער טייטש ער נעמט אוועק די תפלה ודעם מגן אברהם) ווען ער איז שכור און זאגט איהר ניט. ווארום עס שטייט אין פסוק איוב האט געזאגט אחי בגדו כמו

נחל

**יעבורו** רי"א כל שאינו מפיק איתמר . מאי משמע דהאי מפיק לישנא דגלויי הוא דכתיב (ש"ב כב) ויראו אפיקי ים יגלו מוסדות תבל . סברי קראי משמע כמר ומשמע כמר במאי פליגי בדרב ששת דרב ששת מסר שינתיה לשמעיה מר אית ליה דרב ששת ומר לית ליה דרב ששת . אר"ח בר אשי אמר רב כל שאין דעתו מיושבת עליו אל יתפלל שנאמר בצר אל יורה . רבי חנינא ביומא דרתח לא מצלי אמר בצר אל יורה כתיב . מר עוקבא ביומא דשותא לא נפיק לדינא . אמר רב נחמן בר יצחק צריכה שמעתא צילותא כיומא דאסתנא . אמר אביי אי אמרה לי אם קריב כותחא לא תנאי. אמר (רבינא) [רבא] אי קרצתן כינה לא תנאי . מר בריה דרבינא עבדה ליה אמיה שבעה לבושי לשבעה יומי .
אמר

**פירוש**

שלא יגלו עליו : שאינו מפיק איתמר. דהאי מפיק לשון דגלויי הוא וה"ק כל שאינו מגלה שיחתו כשעת שכרות לומר שאינו מתפלל : אפיקי ים . גלויי הים דכתיב יגלו מוסדות תבל : מסר שינתיה לשמעיה . אמר לו כשיהי ישן מעט וכשיגיע זמן התפלה הקיצני . ר"ח דאמר לעבורי כמי לית ליה דרב ששת ואסור להתפלל עד שיעור מאליו : בצר אל יורה . בדקתי אחר מקרא זה ולאמו בכל הכתובים ומצאת בספר בן סירא כזה : יומא דשותא . רוח דרומית מנשבת בו נחוקו : צילותא . דעת צלולה : כיומא דאסתנא . שמנשבת בו רוח צפונית יום מאיר לכל ונוח מה לכל כדאמרינן ביבמות פ' הערל מפני מה לא נשבו ישראל במדבר מפני שלא נשבה להם רוח צפונית אבל ביומא דשותא אמרינן שהם לא מבלין ביה ולא מסוכרין ביה : קריב כותחא. אפילו לאוי עבודה קלה כזהו מבטלת אותי: לא תנאי . לא הייתי שונה כמו שאני היום :

---

גָבוֹהַ. מַיינֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען גִיפֶּעלְשְׁט אַזוֹי וִויא דֶער טַייךְ. כְּאַפִּיק נְחָלִים יַעֲבוֹרוּ. זַייא זָענֶען פוּן דִיר אַוֶועק נְגַאנגֶען אַזוֹי וִויא דֶער קְוַואל פוּן טַייךְ גֵייט אַמָאהל אַוֶועק פוּן אֵיין אָרְט אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט כָּל שֶׁאֵינוֹ מַפִּיק. דֶער וָוס דַאוִוינְט נִיט וֶוען עֶר אִיז שִׁכּוֹר פַאר שְׁלִיסְט מֶען אוּנ מֶען פַאר חַתְמֶת פַאר אִיהם דִי צָרוֹת זַייא זָאלֶען נִיט קוּמֶען אוֹיף אִיהם. זָאגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דֶער וָוארְט מַפִּיק אִיז טַייטְשׁ אוֹיף דֶעקִין וּמֵיינְט מֶען כָּל שֶׁאֵינוֹ מַפִּיק. דֶער וָואס דֶעקְט נִיט אוֹיף. עֶר וַוייזְט נִיט דִי תְּפִלָּה. עֶר דַאוִוינְט נִיט וֶוען עֶר אִיז שִׁכּוֹר. וֶועלִין פַאר אִיהם פַאר שְׁלָאסֶען וֶוערִין אַלֶע צָרוֹת. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיֵּרָאוּ אֲפִיקֵי יָם יִגָּלוּ מוֹסְדוֹת תֵּבֵל. עֶס אִיז גִיזֶעהן גִיוָוארֶען דִיא אוֹיפְדֶעקוּנְג פוּן יָם. אוּנ עֶס אִיז אוֹיף גִידֶעקְט גִיוָוארֶען דִי פוּנְדַאמֶענְטֶען פוּן דֶער וֶועלְט. פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא פוּן דִי פְּסוּקִים קֶען מֶען טַייטְשֶׁען דֶעם וָוארְט אַפִּיק וִויא רַבִּי חֲנִינָא זָאגְט אוּנ וִויא רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט. אִין וָואס קְרִיגְט רַבִּי חֲנִינָא מִיט רַבִּי יוֹחָנָן. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא זַייא קְרִיגֶען אוֹיבּ מֶען זָאל טָאהן וִוי רַב שֵׁשֶׁת. אָדֶער נַיין. וָוארוּם רַב שֵׁשֶׁת אַז עֶר הָאט גִיטְרוּנְקֶען ווַיין אוּנ הָט זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפֶען. הָט עֶר אִיבֶּר גֶעגֶעבִּין דֶעם שְׁלָאף צוּ זַיין בֶּעדִינֶער. אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט צוּם דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ מִיךְ אוֹיף וֶועקִין. רַבִּי יוֹחָנָן הַאלְט אַזוֹי וִויא רַב שֵׁשֶׁת. אַז עֶר אִיז נָאר אַבִּיסֶעל גִישְׁלָאפֶען זָאל מֶען אִיהם אוֹיף וֶועקִין אוּנ עֶר זָאל דַאוֶונֶען. אוּנ רַבִּי חֲנִינָא הַאלְט מֶען זָאל אִיהם נִיט אוֹיף וֶועקִין צוּם דַאוֶונֶען נָאר עֶר זָאל שְׁלָאפֶען בִּיז עֶר וֶועט אַלֵיין וַואכְּען פוּן שְׁלָאף. דֶער נָאךְ וֶועט עֶר דַאוֶונֶען. רַבִּי חִיָּיא בַּר אַשִׁי הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבּ וֶועגִין דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין קָאפּ אִיז נִיט רוּהִיג. עֶר הָאט צַעַר. זָאל עֶר נִיט דַאוֶונֶען. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּצַּר אַל יוֹרֶה. וֶוען עֶר הָט צַעַר זָאל עֶר נִיט פַּסְקְנֶען אַדִין תּוֹרָה. אוּנ דַאוֶונֶען אוֹיךְ נִיט. רַבִּי חֲנִינָא אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אִין כַּעַס. הָאט עֶר נִיט גִידַאוִוינְט. עֶר הָט גִיזָאגְט. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּצַּר אַל יוֹרֶה. וֶוען מְעַן הָט צַעַר זָאל מֶען נִיט פַּסְקֶנֶען אֵיין דִין. אוּנ נִיט דַאוֶונֶען. מַר עוּקְבָא אִין דֶעם טָאג וָואס הָט גִיבְּלָאזֶען אַשְׁטַארְקֶער דָרוֹם ווִינְט. אִיז עֶר נִיט גִיגַאנְגֶען צוּ פַּסְקְנֶען דִינִים. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זָאגְט וֶוען מֶען לֶערְנְט אֵיין דִין דַארְף זַיין דֶער פַארְשְׁטַאנְד פוּן מֶענְטְשׁ אַזוֹי גְרִינְג אוּנ קְלָאר. אַזוֹי וִוי גְרִינְג אוּנ קְלָאר עֶס אִיז דֶער טָאג וָואס אִין אִיהם בְּלָאזְט אצָפוֹן ווִינְט. אַבַּיֵי הָאט גִזָאגְט וֶוען מַיין מוּטֶער וָואלְט צוּא מִיר גִיזָאגְט אִין מִיטֶען לֶערְנֶען. דֶערְלַאנְג מִיר כּוּתָּח וָוס דָם אִיז אַגְרִינְגֶע אַרְבֶּעט פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וָואלְט אִיךְ שׁוֹין פַּרְמִישְׁט גִיוָוארֶען אַז אִיךְ וָואלְט שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט לֶערְנֶע, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גִילֶערְנְט. מַר דֶער זוּהן פוּן רַבִינָא הָט דִי מוּטֶער אִיהם גִימַאכְט זִיבֶּען קְלַיידֶער אוֹיף

אמר רב יהודה לא איברא ליליא אלא לשינתא אמר ריש לקיש לא איברא סיהרא אלא לגרסא אמרי ליה רבנן לרבי זירא מחדדן שמעתך אמר להו דיממי נינהו · אמרין ליה בנתיה דרב חסדא לרב חסדא לא בעי מר מינם פורתא אמר להו השתא אתו יומי דאריכי וקטיני ונינום טובא . אמר רב נחמן בר יצחק אנן פועלי דיממי אנן רב אחא בר יעקב יזיף ופרע :

ט אמר רבי אלעזר הבא מן הדרך אל יתפלל שלשה ימים שנאמר (עזרא ח) ואקבצם אל הנהר הבא אל אהוא ונחנה שם ימים שלשה ואבינה בעם . אבוה דשמואל כי הוה אתי מאורחא תלתא יומי לא הוה מצלי שמואל לא מצלי בביתא דאית ביה שכרא . רב פפא לא מצלי בביתא דאית ביה הרסנא . אמר ר' חנינא כל המתפתה ביינו יש בו מדעת קונו שנאמר (בראשית ח) וירח ה' את ריח הניחוח וגו' . אמר רב חייא (בר אשי א"ר) כל שדעתו מיושבת עליו ביינו יש בו מדעת של שבעים זקנים . יין ניתן בשבעים



אלא לשינתא . בלילי תקופת תמוז כ"כ בתוספתא) : אתו יומי . שבוא בקבר : דאריכי . לימן : וקטיני. לעסוק בתורה ובמצות : ונינום טובא . ומיטן הרבה : יזיף ופרע . היה לו עת קבוע לשנות קך וכך והיה רגיל לעסוק בתורה ומצות ביום ופעמים שהיה טרוד במזונותיו ביום ופורע קביעות שלו בלילה :

אל יתפלל (אדם) ג' ימים . שאין דעתו מיושבת עליו מפני טורח הדרך : ונהגה שם ימים ג'. והדר ואבינה בעם מכלל דעד השתא לא הואי בינה: דאית ביה שכרא. ריח השכר מבלבלתו : דאית ביה הרסנא, מאוס ריחא : המתפתה ביינו . המפייסין אותו על דבר ומתגלה כשהוא לבו ביין : ריח ניחוח . ואמריק לעיל דריחא דומיא דמשתיא הוא וכתיב ויאמר אל לבו לא אוסיף וגו' (דאיירי) : כמתיישב בייני . כשותה יין ואין דעתו מטורפת :

די זיבען טעג פון דער וואך . ער זאל אלע טאג אן טאהן איין אנדער קלייד : רב יהודה זאגט די קליינע נעכט פון זומער זענען בשאפען געווארען נאר צו שלאפען. (פון שבועות ביז תשעה באב מעג מען שלאפען אגאנצע נאכט). ריש לקיש זאגט די לבנה איז נאר בשאפען געווארען צו לערנען פאר איהר . די רבנן האבען געזאגט צו רבי זירא דיינע דינים זענען געלערנט געווארען מיט אשארפען שכל . האט רבי זירא געזאגט צו זיי די דינים זענען געלערנט געווארען ביי טאג . ווען מען איז ניט פרשלאפען . די טעכטער פון רב חסדא האבען געזאגט צו רב חסדא פאר וואס שלאפסטו ניט אביסעל . האט רב חסדא צו זיי געזאגט עס וועלין קומען טעג וואס וועלין זיין לאנג צו שלאפען און קיין צום לערנען . דאס מיינט מען ווען מען וועט ליגען אין קבר . וועט מען שוין פיל שלאפען . רב נחמן בר יצחק זאגט מיר זענען אזוי וויא טאג ארבעטער . צו ארבעטין גאנצע טעג צו לערנען תורה. רב אחא בר יעקב פלעגט בארגין און בצאהלין . רב אחא בר יעקב האט געהאט אאוים געזעצטע צייט ווי פיל שעה ער זאל לערנען ביי טאג . אז עס האט אמאהל געטראפען ער האט ניט געקענט לערנען ביי טאג האט ער בצאהלט די צייט ביי נאכט :

ט אמר . רבי אלעזר האט געזאגט דער וואס קומט פון וועג זאל ער ניט דאווענען דריי טעג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עזרא האט געזאגט איך האב פרזאמעלט די יודען צום טייך וואס ביי דעם ארט אהוא און מיר האבען דארט גערוהט דריי טעג . נאך דרייא טעג האב איך איצט געזעהן אז די יודען זענען געקומען צום פרשטאנד . אבער פר דריי טעג זענען זיי נאך געוועזען פרמישט פון וועג . דער פאטער פון שמואל אז ער פלעגט קומען פון וועג האט ער דריי טעג ניט געדאווענט . שמואל פלעגט ניט וועלין דאווענען אין די שטוב וואס דארט איז געשטאנען ביר. ווייל דער ריח פון ביר פלעגט איהם שכור מאכען . רב פפא פלעגט ניט וועלין דאווענען אין די שטוב וואס דארט איז געווען הרסנא . ווייל ער האט ניט געקענט פר טראגין דעם ריח פון דיא הרסנא . (הרסנא איז פעטס פון קליינע פישלאך מיט מעהל און וויין און בוימאייל). רבי חנינא זאגט דער מענטש וואס איז גוט צו מענטשין . אז ער האט וויין געטרונקען . און ווען מען בעט ביי איהם ווילינט ער איין צו גוטען . דער מענטש האט די דעה פון גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געשמעקט דעם גוטען ריח פון די קרבנות וואס נח האט מקריב געווען . האט גאט געזאגט איך וועל ניט מער ברייגען קיין מבול אויף דער וועלט . רבי חייא האט געזאגט דער מענטש וואס האט געטרונקען וויין און ער איז ביי זיין פרשטאנד . ער איז ניט פרמישט : דר

אותיות וסוד ניתן בשבעים אותיות נכנס יין יצא סוד. אמר רב חנן לא נברא יין בעולם הזה אלא לנחם אבלים ולשלם בו שכר לרשעים שנאמר (משלי לא) תנו שכר לאובד וגו'. אמר רבי חנינא בר פפא כל שאין יין נשפך בביתו כמים אינו בכלל ברכה שנאמר (שמות כג) וברך את לחמך ואת מימך מה לחם שנקח בכסף מעשר אף הנך מים דנקחים בכסף מעשר ומאי נינהו יין וקא קרי להו מים אי נשפך בביתו כמים איכא ברכה ואי לא לא אמר (רב חמא) [רבי אלעאי] בשלשה דברים אדם ניכר בכוסו ובכיסו ובכעסו ויש אומרים אף בשחקו:

(דף עג) **תנו** רבנן מי שיש לו חמש נשים מקבלות פרס מבעליהן וה' עבדים מקבלין פרס מרביהן רבי יהודה (בן בתירה) מתיר בנשים ואוסר בעבדים

ניתן בשבעים אותיות. כך חשבונו בגימ': יצא סוד. וזה הואיל ולא יצא כלומר שקול הוא כסנהדרין של ע': לשלם בו שכר. לפושעים שמוחים וממהרים ומקבלים עולמן בחייהם: לאובד. רשע: אינו בכלל ברכה. לא הגיע לסוף ברכה גמורה ואפילו הוא עשיר בדברים אחרים: שנקח בכסף מעשר. שמותר ללוקחו בכסף מעשר שני ירושלים הכל נקח בכסף מעשר חוץ מן המים ומן המלח בפ' בכל מערבין: אם נשפך בביתו כמים. הרי הוא בכלל ובירך ואם לאו לא: אדם ניכר. אם הגון הוא: בכוסו. אם דעתו מיושבת עליו ביינו: בכיסו. בנשאו ונותן עם בני אדם אם באמונה הוא עושה: בכעסו. שאינו קפדן יותר מדאי: מקבלות פרס. וכל אחת יש לה דירה לבדה עמו בחצר: ואוסר בעבדים. שאינן נמשכים

---

מענטש האט די דעה פון די זיבעציג סנהדרין. ווארום די אותיות יין בטרעפט זיבעציג. אונ די אותיות סוד בטרעפט אויך זיבעציג. אז אין דעם מענטש גייט אריין וויין. גייט פון איהם ארויס דער סוד. אונ אז פון דעם מענטש איז ניט ארויס גיגאנגען דער סוד. איז ער גלייך וויא דיא זיבעציג סנהדרין. רב חנן זאגט וויין איז אויף דער וועלט נאר בשאפען גיווארין צו טרייסטין אבלים. אונ צו בצאהלין שכר צו דיא רשעים פאר זייער ביסול מצות. זייא טרינקען וויין אונ פרייען זיך אויף די וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גיט אלטין וויין צו דעם פארלארענעם. צו דעם רשע וואס ער איז פאר לארין פון עולם הבא. רבי חנינא בר פפא זאגט דיא שטוב וואס אין איר ווערט ניט גיגאסין וויין וויא וואסער. אפילו דער בעל הבית איז אגרויסער עושר. פון דעסטוועגין איז די ברכה זיינע נאך ניט אין גאנצין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט בענטשין דיין ברויט אונ דיינע וואסער. אזוי וויא ברויט מיינט מען דאך אזעלכע ברויט וואס קען מען קויפין פאר מעשר שני געלט. אזוי וואסער מיינט מען אויך אזעלכע וואסער וואס מען מעג קויפין פאר מעשר שני געלט. דאס מיינט מען וויין. אונ דער פסוק רופט דאס וואסער. צו זאגין אונז אויב אין שטוב ווערט גיגאסען וויין אזוי וויא וואסער: דם הייסט וברך. דיא שטוב איז גיבענטשט. אבער אז אין שטוב ווערט ניט גיגאסין וויין וויא וואסער. הייסט ניט וברך. די שטוב איז נאך ניט גיבענטשט. רבי אלעאי זאגט מיט דריי זאכין דער קענט מען אמענטשין. ווען ער האט גיטרונקין פיל משקה אונ ער איז גיווארין שכור. זעהט מען דיא באטור זיינע וואס ער איז. אונ ווען ער האנדילט מיט מענטשין זעהט מען אויב ער איז אערליכער מאן אדער ניין. אונ ווען ער איז אין כעס זעהט מען אויך זיין נאטור וואס ער איז. ווייל ווען אמענטש איז שכור אדער אין כעס גייט דער שכל פון איהם אוועק. קען ער ניט בעהאלטין זיינע שלעכטע מדות אין זיך. דריבער קען מען ביי דער צייט פרובין זיין נאטור צו אלע זאכין וואס מען וויל. אונ אנדערע זאגין ווען אמענטש לאכט קען מען איהם אויך דער קענען אויב ער איז קלוג אדער אנאר:

**ת** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט. ווען איינער האט פינף ווייבער. אונ ער מיט דיא ווייבער וואוהנען אלע אין איין הויף. אונ יעדער ווייב האט אבאזונדערע וואוהנונג אין הויף. נאר דער מאן גיט זיי אלע עסין. אדער איינער האט פינף קנעכט. אונ ער מיט דיא קנעכט וואוהנען אלע אין איין הויף. אונ יעדער קנעכט האט אבאזונדער וואוהנונג אין הויף. נאר דער בעל הבית גיט זיי אלע עסין. רבי יהודה בן בתירה זאגט דער מאן מיט דיא ווייבער מעגין טראגין שבת אין הויף אן אעירובי חצרות. אבער דער בעל הבית מיט די קנעכט טארין

ניט

בעבדים רבי יהודה בן בבא מתיר בעבדים ואוסר בנשים אמר רב מאי טעמא דרבי יהודה בן בבא דכתיב (דניאל ב) ודניאל בתרע מלכא :

## חלון פרק שביעי

(דף עו) **א אמר** רבי יוחנן חלון עגול צריך שיהא בהיקפו כ"ד טפחים ושנים ומשהו מהם בתוך עשרה דכי מרבעת ליה איכא משהו בתוך עשרה מכדי כל שיש בהיקפו שלשה טפחים יש בו ברחבו טפח בתריסר סגיא (ע"ב) הני מילי בעיגולא אבל בריבועא בעינן טפי מכדי כמה מרובע יתר על העגול רביע בשיתסר סגיא הני מילי עגולא דנפיק מגו ריבועא אבל רבועא דנפיק מגו עגולא בעינן טפי מאי טעמא משום מורשא דקרנתא מכדי כל אמתא בריבועא אמתא יתרי חומשי באלכסונא בשיבסר נכי חומשא סגיא ר"י אמר כי דייני דקסרי ואמרי לה כי רבנן דקסרי דאמרי עיגולא מגו ריבועא ריבעא ריבועא מגו עיגולא פלגא :

(דף סט) **ב אמר** רבי חייא בר אבין אמר רב מערבין בפת עדשים (איני) והא ההיא דהואי בשני דמר שמואל ושדיוה לכלביה ולא אכלה ההיא דשאר מינין הוה דכתיב (יחזקאל ד) ואתה קח לך חטין

אחריו : בתרע מלכא . בכל מקום שבוא השוב בתרע מלכא :

צריך שיהא בהיקפו כ"ד . דבלאו הכי לא מצית למיקם בגויה הלון מרובע ד' על ד' כי הלון עגול בתחתיו אמצעיתו נמוך ומאמצעיתו לכאן ולכאן הוא מגביה והולך וצריך שיהו לזה ב' טפחים ומשהו אורך מהיקפו בתוך י' מאמצעו לכאן טפח ומאמצעו לכאן טפח ועוד משהו משום דכי מרבעינן ליה מדלינן ליה מיניה ב' טפחים מן ההיקף עגול שבין קרן לקרן לכל צד דשמיטא להו ומוקמינן ליה אריבועא ונמצא אותו משהו הנשאר בסוף עבר על פני רוחב החלון כדאמרינן לקמן ריבועא מגו עיגולא פלגא בעית לדלויי כלומר חצי מדה הנותרת מריבוע ריבה העיגול עליו והכי ההיקף המרובע ט"ז נמצא העיגול רבה עליו ח' הרי ב' טפחים לכל רוח : הני מילי בעיגולא . כדה רוחב דבר עגול הוי טפח ודה רוחב עיגול אין רחבו אלא באמצעו ואכן רוחב ד' כדה מרובע בעינן שרחב בדפנותיו כמדת אמצעו : בט"ז . היקף כגי ד' היקף לכל רוח דמרובע : ה"מ . דהכי בלעפויי ריבעא למיהוי שבה עשר : בעיגולא דנפיק מגו ריבועא . כגון הלון מרובע ד' על ד' היקפו שבה עשר אי מעגלת מגואי דאין רוחב ד' אלא כאמצעו אית ליה היקף י"ב וטפי עליה מרובע רביע אבל הכא דבעינא למיקם ריבועא ד' על ד' והיקפו ט"ז ד' לכל רוח בגו עיגולא לבד אתי דמדליה מעיגולא בעי היקפא טפי כדי למיקם בגויה מורשי דריבועא דהוי ד' בן ואלכסון: מכדי כל אמתא וכו' . וסגי ליה להאי עיגולא בפותיא דד' טפחים ואלכסון בעיגולא וכל דבר עיגולא סוב מדת אלכסונו כמדת אמצעו דהא אין לו זוית כמה בעי למיהוי פותיה ד' וח' חומשי דהוו להו ה' וג' חומשי וכי מקפת ליה לעיגולא דהאי עיגולא כמה הוי היקפא ט"ו פושכי ותבעה חומשי דהוו להו י"ז נכי חומשא: ריבועא מגו עיגולא פלגא : בעי למשקל מיניה פלגא דהאי עיגולא דפיס דסיינו הילכתא דמעיקרא דהוו להו ח' מכ"ד ופשו להו ט"ז דסבירא להו דכל אלכסונא הכי הוה : דשאר מינין הוה . מינים הרבה היו מעורבין בה דהכית ודאי לאו פת סית דכתיב גבי יחזקאל

---

ניט טראגין שבת אין הויף און אעירובי חצרות . רבי יהודה בן בבא זאגט פאר קערט דער בעל הבית מיט די קנעכט מעגין טראגן שבת אין הויף אן אעירובי חצרות . אבער דר מאן מיט דיא ווייבער טארין ניט טראגין שבת אין הויף אן אעירובי חצרות . רב זאגט וואס איז דער טעם פון רבי יהודה בן בבא . ווארום עס שטייט ודניאל בתרע מלכא . דניאל איז גיוועזן אין טויער פון מלך . וואו דניאל איז גיוועזן אפילו ביי זיך אין שטוב . איז אלץ גירופען גיווארין ער איז ביי דעם מלך . זעהן מיר אז א קנעכט אפילו ער וואוהנט ביא זיך אין שטוב . איז גלייך וויא ער וואלט גיוואוהנט ביא דעם בעל הבית אין שטוב . דארפין זיי ניט קיין עירובי חצרות [ועיין בגמרא] :

## פרק שביעי

**א** אמר . רבי חייא בר אבין האט גזאגט פון רבס וועגין מען מעג מאכין עירובי חצרות מיט ברויט פון לינדזין מעהל . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ווארום אין דיא צייט ווען מר שמואל האט גילעבט האט מען אמאהל גימאכט א ברויט פון לינדזין מעהל . האט קיין מענטש איהם ניט גיקענט עסין . אונ מען האט איהם גיגעבין צו א הונט . האט דער הונט איהם אויך ניט גיגעסין . איז דאך דאס גאר קיין ברויט ניט . פאר וואס מעג מען מאכין מיט איהם עירובי חצרות . ענטפערט דיא גמרא דער ברויט איז גיוועזן אוים געמישט פון פיל מינים . דריבער האט מען איהם ניט גיקענט עסין . אבער ברויט פון לינדזין מעהל אליין איז ברויט צום עסין . מעג מען מיט איהם מאכין עירובי חצרות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק

חטין ושעורים ופול ועדשים ודוחן וכוסמים וגו' רב פפא אמר ההיא צלויה בצואת אדם הואי דכתיב והיא בגללי צאת האדם תעגנה לעיניהם מאי ועוגת שעורים תאכלנה אמר רב (חמא) [חסדא] לשיעורים רב פפא אמר עריבתה כעריבת שעורים ולא כעריבת חיטין :

## כיצד משתתפין פרק שמיני

א ראיתי שני מאמרים אשר כפי הנראה יש סתירה ביניהם הא' בפרק זה שמשבח העשירים והם יושבים לפני אלהים ובפרק המביא מאמר אחד שאומר שהעשירים יורדי גיהנם וההבדל אמיתי ביניהם מבואר בפרושים כי העשירים עושי צדקה וחסד יושבים עולם לפני אלהים . אמנם העשירים שהם אכזרים ולא רחמנים הנה הנם מיורדי גיהנם וז"ל . (פ"ה ע"ב) בוניום בן בוניום אתא לקמיה דרבי אמר להו פנו מקום לבן מאה מנה אתא איניש אחרינא אמר להו פנו מקום לבן מאתים מנה . אמר לפניו רבי ישמעאל ברבי יוסי רבי אביו של זה יש לו אלף ספינות בים וכנגדן אלף עיירות ביבשה אמר ליה כשאתה מגיע אצל אביו אמור לו אל תשגרהו

יחזקאל ואתה קח לך חטין וגו' וכתיב לחם אנשים לא תאכל וגו' אלמא לאו לחם הוא : ועוגת שעורים תאכלנה אמר רב (חמא) [חסדא] . מאי שעורים אלו דוקא דהא בתר מיני עוגה הוו בה אלא : לשיעורים . תאכלנה במשקל דרך רעבון ולא לשובע : עריבתה כעריבת שעורים . מגונה ולא יפה כתקון עריבת חטים שמייפה תקון בעוגה עגולה ונאה :
בוניום בן בוניום . עשיר היה ומשאיל בתים שבחצרו לאחרים והזכירו זה בגמרא לענין עירוב שאם יש לב"ה מקום בדירה מי שהוא דר בבית התבן ונותן שם כליו להכניס אינו אוסר עליו כמו שכתוב במשנה כאותך בפירושא ולפי שעשיר זה היה משאיל בתים שבחצר לאחרים והיו לו כלים בכולם כי מתוך עשרו היו לו כלים הרבה ולענין זה הי' מועיל לאנשי החצר לכן כשהיה בא לפני רבי היה אומר : [פנו מקום לבן מאה מנה . כלומר מקום חשוב) : פנו מקום לבן מאתים מנה . כלומר מקום חשוב [יותר בין גדולים] (וכן לכל אחד) לפי כבוד עשרו : אביו של זה . בוניום : בכלים אלו . בבגדים הללו

---

נָאך הָט גֶזָאגְט צוּ יְחֶזְקֵאל דוּא זָאלְסְט נֶעמֶען ווייץ אוּנ גֶערְשְׁטִין אוּנ בָּאבּ אוּנ לִינְדְזִין אוּנ הִירְז אוּנ כּוּסְמִים . אוּנ זָאלְסְט זֵיי מָאלְין . אוּנ זָאלְסְט אַרַיין שִׁיטֶען אוּים גֶעמִישְׁטֶע מֶעהל אִין אֵיין כְּלִי . אוּנ זָאלְסְט מַאכֶין אַבְּרוֹיט . קֶעם בְּרוֹיט רוּפְט דֶער פָּסוּק דָם אִיז נִיט קֵיין מֶענְשְׁלִיכֶער בְּרוֹיט . ווייל עֶר אִיז אוּים גֶעמִישְׁט פוּן פִיל מִינִים ; אָבֶער פוּן אֵיין מִין מֶעהל אִיז יָא בְּרוֹיט צוּם עֶסִין . רַב פָּפָּא זָאגְט דֶער בְּרוֹיט פוּן יְחֶזְקֵאל אִיז גִיוֶוען גִיבַּאקִין אוֹיף מֶענְשְׁלִיכֶע צוֹאָה וְמֶען הָט גִיטְרִיקֶנְט צוֹאָה אוּנ גִיבְּרֶענְט . אוּנ בַּיי דֶעם פַייאֶר הָט מֶען גִיבַּאקְט דֶעם בְּרוֹיט . אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְהִיא בְּגֶלְלֵי צֵאת הָאָדָם תְּעֻגֶנָה לְעֵינֵיהֶם . דֶער בְּרוֹיט זָאל גִיבַּאקְט ווערִין פַאר זַייעֶרֶע אוֹיגִין [פוּן דִיא יוּדִין] אוֹיף דֶעם פַייאֶר פוּן מֶענְשְׁלִיכֶע צוֹאָה . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק וְעֻגַת שְׂעֹרִים תֹּאכְלֶנָּה . זָאלְסְט עֶסִין אַקוּכִין [אַבְּרוֹיט] פוּן גֶערְשְׁטִין . דֶער בְּרוֹיט אִיז דָאךְ נִיט גִיוֶוען פוּן גֶערְשְׁטִין אַלֵיין נָאר פוּן נָאךְ פִיל מִינִים . הָאט רַב חִסְדָא גִזָאגְט . זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען שְׂעֹרִים . גֶערְשְׁטִין . נָאר שִׁיעוּרִים . שְׁטִיקְלַאכְווַייז . עֶר זָאל גִיט עֶסִין מִיט אֵיין מָאהל צוּא זַאט . נָאר בִּיסְלַאכְווַייז . רַב פָּפָּא זָאגְט אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק דֶער בְּרוֹיט זָאל גִימַאכְט ווערִין אַזוֹי וויא מֶען מַאכְט אַגֶערְשְׁטִין בְּרוֹיט ; נִיט שֵׁיין גִימַאכְט אַזוֹי וויא מֶען מַאכְט אַווייצִין בְּרוֹיט :

## פרק שמיני

א בּוֹנְיוֹם דֶער זוּהן פוּן בּוֹנְיוֹם אִיז גִיקוּמֶען פַאר רַבִּי . הָאט רַבִּי גִזָאגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשִׁין מַאכְט אַאָרְט פַאר אַרַייבִּין מֶענְטְשִׁין פוּן הוּנְדֶערְט מָאהל הוּנְדֶערְט . דֶר נָאךְ אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ אַמֶענְטְשׁ הָאט רַבִּי גִזָאגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשִׁין מַאכְט אַאָרְט פַאר אַרַייבִּין מֶענְטְשִׁין פוּן צְווייא הוּנְדֶערְט מָאהל הוּנְדֶערְט ; הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסִי גִזָאגְט פַאר רַבִּי בּוֹנְיוֹם דֶער פָאטֶער פוּן בּוֹנְיוֹם הָאט טוֹיזֶענְד שִׁיפֶען אוֹיף דֶעם יַם . אוּנ טוֹיזֶענְד שְׁטֶעט אוֹיף דִיא עֶרְד . הָאסְטוּ זַיין זוּהן גִיגֶעבִּין ווייניגֶער כָּבוֹד וויא דוּא הָאסְט גִיגֶעבִּין דֶעם אַנְדֶערִין מֶענְטְשִׁין וָואס אִיז צוּא דִיר גִיקוּמֶען . אוּנ דוּא הָאסְט גִזָאגְט אוֹיף אִיהם עֶר הָאט נָאר הוּנְדֶערְט מָאהל הוּנְדֶערְט . הָט רַבִּי גִזָאגְט צוּ רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אַז דוּא וֶועסְט קוּמֶען צוּ זַיין פָאטֶער זָאלְסְטוּ אִיהם זָאגִין עֶר זָאל נִיט

שיקען

השגרהו לפני בכלים הללו. רבי מכבד עשירים ורבי עקיבא מכבד עשירים כדדריש (רבה) [רבא] בר מרי (תהלים סא) ישב עולם לפני אלהים חסד ואמת מן ינצרוהו איכתי ישב עולם לפני אלהים בזמן שחסד ואמת מן ינצרוהו . וז"ל המאמר שבמסכת יום טוב פרק חמביא אמר רבי נתן (בר אבא א"ר) עתירי בבל יורדי גיהנם הם כי הא דשבתי בריה דרבי מרינוס מקלע לבבל בעי מינייהו זוזי לעסקא ולא יהבו ליה . מזוני מיזן נמי לא זיינוהו . אמר הני מערב רב קאתו דכתיב (דברים יג) ונתן לך רחמים ורחמך והרבך (כאשר נשבע לאבותיך כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים וכל שאינו מרחם על הבריות אין מרחמים עליו מן השמים) כל המרחם על הבריות בידוע שהוא מזרעו של אברהם אבינו . וכל שאינו מרחם על הבריות בידוע שאינו מזרעו של אברהם אבינו . ואמר רבי נתן בר אבא אמר רב כל המצפה לשלחן חבירו עולם חשך בעדו שנאמר (איוב טו) נודד הוא ללחם איה ידע כי נכון בידו יום חשך רב חסדא אמר חייו אינם חיים :

כאינו נראה כאן עכ"ל כ"כ : אימתי ישב עולם לפני אלהים . בזמן שיש עשירים גומלים חסדים ומזמנין מזונות לעניים והם ינצרוהו : מן . לשון מזונות . ובס"א מצאתי לשון זה בזמן שיש עשירים גומלים חסד העולם מתיישב והואיל ויש להם כבוד לפני המקום אנו מכבדים אותם . פירשו הגאונים לולא חסד ואמת שהם עושים לא היה עשרם נאור ולפיכך ראוי לכבדם ע"כ : יורדי גיהנם . שאינן מרחמים לעשות צדקה : עסקא . לעשות סחורה להשתכר במחצית שכר : מזוני . שאל להם מזונות מיזן נמי לא זיינוהו : ונתן לך רחמים . שהרחם על הבריות : כאשר נשבע לאבותיך . מי שיש לו רחמים בא מזרעו של אברהם אבינו : בעדו . כנגדו כמו שכת בעדו כלומר חשך פרוש לפניו הכל עליו כחשך פרוש : נכון בידו . מזומן

---

שִׁיקְעְן זַיין זוּהן פַאר מִיר מִיט אַזֶעלכֶע פְּרָאסטֶע קְלֵיידֶער · פוּן דִיא קְלֵיידֶער זַיינֶע זֶעהט אוֹיס אַז עֶר אִיז גָאר נִיט אַזוֹי רַייךְ וִויא דוּא זָאגְסְט · רַבִּי פְּלֶעגְט גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ דִי רַייכֶע מֶענְטְשִׁין · רַבִּי עֲקִיבָא פְּלֶעגְט אוֹיךְ גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ דִיא רַייכֶע מֶענְטְשִׁין · אַזוֹי וִויא רָבָא בַּר מָרִי הָט גִידְרַשְׁת עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יֵשֵׁב עוֹלָם לִפְנֵי אֱלֹהִים חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרוּהוּ · וֶוען וֶועט עֶר זִיצֶען אֵייבִּיג פַאר גָאט אַז עֶס וֶועלִין זַיין רַייכֶע מֶענְטְשִׁין וָואס וֶועלִין טָאהן חֲסָדִים מִיט אֲרֵימִים רַייט אוּנ וֶועלִין זַייא גֶעבִּין עֶסִין · אוּנ דִיא חֲסָדִים וֶועלִין הִיטֶען דִיא עֲשִׁירִים זַייא זָאלִין גְלִיקְלַאךְ לֶעבִּין · אוּנ וַוייל דִי רַייכֶע מֶענְטְשִׁין טוּהֶען צְדָקָה אוּנ חֶסֶד דְרִיבֶּער דַארְף מֶען זַייא גֶעבִּין כָּבוֹד :

דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין דֶער מַסֶכֶת בֵּיצָה · רַבִּי נָתָן בַּר אַבָּא הָאט גִזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין דִיא רַייכֶע מֶענְטְשִׁין פוּן בָּבֶל וֶועלִין נִידֶערִין אִין גֵיהִנָּם , וַוייל זַייא גִיבֶּען נִיט קֵיין צְדָקָה · אַזוֹי וִויא עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפִין שַׁבְּתַי דֶער זוּהן פוּן רַבִּי מָרִינוּס אִיז גִיקוּמֶען אִין בָּבֶל · הָאט עֶר גִיבֶּעטִין בַּיי דִיא רַייכֶע מֶענְטְשִׁין זַייא זָאלֶען אִיהם גֶעבִּין גֶעלְט וֶועט עֶר הַאנְדְלֶען אוּנ וָואס עֶר וֶועט פַאר דִינֶען וֶועט עֶר זַייא גֶעבִּין הֶעלְפְט פַאר דִינְסְט · אוּנ פוּן דִיא אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט פַאר דִינְסְט וֶועט עֶר לֶעבִּין · הָאבֶּען זַייא אִיהם נִיט גִיוָואלְט גֶעבִּין קֵיין גֶעלְט · דֶער נָאךְ הָאט עֶר בַּיי זַיי גִיבֶּעטִין זַייא זָאלִין אִיהם גֶעבִּין עֶסִין ; הָאבֶּען זַייא אִיהם עֶסִין אוֹיךְ נִיט גִיוָואלְט גֶעבִּין · הָאט שַׁבְּתַי גְזָאגְט דִיא רַייכֶע לַייט פוּן בָּבֶל מוּזִין גֶעוִויס זַיין גִיבָּארֶען פוּן דִיא עֶרֶב רַב וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם · דְרִיבֶּער הָאבֶּען זַייא נִיט קֵיין רַחֲמָנוּת וָוארוּם בַּיי יוּדִין שְׁטֵייט אִין פָּסוּק משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גְזָאגְט גָאט וֶועט דִיר גֶעבִּין רַחֲמָנוּת (דוּא זָאלְסְט רַחֲמָנוּת הָאבִּין אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין) · וֶועט גָאט אוֹיף דִיר אוֹיךְ רַחֲמָנוּת הָאבִּין אוּנ עֶר וֶועט דִיךְ מֶעהְרִין . (אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גִישְׁוָוארִין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערִין · דֶער וָואס הָט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשִׁין הָאט מֶען אוֹיף אִיהם רַחֲמָנוּת פוּן הִימֶעל · אוּנ דֶער וָואס הָאט נִיט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשִׁין · הָט מֶען אוֹיף אִיהם נִיט רַחֲמָנוּת פוּן הִימֶעל) · דֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשִׁין · אִיז בֶּעוואוּסְט אַז עֶר אִיז גִיבָּארִין פוּן דִי קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ · אוּנ דֶער וָואס הָאט נִיט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשִׁין · אִיז בֶּעוואוּסְט אַז עֶר אִיז נִיט גִיבָּארִין פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ · נָאךְ הָאט רַבִּי נָתָן בַּר אַבָּא גְזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין דֶער וָואס הָאפְט צוּ זַיין חַבֵרְס טִישׁ · זַיין חַבֵר זָאל אִיהם גֶעבִּין עֶסִין · אִיז דִיא וֶועלְט פִינְסְטֶער פַאר אִיהם · אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז עֶר אִיז פַאר וָואגִילְט וֶוער גֵייט זוּכִין ווּאוּ מֶען נֶעמְט בְּרוֹיט · זָאל עֶר וִויסֶען אַז עֶס אִיז

אן

תנו רבנן שלשה חייהן אינם חיים ואלו הן המצפה לשלחן חברו ומי שאשתו מושלת עליו ומי שיסורין מושלים בגופו ויש אומרים אף מי שאין לו אלא חלוק אחד . ות"ק (אמאי לא חשיב לה) אפשר דמעיין ביה :

אלא : מי שאין לו אלא חלוק אחד. אין יכול לכנסו לכנים מגעליס אותו : דמעיין ביה . מפלה את כליו מן הכנים :

בת כושי . בת שאול כדכתיב על דברי כוש בן ימיני דהיינו שאול כדאמרינן בשלו מגלהין :

ולא מיחו בה . דהוי כהוספת על דברי תורה דפטורה נשים ממ"ע ש זמן גרמא . של יונה : בן אמתי :

כל משנאי אהבו מות . תורה אמרה להוי קרא

## כל גגות פרק תשיעי

(דף צא) א אמר רבי יהודה כ עש : בשעת הסכנה והיינו מעלין ספר תורה מחצר לגג ומגג לחצר ומחצר לקרפף לקרות בו אמרו לו אין שעת הסכנה ראיה :

## המוצא תפילין פרק עשירי

(דף צו) א תנא מיכל בת כושי היתה מנחת תפילין ולא מיחו בה חכמים ואשתו של יונה היתה עולה לרגל ולא מיחו בה חכמים מדלא מיחו בה חכמים אלמא קסבר מצות עשה שאין הזמן גרמא היא :

(דף צט) ב אמר ריש לקיש כיח בפני רבו חייב מיתה שנאמר (משלי ח) כל משנאי אהבו מות

---

אן געבייט פאר איהם אפינצטערער טאג . רב חסדא זאגט זיין לעבין איז ניט קיין לעבין :

תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערנט דריי ערליי מענטשין זענען דא וואס זייער לעבין איז ניט קיין לעבין . און דאס זענען זיי . דער וואס האפט צו זיין חברס טיש . און דער וואס זיין ווייב געוועלטיגט אויף איהם און דער וואס יסורים געוועלטיגען אויף איהם . אנדערע זאגין דער וואס האט נאר איין העמד איז אויך זיין לעבין ניט קיין לעבין . ווייל דיא כנים בייסין אים ; און דער ערשטער תנא זאגט ער קען דאך ארויס נעמען די כנים פון העמד ניא זאלן איהם ניט בייסין :

## פרק תשיעי

א אמר . רב יהודה זאגט עס האט אמאהל גיטראפין ווען עס איז געווען אסכנה . מען האט גוזר געווען מען זאל ניט לייענען אין דיא ספר תורה . האבין מיר גיבראכט אספר תורה אום שבת פון הויף אויף דעם דאך . און פון דאך אין איין אנדער הויף . און פון הויף אין אקרפף . מען זאל לייענען אין דיא ספר תורה . זעהן מיר דאך אז מען מעג טראגין אום שבת פון הויף אויף דעם דאך און פון דאך אין הויף (ועיין בגמרא) ; האבין דיא חכמים גזאגט צו רבי יהודה ווייל עס איז געווען אסכנה דריבער האט מען מתיר געווען · אבער וואו עס איז ניט קיין סכנה טאר מען ניט טראגין פון הויף אויף דעם דאך און ניט פון דאך אין הויף און ניט אין קרפף ; סיידין אלע צו זאמען האבין גימאכט עירובי חצרות (ועיין בגמרא) .

## פרק עשירי

א תנא . מיר האבין גילערנט מיכל דיא טאכטער פון כושי (פון שאול המלך) האט גילייגט תפילין . און די חכמים האבין איר ניט גישטערט . דיא ווייב פון יונה הנביא פלעגט גיין אויף יום טוב אין ירושלים . און דיא חכמים האבין איר ניט גישטערט . און ווייל דיא חכמים האבין איר ניט גישטערט ; געווים האלטין זיי אז תפילין איז אמצוה וואס האט ניט קיין אויס געזעצטע צייט . נאר שבת און יום טוב מעג מען אויך לייגין תפילין (ועיין בגמרא) :

ב אמר . ריש לקיש זאגט אז אתלמיד האט געהוסט פאר זיין רבי ; קומט איהם מיתה . ווארום עס שטייט אין פסוק די תורה זאגט כל משנאי אהבו מות . זאלסט ניט לייענען משנאי

כות אל תקרי משנאי אלא משניאי והא מינים אגים
כיח ורק קאמר:

(דף ק ע"ב) **ג' אמר** רמי בר אבא א"ר אסי אסור לאדם שיהלך על גבי עשבים בשבת משום שנאמר (משלי יט) ואץ ברגלים חוטא תני חדא מותר לילך על גבי עשבים בשבת ותניא אידך אסור ל"ק הא בלחים הא ביבשים ואבע"א הא והא בלחים כאן בימות החמה וכאן בימות הגשמים ואבע"א הא והא בימות החמה ולא קשיא הא דסיים מסאניה הא דלא סיים מסאניה ואבע"א הא והא דסיים מסאניה ולא קשיא הא דאית ליה עוקצי הא דלית ליה עוקצי ואי בעית אימא הא והא דאית ליה עוקצי ולא קשיא הא דאית ליה שרכא
והא

בפסוק ה' קנני: אלא משניאי. למשניאי דברי החכמים: וה"א מינים אגים. שעל ידיהו בא על ידי תולי לו הלכה: כיח ורק קאמר. ברוק הוא כפי רעו וכיב לו לנסהלך מפס הו להגליעו בכבודו:
ואץ ברגלים חוטא. אלמא הליך נמי חטא קרי ליה וזהכא נמי היכא חטא שהולך עשבים: לחים. אסור דהוי תולש: יבשים. כתלושים דמו: סיים מסאני. בגדי: לא כיים מסאני. אסור שעשבים נדבקין בקשרי אצבעותיו ונתלשין: עוקצי. אספיי"ל כפוג מתחתיו והעשבים נדבקים בה ונתלשין: שרכא. פתילה ארוכה שהעשב ארוך אסור: בימות החמה.

---

משנאי. וואס האבען מיך פיינט. נאר זאלסט לייענען משניאי. זייא מאכען מען זאל מיך פיינט האבען. ווייל דער וואס לערנט תורה און האט ניט קיין דרך ארץ. מאכט ער מען זאל פיינט האבען דיא תורה. מען זאגט דער וואס לערנט תורה האט ניט קיין דרך ארץ: פרעגט דיא גמרא פאר וואס קומט איהם מיתה דיא נאטור זיינע גייט דאך איהם ער זאל הוסטין. ווייל ער איז קראנק אדער ווייל ער איז פאר קילט. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט אז ער הוסט און שפייט אויס פאר זיין רבי. קומט איהם מיתה. ווארום שפייען האט ער דאך גיקענט גיין אן אזייט:

**ג' אמר.** רמי בר אבא האט געזאגט פון רבי אסי וועגין אמענטש טאר ניט גיין אויף גראז אום שבת. ווייל עס שטייט אין פסוק ואץ ברגלים חוטא. דער וואס איילט צו גיין מיט דיא פיס זינדיגט ער. און אז ער גייט אויף גראז אום שבת זינדיגט ער אויך. ווארום עס קען ניט זיין ער זאל ניט אויס רייסען אביסול גראז אום שבת מיט דיא פיס גייענדיג. דיא גמרא פרעגט אין איין ברייתא האבען מיר געלערנט מען מעג גיין אויף גראז אום שבת. און אין איין אנדער ברייתא האבען מיר געלערנט מען טאר ניט גיין אויף גראז אום שבת. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אויף פייכטע גראז טאר מען ניט גיין אום שבת. אויף טרוקענע גראז מעג מען גיין אום שבת. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען איין אנדער תירוץ. ביידע ברייתות שמועסין ביי פייכטע גראז. נאר זומער טאר מען ניט גיין אויף גראז אום שבת: און ווינטער מעג מען גיין אויף גראז אום שבת. דיא ברייתא וואס שטייט מען טאר ניט שמועסט פון זומער. און דיא ברייתא וואס שטייט מען מעג שמועסט פון ווינטער. און אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגען איין אנדער תירוץ. ביידע ברייתות שמועסין פון זומער. נאר אז מען גייט אין שיך (אדער שטיוועל) מעג מען גיין אויף גראז אום שבת. און אז מען גייט בארוועס טאר מען ניט גיין אויף גראז אום שבת. ווייל דיא גראז קומען אריין צווישען דיא פינגער און ווערין אפ געריסען. די ברייתא וואס שטייט מען טאר ניט שמועסט בארוועס. און דיא ברייתא וואס שטייט מען מעג שמועסט אין שיך אדער אין שטיוועל. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען איין אנדער תירוץ. ביידע ברייתות שמועסין אז ער גייט אין שיך אדער אין שטיוועל. נאר אז די שיך אדער די שטיוועל זענען מיט טאפעלע פאדעשוועס. טאר מען ניט גיין אויף גראז אום שבת. ווייל דיא גראז גייען אריין צווישען דיא פאדעשוועס און ווערין אפ געריסען. און אז די שיך אדער דיא שטיוועל זענען נאר מיט איין פאדעשווע. מעג מען גיין אויף גראז אום שבת. דיא ברייתא וואס שטייט מען טאר ניט שמועסט פון צוויי פאדעשוועס. און דיא ברייתא וואס שטייט מען מעג שמועסט פון איין פאדעשווע. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען איין אנדער תירוץ. ביידע ברייתות שמועסין פון טאפעלע
פאדעשוועס

והא דלית ליה שיכא והאידנא דקיימא לן כרבי שמעון כולהו שרי ואמר (רב אשי) [רמי בר חמא א"ר אסי] אסור לאדם שיכוף אשתו לדבר מצוה שנאמר ואץ ברגלים חוטא. ואריב"ל כל הכופה אשתו לדבר מצוה הויין ליה בנים שאינן מהוגנים אמר רב איקא בר חיננא מאי קראה (משלי יט) גם בלא דעת נפש לא טוב :

ד אמר רב יצחק בר אבדימי עשר קללות נתקללה חוה שנאמר (בראשית ג) הרבה ארבה אלו שתי טפי דמים אחד דם נדה ואחד דם בתולים עצבונך זה צער גידול בנים והרונך זה צער העבור בעצב תלדי בנים כמשמעו. ואל אישך תשוקתך מלמד שהאשה משתוקקת על בעלה בשעה שיוצא לדרך (גם ביבמות פ' הבא על יבמתו) . והוא ימשל בך מלמד שהאשה תובעת בלב והאיש תובע בפה זו היא מדה יפה שבנשים הני שבע הויין כי אתא רב דימי אמר עטופה כאבל וחבושה בבית האסורין ומנודה מכל אדם מאי מנודה

אית ליה כגמגלגלין ומניחין : כרבי שמעון . דאמר דבר שאין מתכוון מותר : לדבר מצוה . תשמיש : ברגלים . לשון הגמרא דקרינן בין רגליה כדרך של כבוד : גם בלא דעת . רישא דקרא קרא ואץ ברגלים חוטא : נפש לא טוב . לא טובים הבנים כשעושים בלא דעת שהאשה בוושה מבעלה ואץ ברגלים : צער העבור . שהם שוכרות חולות בו : כמשמעו . צער גידול : משתוקקת. מתאוה לתשמיש : והוא ימשל בך . שאינה יכולה לומר (בפה) [ולתובעו] אלא בלב : והאשה תובעת בלב . ובושה לתובעו בפה : עטופה כאבל . דבושה לצאת ברגלים פרוע : ומנודה מכל אדם . לקמן מפרש שאסורה לכל אדם חוץ מבעלה והאיש מותר בשתים כמה : וחבושה בבית האסורין . כל כבודה בת מלך פנימה : כלילית . שד : כשהמשום [illegible] מקנת כבהמה כורעת והנך

---

פארשוויעם. אויף לאנגע גראז טאר מען ניט גיין מיט טאפעליע פארשוויעס אום שבת. און אויף קורצע גראז מעג מען גיין אפילו מיט טאפעליע פארשוויעס אום שבת. די ברייתא וואס שטייט מען טאר ניט שמועסט פון לאנגע גראז. און די ברייתא וואס שטייט מען מעג שמועסט פון קורצע גראז. זאגט די גמרא און איצט אז מיר פסקנ'ן אזוי ווי רבי שמעון. וואס ער זאגט אז מען מיינט ניט צו טאהן דעם איסור. נאר דער איסור ווערט אליין געטאהן. מעג מען גיין אום שבת אויף אלע גראז. לאנגע און קורצע. זומער און ווינטער. מיט שטיוועל און אן שטיוועל. ווארום ער מיינט דאך ניט אויס צו רייסען די גראז. און עס קען זיין די גראז זאל נאר ניט אפ געריסען ווערין. נאך האט רמי בר חמא געזאגט פון רבי אסים וועגין א מענטש טאר ניט נייטין זיין ווייב צו תשמיש המטה. ווארום עס שטייט אין פסוק ואץ ברגלים חוטא. דער וואס איילט מיט די פיס צו תשמיש המטה אפילו זיין ווייב וויל ניט זינדיגט ער. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס נייט זיין ווייב צו תשמיש המטה. וועט ער האבען שלעכטע קינדער. רבי איקא בר חיננא זאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס. שלמה המלך האט געזאגט גם בלא דעת נפש לא טוב. אז ער איז משמש המטה מיט זיין ווייב אן איר ווילען. וועלין געבארין ווערין פון זיי נפשות ניט גוטע :

ד אמר. רב יצחק בר אבדימי זאגט מיט צעהן קללות איז חוה געפלוכט געווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. הרבה ארבה. מערין וועל איך מערין. דאס מיינט מען די צוויי טראפען בלוט וואס גייט פון א אשה. די בלוט פון נדות: און די בלוט פון בתולים; עצבונך. דיין טרויער. דאס מיינט מען דעם צער וואס די אשה האט אויף צו אויפציהען אירע קינדער. והרונך. דיין טראגען. דאס מיינט מען דעם צער וואס די אשה האט ווען זי טראגט. בעצב תלדי בנים. מיט שמערצין וועסטו האבען קינדער. ואל אישך תשוקתך. צו דיין מאן וועסטו גלוסטען. דער פסוק דער ציילט אונז אז א אשה גלוסט צו איר מאן ווען ער פארט אין וועג. והוא ימשל בך. דיין מאן וועט געוועלטיגען אויף דיר. דער פסוק ד ער ציילט אונז די אשה מאנט דעם מאן צו תשמיש המטה אין הארצין. זיא גלוסט צוא איהם און רעט ניט ארויס מיט דעם מויל. און דער מאן מאנט איר צו תשמיש המטה מיט דעם מויל. דס איז א שיינע מדה ביי די ווייבער. פרעגט די גמרא איז דאך נאר זיבען קללות. ענטפערט די גמרא רב דימי זאגט נאך דריי קללות. זיא גייט צו גידעקט דעם קאפ אזוי ווי א אבל. זיא זיצט שטענדיג אין שטוב אזוי ווי אין געפענקנים. און זיא איז פאר וואגלט פון אלע

מענטשין

סנודה מכל אדם אי ניכא דאסורה ליחודי בהדי גברא דלאו דידה איהו נמי אסור ליחודי בהדי אתתא דלאו דידיה אלא דאסירא לבי תרי במתניתא תנא מגדלת שער כלילית ויושבת ומשתנת מים כבהמה ונעשית כר לבעלה ואידך הני שבח הוא לה:

ה אמר רבי חייא מאי דכתיב (איוב לה) מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו

מלפנו מבהמות ארץ זו פרדה שכורעת ומשתנת מים. ומעוף השמים יחכמנו זה תרנגול שמפייס ואח"כ בועל. אמר רבי יוחנן אילמלי לא ניתנה תורה לישראל למדנו צניעות מחתול וגזל מנמלה ועריות מיונה ודרך ארץ מתרנגול שמפייס ואחר כך בועל מאי אמר לה אמר רב יהודה אמר רב הכי קאמר לה זבינגא ליך זיגא דמטו ליך עד (ארעא) [כרעיך] לבתר הכי אמר לה לישמטתיה לכרבלתיה דההוא תרנגולא אי אית ליה ולא זבינגא ליך:

(תהלים קמ) ו אמר ליה ההוא מינא לרבי יהושע בן חנניא חדקאה דכתיב בכו (מיכה ז) טובם

פרדה לעשות כן: כר לבעלה. שהיא לא נמצא בבהמה חכמים: שבח הוא לה. יושבת ומשתנת כאשה הוא ואינה חסרה בדבר כלום ונעשית כר לבעלה אין לה צורת רגל כך צרתו מרובה משלו: מלפנו. מלמדנו: מבהמות ארץ. מהן למד חכמה לבורות את דרך ארץ: שמפיים. מפייס ומבטיחה ופורש כנפיו לארץ והוא פיום כדאמרינן לקמן שאומר לה לקנות לה מלבוש שהוא מגיע לארץ: צניעות מחתול. שאינו מטיל רעי בפני אדם ועוד שמכסה צואתו: גזל מנמלה. שאומר הכין בקיץ להמה ואין חברתה גוזלת את הברהה: ועריות מיונה. שאינו נזקק אלא לבת זוגו: זיגא. מלבוש שקורין קוט"ה: כבתר הכי. לאחר בעילה שמנענע וכופף ראשו לארץ: אית ליה. במה ליקח: חדקאה. מגל כקוץ: טובם כחדק. טובים שבהם

---

מענטשין. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען זיא איז פאר וואגילט פון אלע מענטשין. זאלען מיר זאגען ווייל זיא טאר ניט זיין אליין אין אשטוב מיט אמאן וואס איז ניט איר מאן. דער מאן טאר דאך אויך ניט זיין אליין אין אשטוב מיט א נקבה וואס איז ניט זיין ווייב. נאר ווייל א ווייב טאר ניט נעמען צוויי מאנען. אונ אמאן מעג נעמען צוויי ווייבער:

ה רבי חייא זאגט וואס מיינט דער פסוק מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו. ער לערנט אונז פון דיא בהמות וואס אויף דיא ערד. אונ ער קלוגט אונז פון דיא פייגיל וואס פליהען אונטער דעם הימעל. ער לערנט אונז דרך ארץ פון דיא בהמות וואס אויף די ערד. דאס מיינט מען אפרדה. ווען זיא דארף משתין זיין. קניט זיא אונ איז משתין אזוי אזוי אאשה דארף אויך איינבייגין די קניה אונ משתין זיין זיצענדיג (אזוי וויא פריער שטייט). אונ ער קלוגט אונז פון דיא עופות. דאס מיינט מען דער האן. אזוי וויא דער האן בעט פריער איבער דיא הון. דער נאך איז ער איר בועל. אמענטש דארף אויך אזוי טאהן. פריער זאל ער איבער בעטען דיא ווייב זיינע. דער נאך זאל ער איר בועל זיין. רבי יוחנן זאגט ווען די תורה וואלט ניט גיגעבען גיווארין צו דיא יודען. וואלטין מיר גיקענט לערנען פון אקאץ אז אמענטש דארף זיין בעהאלטין מיט זיינע זאכען. ווארום אז אקאץ וויל זיך ריינוגען גייט זיא אין אבעהאלטענעם ארט. קיינער זאל ניט זעהן. דער נאך פאר דעקט זיא איהרע צואה. אונ פון אמילב וואלטין מיר גיקענט לערנען אז מען דארף ניט גזלנן. ווארום יעדער מילב גרייט אן עסין פון זומער אויף ווינטער. אונ איינער גזלת ניט ביי דעם אנדערין. אונ פון אטויב וואלטין מיר גיקענט לערנען מען זאל ניט מזנה זיין. דיא טויבין זענען אויך ניט מזנה. ווארום אטויב אזוי וויא ער האט איין מאהל גינומען זיין נקבה. בהעפט ער זיך ניט מיט קיין אנדערע נאר מיט איר. אונ פון אהאן וואלטין מיר גיקענט לערנען וויא אזוי אמענטש זאל וואוהנען מיט זיין ווייב. ווארום דער האן פריער בעט ער איבער דיא הון. דער נאך איז ער איר בועל. וואס זאגט דער האן צו דיא הון. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין. ער זאגט צו איר איך וועל דיר קויפען אקלייד אלאנגע ביז צו דיינע פים. דער נאך אז זיא מאנט ביי איהם די קלייד זאגט ער צו איר. זאל אויס גערוסען ווערין דער קם פון דעם האן ופון מירו אז יב איך האב פר וואס צו קויפין אונ וויל דיר ניט קויפין:

ו אמר: אאפיקורוס האט גזאגט צוא רבי יהושע בן חנניה. איר זענט גענליכען צוא

פירוש

שפיל לסיפיה דקרא שבסוף ענין לכוסו של מקרא כלומר לסופו תראה שבשבח הוא כתוב: ישר ממסוכה. טובים שבנו מגינים עלינו כמסוכה: מהדקין. מהדקין כמו ובחקת ממסך סדק: קומי ודושי. סופיה דקרא והדקות עמים רבים:

שהקרו עליה דברים. כשעלו בן הגולה ונכרו לה כדלקמן ונמנו והתירוה ובטלו תקנה שבנוס ממלה למלחות ממנה גנגגל ולא כתירו אלא זוהם לבדה: שהקרו. לשון קריאה ע"י מקרא שבסביבו בה יחוס לדבריהם שיש בהם כח לעקור שבות מפני דוחקא: מאי זו בלבד. היאך יקראו לבאר בורות כבאר הקר הכי לא הקרו לו דברים אלא על זו ומדקתני בור הקר פשיטא דהוא לתודיה דקא שריב אלא הרגב"ע. ע"י שמים חיים היה קרי ליה בור הקר לשון מקור כמו: כהקיר בור מימיה. כמו מעין מקור מימיה כנובע ומתחדש והולך ומוסיף

טובם כחדק אמר ליה שטיא שפיל לסיפיה דקרא ישר ממסוכה ואלא מאי טובם כחדק מה חדקים הללו מגינין על הפרצה כך טובים שבנו מגינים עלינו. דבר אחר טובם כחדק טובים שבישראל. שנאמר (מיכה ז) קומי ודושי בת ציון כי קרנך אשים ברזל ופרסותיך אשים נחושה והדקות עמים רבים:

(דף קד ע"ב) ז ומבאר הקר. מאי באר הקר אבוי שמואל בור שהקרו עליה דברים והתירוה מיתיבי לא כל הבורות הקורות התירו אלא זו בלבד ואי אמרת שהקרו עליה דברים והתירוה מאי זו בלבד אלא אמר רב נחמן בר יצחק באר מים היים שנאמר (ירמיה ו) כהקיר ביר מימיה כן הקרה וגו'. גופא לא כל הבורות הקרות התירו אלא זו בלבד כשעלו בני

---

דערנער. ווארום אין פסוק שטייט אויף איך די בעסטע זענען וויא דערנער. האט רבי יהושע געזאגט צום אפיקורוס דוא נאר זעה דעם סוף פון דעם פסוק. אין סוף פסוק שטייט ישר ממסוכה. דיא גוטע אונ פרומע מענטשן בשיצין אויף אונז עס זאל אויף אונז ניט קומען קיין שלעכץ. אזוי וויא א סוכה פאר שטעלט דיא היץ זאל ניט צו קומען. נאר וואס דען מיינט דער פסוק דיא גוטע זענען אזוי וויא דערנער. אזוי וויא דערנער פאר שטעלין ביי א אוים גיבראכענע וואנט קיינער זאל ניט אריין גיין אין דעם הויף. אזוי זייא גוטע מענטשן וואס צווישען אונז פאר שטעלין אויף אונז. דיא שלעכטס זאל אויף אונז ניט קומען. אדער אזוי מיינט מען טובם כחדק. דיא בעסטע פון דיא יודין וועלין צוא שטויסין דיא געצין דינער צום גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קומי ודושי בת ציון. ציון שטיי אויף אונ טרעט. כי קרנך אשים ברזל. ווארום דיינע הערנער וועל איך מאכין פון אייזן. ופרסותיך אשים נחושה. אונ דיינע קלאהען וועל איך מאכין פון קופער.

ז ומבאר הקר. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען באר הקר. האט שמואל געזאגט דס איז דער ברונען וואס מען האט גירופען אויף איהם פיל רייד אונ מען האט איהם מתיר גיוועזן. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר א קשיא פרעגין מיר האבען גילערנט ניט אלע בורות הקרות האט מען מתיר גיוועזן. נאר דעם בור הקר אליין האט מען מתיר גיוועזן. אז איך וועל זאגין פאר וואס רופט מען איהם בור הקר. וייל מען האט אויף איהם גירופען פיל רייד ביז מען האט איהם מתיר גיוועזן. האט דאך נאר דער ברונען גיהייסן בור הקר. אבער אלע אנדערע ברונענס קענען דאך ניט הייסן בור הקר. ווארום אויף זייא האט מען דאך ניט גירופען קיין רייד מתיר צו זיין. וויא אזוי זאגט דיא גמרא נאר דעם בור הקר אליין האט מען מתיר גיוועזן אבער אנדערע בורות הקרות האט מען ניט מתיר גיוועזן. אז דיא אנדערע בורות ווערין גאר ניט גירופען בורות הקרות. אונ אויף זייא האט מען גאר ניט גירופען קיין רייד מתיר צו זיין. איז דאך געוויס אז נאר דער בור איז מותר אבער אלע אנדערע בורות זענען אסור. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט א ברונען וואס אין איהם איז דא א קוואל. אונ דיא וואסער וואס אין ברונען איז פון דעם קוואל. דער ברונען הייסט בור הקר. הקר איז טייטש א קוואל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כהקיר ביר מימיה כן הקרה וגו'. אזוי וויא עס קוועלט אין ברונען דיא וואסער. אלע מנוט קומט אריין אין ברונען פרישע אונ נייע וואסער. אזוי קוועלט ביי זיי אלע מנוט נייע שלעכץ. זאגט דיא גמרא אין דיא ברייתא שטייט ניט אלע

בני הגולה חנו עליה נביאים שביניהם והתירו להם ולא הם התירו אלא כנהג אבותיהם בידיהם :

(דף קה) **ת** תני רב כהנא מתוך שנאמר (ויקרא כא) אך אל הפרכת לא יבא יכול לא יהו כהנים בעלי מומין נכנסים בין האולם והמזבח לעשות רקועי פחים ת״ל אך חלק מצוה בתמימים אין שם תמימים נכנסין בעלי מומין מצוה בטהורים אין שם טהורים נכנסים טמאים אידי ואידע כהנים אין ישראל לא. איבעיא להו טמא ובעל מום איזה מהם נכנס רב חייא בר אשי א״ר טמא נכנס דהא אישתרי בעבודת צבור . ר׳ אלעזר אמר בעל מום נכנס דהא אישתרי באבילת קדשים :

אמר

סמיך כך נקרא רפאים : ב״ר . כמו גלל : נביאים שביניהם . חגי זכריה ומלאכי : מנהג אבותיהם . בלוחו ספר :

אך אל הפרוכת וגו׳ . בבעלי מומים כתיב : רקועי . טסין של זהב שמכסים בהן בית קדשי הקדשים מתוכו : אך חלק . כל אכין ורקין מעוטין הן כל אהין וגמין רבויין : חלק . משום דלמלאכה שרי לעיולי : טמא ובעל מום . והיא אלא באחת מהן איזה מהן מכניסין : דהא אישתרי בעבודת צבור . דכתיב במועדו ואפילו בטומאה : אבל בעל מום לא כותר דתניא בתורת כהנים מום בו את לחם אלהיו לא יגש להקריב אין לי אלא תמידין שהן קבועין לה׳ כמו שאמר את קרבני לחמי לאשי שאר קרבנות צבור מנין ת״ל שוב לחם קרא אחרינא כתיב בתריה לחם אלהיו מקדשי הקדשים וסמיך ליה אקרא קמא דמשמע הכי לא יגש להקריב לחם אלהיו : דהא אישתרי באכילת קדשים . מכאי קרא לחם אלהיו מקדשי הקדשים ומן הקדשים יאכל :

---

אלע ברונענס מיט קאלטע וואסער האט מען מתיר געווען . נאר דעם איינעם אליין האט מען מתיר געווען . ווער האט איהם מתיר געווען . זאגט דיא גמרא ווען דיא יודען זענען אויף געגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל . האבען דיא נביאים גירוהט ביי דעם ברונען . אונ האבען איהם מתיר געווען מען זאל טרינקן פון איהם שעפן וואסער אום שבת . אונ ניט דיא נביאים האבען איהם מתיר געווען . נאר זייערע עלטערין האבען איהם שוין לאנג מתיר געווען ווייל דער ברונען איז געווען אויף מיטען וועג אונ קיין אנדערע וואסער איז ניט געווען צו בעקומען . הט מען גימוזט מתיר זיין דעם ברונען מען זאל פון איהם שעפן וואסער אום שבת [ועיין בגמרא] :

**ת** תני . רב כהנא האט גילערנט ווייל אין פסוק שטייט אך אל הפרכת לא יבא . אז אכהן וואס האט אפעלער זאל ניט קומען צום פרוכת . וואלט איך וועלין מיינען אז די כהנים וואס האבין פעלערס טארין ניט אריין גיין צווישען אולם אונ מזבח צו מאכין דיא גאלדענע בלעכין וואס מען דארף בשלאגין אויף די ווענט פון קדשי קדשים . שטייט אין פסוק דער ווארט אך : מיינט דאס דעם דין . אז צו דער ארבעט מעגן דיא כהנים וואס האבין פעלערס אריין צו גיין צווישען אולם אונ מזבח . די מצוה איז עס זאלין אריין גיין כהנים וואס האבין ניט קיין פעלערס . אז עס איז אבער ניטא כהנים אן פעלערס וואס זאלען קענען די ארבעט . זאלין אריין גיין כהנים מיט פעלערס צו די ארבעט : דיא מצוה איז עס זאלין אריין גיין כהנים וואס זענען טהור . אז עס איז אבער ניטא כהנים וואס זענען טהור וואס זאלען קענען דיא ארבעט . זאלין אריין גיין כהנים וואס זענען טמא צוא דיא ארבעט . אבער נאר כהנים ניט ישראלים . אפילו ישראלים וואס זענען טהור אונ האבין ניט קיין פעלער . טארין אויך ניט אריין גיין צווישען אולם אונ מזבח . האבען דיא רבנן גיפרעגט אויב עס איז דא אכהן וואס איז טמא אונ האט ניט קיין פעלער . אונ עס איז דא אכהן וואס האט אפעלער אונ ער איז טהור . וועלכער פון זייא זאל אריין גיין צווישען אולם אונ מזבח צו די ארבעט . רב חייא בר אשי זאגט פון רבס וועגין דער טמא וואס האט ניט קיין פעלער זאל אריין גיין . ווארום ביי דיא קרבנות פון אלע יודין אויב עס איז ניטא קיין כהן טהור . מעג מקריב זיין אכהן טמא . אבער אכהן מיט אפעלער טאר קיין מאהל ניט מקריב זיין . רבי אלעזר זאגט דער כהן מיט דעם פעלער זאל אריין גיין . ווייל ער מעג עסין קרבנות אבער אכהן טמא טאר ניט עסין קרבנות :

# סליק מסכת ערובין